YIDDISH BOOK CENTER NEWSPAPERS COLLECTION
NUMBER KC5780-185mfv01i33

GERECHTIGKEIT (YIDDISH JUSTICE)

Volume 1 Issue 33
August 1919

THE KHEEL CENTER FOR LABOR-MANAGEMENT
DOCUMENTATION AND ARCHIVES
CORNELL UNIVERSITY LIBRARY

YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

This collection was made possible with the support of
Abby Joseph Cohen and David M. Cohen.

Gerechtigkeit (Vol. 1, Iss. 33)

Keywords

International Ladies' Garment Workers' Union, ILGWU, Gerechtigkeit, labor unions, clothing workers, textile workers, garment workers, garment industry, New York, United States, Yiddish, Jewish

Comments

Justice was the official publication of the International Ladies' Garment Workers' Union ILGWU from 1919 to 1995. Editions of *Justice* were published in English, Italian, Spanish, and Yiddish. When compared side by side, the content of some of these different editions of *Justice* shows significant differences. *Gerechtigkeit* was the Yiddish-language edition of *Justice*.

This article is available at DigitalCommons@ILR: https://digitalcommons.ilr.cornell.edu/gerechtigkeit/34

GERECHTIGKEIT

גערעכטיגקייט

„מיר ווילען, מיר מוזען זיין גערעכט אפילו צו די, צו וועלכע עס גלוסט זיך אונז צו זיין אומגערעכט".
— וואודראו ווילסאן.

בצדקתי החזקתי ולא ארפה (איוב, כ״ז, 6).
אין מיין גערעכטיגקייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט פאר־לאזען.

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לײדיעס גארמענט וואירקערס יוניאן

Vol. I. No. 33. New York, Friday, Aug. 29, 1919, פרייטאג, דער 29טער אויגוסט PRICE 3 CENTS

לאס אנדזשעלעס קלאוק־מאכער סטרייק געסעטעלט

(ספעציעלע טעלעגראמע פון פרעזידענט שלעזינגער)

לאס אנדזשעלעס, אויג. 25. —

דער קלאוק מאכער סטרייק אין לאס אנדזשעלאס, וועלכער האט אנגעהאלטען 10 וואכען צייט, איז היינט, מאנטאג דעם 25טען אויגוסט, געסעטעלט געווארען מיט א פאלשטענדיגען זיעג פאר דער יוניאן.

די ארבייטער האבען געוואונען אלע זייערע פאדערונגען און די שמחה איז דא זעהר גרויס. זיי וועלען פייערען זייער זיעג דעם מיטוואך דורך א באנקעט וואס איז אויף גיך ארראנזשירט געווארען. איך פאהר דאנערשטאג אוועק קיין סאן פראנציסקא, וואו די ארבייטער אין קלאוק טרייד פאדערען דיזעלבע באדינגונגען, ווי די וועלכע די לאס אנדזשעלעס'ער ארבייטער האבען געוואונען. בענ. שלעזינגער.

דיעזע קורצע טעלעגראמע פון פרעזידענט שלעזינגער רעדט זעהר פיעל.

דער קלאוקמאכער סטרייק אין לאס אנדזשעלעס איז געווען א פארצווייגעלטער און זעהר א פארביטערטער. ער האט געדויערט איבער 10 וואכען און די בעלי בתים דארטען האבען געזוכט פארשיעדענע מיטלען ווי אזוי דעם סטרייק צו ברעכען. אבער קלאוקמאכער בלייבען קלאוקמאכער, וואו זיי זאלען זיך ניט געפינען, אפילו ביי די ברעגען פון פאסיפישען ים! זיי האבען געקעמפפט מיט גרויס מוט און אויסדויער ביז, יא ביז פרעזידענט שלעזינגער איז געקומען אהין און זיי געהאלפען דעם סטרייק סעטלען.

פרעזידענט שלעזינגער'ס פאהרען אהין איז ווירקליך געווען, וואס מען רופט, „א זעהר גוטער שאך־צוג", און, ווי איהר זעהט, האט דאס ווירקליך „געמאכט מאט" די פאר'עקשנ'טע קלאוק־מאנופעקטשורערס פון לאס אנדזשעלעס. זיין קומען אהין פון אזוי וויים האט געמוזט האבען די געווינשטע ווירקונג ניט נאר אויף די קלאוק־מאנופעקטשורערס, נאר אויך אויף דער גאנצער דארטיגער עפענטליכער מיינונג. און דאס איז, פארשטעהט זיך, אויסגענוצט געווארען צו גונסטען פון דעם סטרייק.

און דער קאמפף און זיעג פון אונזערע בראווע קלאוקמאכער אין ניו יארק שפרייט זיך אויס אלץ ווייטער און ווייטער! דער קאמפף און זיעג האט זיך אנגעפאנגען ביי די ברעגען פון דעם אטלאנטיק און עס האלט שוין ביי די ברעגען פון דעם פאסיפיק!

בראוואָ, קלאוקמאכער פון איבעראל! אונזערע וויקטארי־באנקעטען ווערען שוין יעצט געפראוועט אין ניו יארק אין לאס אנדזשעלעס אין איין און דער זעלבער צייט!

אינטערנעשאנאל לאקאלס אין באסטאן אין א גלענצענדען צושטאנד

דער סטרייק פון דער רעינקאוט מאכער יוניאן לאקאל 7 געסעטעלט צו גונסטען פון די ארבייטער.

סעקרעטער אב. באראף האט לעצטען מיטוואך און דאנערשטאג פארבראכט אין באסטאן און ער איז צוריקגעקומען גאנץ באגייסטערט וועגען דעם גוטען צושטאנד, אין וועלכען עס געפינען זיך דארט אלע אונזערע לאקאלס. „עס איז ניט א האר איבערטריבען צו זאגען, — האט ברודער באראף ענטוזיאסטיש אויסגערופען צוריקקומענדיג — דאס אלע אונזערע אינטערנעשאנאל לאקאלס אין באסטאן געפינען זיך דארט אין א גלענצענדען צושטאנד."

ברודער באראף איז אהין געפאהרען הויפטזעכליך אום אנטייל צו נעהמען אין א קאנפערענץ צווישען דעם דזשאינט באארד פון דער קלאוקמאכער יוניאן אין באסטאן און דער מאנופעקטשורערס אסאסיאיישאן, און ערשט אויף דעם קאנפערענץ איז פארמעל אונטערגעשריבען געווארען דער אגרימענט פונ'ם סעטעלמענט אין דער קלאוק־אינדוסטריע, וואס די באסטאנער קלאוק מאכער האבען געוואונען דורך זייער לעצטען סטרייק.

ווי די לעזער פון דער „גערעכטיגקייט" געדענקען אודאי, האבען די באסטאנער קלאוקמאכער געסטרייקט גלייך נאך דעם קלאוקמאכער סטרייק אין ניו יארק און זיי האבען דעם סטרייק שנעל געוואונען. זיי האבען זיך צוריקגעקעהרט זיעגרייך צו דער ארבייט.

וואס אנבאלאנגט דעם סעטעלמענט אין אלגעמיין, האבען זיך די באסטאנער קלאוקמאכער גאר ניט וואס צו שעהמען געגען די ניו יארקער קלאוקמאכער. זיי האבען געוואונען פאר זיך די זעלביגע ארבייטס־באדינגונגען ווי אין ניו יארק און די קלאוקמאכער דארטען זיינען פונקט אזוי צופריעדען פונ'ם סעטעלמענט, ווי עס זיינען די קלאוקמאכער אין ניו יארק. אויך דער סטרייק אין באסטאן איז דעמאלט געסעטעלט געווארען דורך א קאנפערענץ און די ארבייטער האבען זיך אומגעקערט זיעגרייך צו דער ארבייט. עס זיינען אבער געבליבען אייניגע קלענערע פונקטען, וועלכע האבען נאך געדארפט אויסגעגליכען ווערען, און דאס איז ערשטענס געטאן געווארען לעצטע וואך אויף דער קאנפערענץ מיט די בעלי בתים אויף וועלכער סעקרעטער באראף איז געווען אנוועזענד און דער אגרימענט איז פארמעל אונטערגעשריבען געווארען פון ביידע צדדים.

ברודער באראף האט דארט אויך ביינעוואוינט א שעהנעם, וויכטיגען מיטינג פון דזשאינט באארד פון דער קלאוקמאכער יוניאן. די יוניאן געפינט זיך אין א גוטען צושטאנד. אויך דארט האט די סיסטעם פון וואך־ארבייט געהאט א זעהר גוטע ווירקונג. די קלאוקמאכער אין די שעפער פיהלען זיך אויסגעצייכענט, די ליעבע צו דער יוניאן וואקסט פון טאג צו טאג און די יוניאן ווערט דארט אלץ שטארקער און איינפלוסרייכער.

אזוי ווייט וואס אנבאלאנגט די קלאוקמאכער יוניאן. אבער אין באסטאן זיינען דא נאך אנדערע אינטערנעשאנאל לאקאלס, די וועיסט און דרעסמאכער יוניאן לאקאל 49, די רעינקאוט־מאכער יוניאן לאקאל 7 און די ליידיעס טיילארס יוניאן לאקאל 36.

דער סטרייק פון דער רעינקאוט־מאכער יוניאן לאקאל 7 איז געסעטעלט געווארען צו גונסטען די ארבייטער. די ארבייטער האבען געוואונען א 44־שטונדיגע ארבייטס־וואך און א באדייטענדע העכערונג אין שכירות. דער סעטעל־

(שלוס אויף זייטע 20.)

ניו יארקער ליידיס טיילארס גרייט צו א גענעראל סטרייק

די הויפט פאדערונגען זיינען: וואך־ארבייט, א 44 שטונדיגע ארבייטס־וואך און א מינימום סקייל פון 50 דאלאר א וואך. — וויס פרעזידענט ס. לעפקאוויטש ווערט גערופען פון אונזער אינטערנעשיאנעל צו העלפען פיהרען דעם סטרייק.

ביי אונזערע ליידיעס טיילארס און אלטערישאן שניידער לאקאל 80 געהט איצט ווידער און א גאנץ ענערגישער ארגאניזאציאנס־קאמפיין, אונטער דער דירעקציאן פון אונזער וויס פרעזידענט סאמיועל לעפקאוויטש, און די יוניאן איז שוין פאקטיש גרייט ארויסצורופען א גענעראל־סטרייק פאר די נייע פאדערונגען.

ברודער לעפקאוויטש איז ביי דער ליידיעס טיילארס יוניאן שוין מעהר קיין גאסט ניט. דאס איז שוין דאס דריטע מאל, וואס ער איז מיט דער יוניאן, זייט דעם יאהר 1917. ער האט שוין מיטגעמאכט מיט דער יוניאן צוויי גענעראל סטרייקס. דער איצטיגער סטרייק וועט זיין דער דריטער. ער איז גאנץ באליעבט ביי די מיטגליעדער פון דער יוניאן און זיי האבען צו איהם דאס גרעסטע צוטרויען.

דעם קומענדען 1טען סעפטעמבער ענדיגט זיך דער אגרימענט צווישען דער ליידיעס טיילארס יוניאן און די בעלי בתים, און צו דיעזער געלעגענהייט שטעלט די יוניאן ארויס נייע פאדערונגען — פאדערונגען לויט דער צייט און לויט די אומשטענדען. די הויפט פאדערונגען פון דער יוניאן זיינען:

1. וואך־ארבייט.
2. א 44 שטונדיגע ארבייטס־וואך.
3. א מינימום סקייל פון 50 דאלאר א וואך, און נאך אייניגע אנדערע פארבעסערונגען.

וואס אנבאלאנגט וואך־ארבייט דארף דא געזאגט ווערען, דאס די ניו יארקער ליידיעס טיילארס יוניאן איז אייגענטליך געווען די ערשטע לאקאל־יוניאן אין אונזער אינטערנעשאנאל צו קעמפפען פאר וואך־ארבייט. נאך מיט אייניגע יאהר צוריק האט די יוניאן ערקלעהרט א סטרייק פאר וואך־ארבייט און האט דעם סטרייק געוואונען. די באסעס האבען זיך דעמאלט ניט געקענט העלפען און האבען איבער גוואלד נאכגעגעבען. זיי

אינהאלט־פארצייכניס

נומער 33 „גערעכטיגקייט".

זייט 2. די וואך — ש. י.
זייט 3. וויכטיגע פאסירונגען אין דער קלאוק אפערייטארס יוניאן, לאקאל 1 — פ. קאטלער.
זייט 4. וואס הערט זיך אין דער באגען עמברוידערערס יוניאן לאקאל 66? — אסיפ וואלינסקי. א „זייגעזונד" צו די מיטגליעדער פון לאק. 35 — א. א. קאזאן.
זייט 5. באנקעט־נאכוועהען — דזש. העלער. עקזאמינערס, באגראדערס, בושלערס יוניאן, לאקאל 82 — מ. י. אשפיז.
זייט 6. סטרייקס און סאציאלע רעוואלוציע — נ. פאמעראנץ. נאך אנדערעס.
זייט 7. אונזערע לעצטע קעמפע און זיעגע — אב. באראף. די קאנצערטען אין צייט פון סטרייקס — פאניא מ. קאהן.
זייט 8. ליגדעלין — יאנאס ליע.
זייט 9. כאכ'ן רעגען (געדיכט) — מ. סילווערמאן. א בריעוועל צום רעדאקטער — ס. סנדלער.
זייט 10. פון רעדאקטארס נאטיץ ביכעל. מעקסיקא (פעליעטאן) — א. וואהלינער.
זייט 11. די אמעריקאן פעדעריישאן אוו לייבאר — ש. יאנאווסקי.
זייט 12. דער עקזיארען סטרייק אויף ברעדוויי — ליליפוט.
זייט 13. א פאראורטיילטער (ערצעהלונג) — א. באביטש.
זייט 14. די עבערט־נאסקע רעגירונג און די אידען — א. גלאנץ. נ. נ. א וואך! — דר. ק. לעא.
זייט 15. צו דער פראגע פון א יוניפארם וואידזש־סקייל אין דער קלאוק אינדוסטרי — מ. סלאווין.
זייט 16. די פרויען־וועלט — ראזע בעדריק בלינדער.
זייט 17. קורצע שמועסען.
זייט 18 און 19 — אדווערטייזמענטס.
זייט 20. קניגים פון אונזער אינטערנעשאנאל אין דער פרעסע — א סטעזש־רעפארטער.

צו אלע קלאוק, סקוירט, און ריפער מאכער פון גרויס ניו יארק!

נעקסטער מאנטאג, לייבאר דיי, איז א געזעצליכער יום טוב און די ארבייטער אין די קלאוק, סקוירט און ריפער שעפער טארען דעם טאג ניט ארבייטען. אלע ארבייטער פון די שעפער דארפען קריגען פאר דעם טאג באצאהלט.

אויב א קלאוקמאכער וועט געטראפען ווערען ביי דער ארבייט יענעם טאג וועט ער גערופען ווערען צו דער גריוועגס קאמיטע און וועט שטרענג באשטראפט ווערען.

אין נאמען פון דזשאינט באארד פון דער קלאוק, סקוירט און ריפער מאכער יוניאן. ל. לאנגער, סעקרעטער.

און אפיעל צו אלע ארבייטער!

שוועסטער און ברידער!

רעאקציאנערע קרעפטען, פארטראטען דורך אזעלכע ארגאניזאציאנען ווי די לוסק קאמיטע, די נעשאנאל סעקיוריטי ליגע און די יוניאן ליגע קלאב, מאכען אן ענטשיידענדע אטאקע אויף אמעריקאנער אינסטיטוציאנען און אויף אונזער קאנסטיטוציאנעלע פרייהייטען. אהן דעם שאטען פון אן ענטשולדיגונג האבען זיי אטאקירט די רענד סקול, מיט דעם אויסגעשפראכענעם צוועק זי צו פארניכטען. דערווייל, אין יעצטיגען פאל, האבען זיי געהאט א ניעדערלאגע, אבער עס איז זייער אבזיכט צו פארניכטען פאלשטענדיג יעדע פארמע פון ליבעראלע און ראדיקאלע טעטיגקייט. זיי האבען צוריקגעבראכט צום לעבען די צייטען און מעטאדען פון דער צארישער רוסלאנד! אויב זיי וועט זיך נאר איינגעבען צו פארניכטען די רענד סקול און עהנליכע אינסטיטוציאנען, וועלען זיי זיך נעהמען, נעקסט צו די ארבייטער יוניאנס. דאס איז שוין אנגעצייגט געווארען אין די באריכטען אין דער פרעסע וועגען די מאטען פון דער לוסק קאמיטע.

אין דיזען קריזיס איז עס נויטיג פאר אלע ארבייטער יוניאנס צו שטעהן צוזאמען. די איצטיגע אטאקע ווערט געמאכט אויף דער סאציאליסטישער באוועגונג און פארשידענע סאציאליסטישע ארגאניזאציאנען. אבער די פאלגען זיינען פון גרויס וויכטיגקייט צו יעדע פראגרעסיווע ארבייטער-גרופע. עס וועט באלד קומען אן ענטשיידענדע אטאקע אויף אלץ, וואס די ארבייטער האבען געוואונען אין דער לעצטער צייט. דער קאמף פון די סאציאליסטען היינט-צו-טאג איז אויך דער קאמף פון די יוניאנס.

די אטאקע קומט אין א צייט, ווען די פאנדס פון דער סאציאליסטישער באוועגונג זיינען זעהר קליין. סאציאליסטישע און אנדערע ראדיקאלע רעדנער, ארגאנייזערס און בעאמטע זיינען אין דזשייל, אדער אונטער אנקלאגע. דער עקספענס פון פארטיידיגען זיי איז גרויס. דיזע מענער האבען געקעמפפט די קעמפפע פון ארבייט! — און ארבייטער טארען זיך ניט ערלויבען זיי צו פארלאזען!

אום אנטקעגען צושטעלען זיך דער פראפאגאנדא פון די רעאקציאנערען, מוז אנגעפיהרט ווערען א בילדונגס-קאמפיין. ליטעראטור מוז פארשפרייט ווערען, און רעדנער מוזען ארויסגעשיקט ווערן, אוועקצושטעלען דעם ארבייטער'ס קייס פאר דעם פובליקום. א באוועגונג צו שאפען $100,000 פאר א פאנד, צו געברויכען גענען רעאקציאן אין אלע איהרע פארמען, האט זיך אנגעפאנגען.

אייער ארגאניזאציאן מוז העלפען שאפען דיזע געלד. די פראגע פון איצטיגען מאמענט נעהמט ארום דאס גאנצע פעלד פון אונזערע קאנסטיטוציאנעלע פרייהייטען, אויב איהר ווילט געניסען פרייהייטען פון ווארט, פרייהייט פון דער פרעסע, דאס רעכט פון אלע מענשען צו זייערע מיינונגען, טאי דיזע מיינונגען זיינען אין אנקלאנג מיט יענע פון די רעגירענדע קרעפטע, אדער ניט; אויב איהר גלויבט אין דעם רעכט פון מענשען זיך צו ארגאניזירען פאר געזעצליכע צוועקען, דאן איז עס אייער פליכט זיך אנצושליסען און העלפען שאפען דיזען פאנד.

עס איז אנגעגאנגען א טעטיגער קאמפיין פון פארלוימדונג און פאסקווילען גענען די סאציאליסטען און די יוניאנס. זייט ניט נעגארט! אויב איהר וועט דערלאזען די סאציאליסטישע באוועגונג צו דערשטיקען, וועלען די זעלבע קרעפטען אין דער נאהענטער צוקונפט אייך אויך דערשטיקען. קאפיטאליסטען האבען פיינט די ארבייטער יוניאנס ניט ווייניגער ווי זיי האבען פיינט די סאציאליסטען.

די געלד צו פארטיידיגען ראדיקאלע, ליבעראלע און פראגרעסיווע ארגאניזאציאנען קען בלויז קומען פון די ארבייטער אליין. מיר, די אונטערצייכנטע, א קאמיטע וואס פארטרעט א קאנפערענץ פון ארבייטער יוניאנס, נעגרינדעט פאר דעם צוועק צו העלפען שאפען דיזען פאנד, אפעלירען צו אייך, אלס פריינד פון פרייהייט און אלס מיטגלידער פון דעם ארבייטער קלאס, איהר זאלט אנווענדען אייער מיה און העלפען מאכען דיזען פאנד פאר אן ערפאלג.

מיר אפעלירען צו אלע ארבייטער ארגאניזאציאנען, צו טאן צוויי זאכען: 1) ביישטייערען אזוי גרויסמוטיג ווי מעגליך פון די פאנדס פון זייערע ארגאניזאציאנען; און 2) פארשפרייטען סובסקריפשאן-ליסטען צווישען די מעמבערס דורך דער פערמיטלונג פון די שאפ-טשערלייטע. מיר אפעלירען צו אלע מיטגלידער פון ארבייטער ארגאניזאציאנען און צו אלע ליבעראל-דענקענדע און פרייהייטס-ליבענדע מענשען — בייצושטייערען אזוי גרויסמוטיג ווי מעגליך פאר דיזען נאבעלען צוועק.

עס איז א פראגע פון הויכער פאלקס-פליכט פאר יעדען איינעם, סאציאליסט אדער ניט-סאציאליסט, צו קומען צו הילף דעם פראגרעסיווען געדאנק. מיר לעבען אין אויסערארדענטליכע צייטען. די אמעריקאנער פרייהייט ווערט געשטעלט אין געפאהר. יענע רעכטע, וועלכע זיינען פאר פילע יאהרען געווען פארזיכערט אלס אונזער אייגענס און אויף וועלכע מיר האבען די גאנצע צייט געקוקט ווי אויף אונזערע — ווערען איצט געדראהעט פון מענער און קרעפטען, וואס האבען קיינמאל ניט פארשטאנען די באדייטונג פון פרייהייט און דעמאקראטיע.

פאראייניגטע ארבייט איז נויטיג! מיר פארלאזען זיך אויף אייך! מיר זיינען זיכער אז איהר וועט טאן אייער פליכט!

לייבאר יוניאן קאנפערענץ צו באקעמפפען רעאקציאן,
א. י. שיפליאקאב,
טשערמאן קאנפערענץ קאמיטע.
דזשאזעף שלאסבערג,
טשערמאן פינאנס קאמיטע.
אייברעהעם בארא,
טרעזשורער.

די אפיציעלע סובסקריפשאן-ליסטען וואס טראגען די אונטערשריפטען פון דער פינאנס קאמיטע, ווי אנגענעבען אויבען, וועלען זיין פארטיג אין עטליכע טעג ארום. זייט גרייט ווען זיי ערשיינען. דערווייל זיינען ביישטייערונגען זעהר נויטיג. שיקט אייער געלט צום טרעזשורער:

אייברעהעם בארא, 7 איסט 15טע סט.
רום 501, ניו יארק.

דער מיטינג פון דעם עקזעקוטיוו באארד פון דער ווייסט און דרעסמאכער יוניאן לאקאל 25

א ספעשעל מיטינג פון עקזעקוטיוו באארד פון דער לײדיעס ווייסט און דרעסמייקערס יוניאן לאקאל 25 איז אפגעהאלטען געווארען פרייטאג, דעם 15טען אויגוסט, 1919. שוועסטער ראוז פער, טשערליידי.

די מענעדזשערס און די קאנפערענץ-קאמיטע באריכטען, דאס זיי האבען אפגעהאלטען א מיטינג מיטוואך, דעם 13טען אויגוסט, 1919, אין אפיס פון דער אינטערנעשאנאל, מיט בר. בארא אלס טשערמאן.

די פראגע פאר דער קאמיטע צו פארהאנדלען איז געווען די ראטזאמקייט פון פאדערען א פלעט רייט פאר אלע וואך-ארבייטער אדער פאדערען א רעוויזיאן פון די מינימום-סקיילס.

נאך א לענגערער דיסקוסיאן, האט די קאמיטע באשלאסען צו רעקאמענדירען צום באארד צו פאדערען א רעוויזיאן פון די מינימום-סקיילס, ווי זיי עקזיסטירען יעצט אין דער אינדוסטריע. לויט דיזער אראנזשמענט, וועלען די מינימום סקיילס אינדירעקט געהעכערט ווערען.

די קאמיטע רעקאמענדירט ווייטער, דאס די פאלגענדע מינימומס זאלען געפאדערט ווערען ביי די קאנפערענצען מיט די אסאסיאיישאנס:

דרייפערס, וואס קריגען יעצט 23 דאלאר, זאלען קריגען 28 דאלאר.

סעמפעל מייקערס, וואס קריגען יעצט 22.50, זאלען קריגען 26 דאלאר.

עקזעמינערס, וואס קריגען יעצט 17.50, זאלען קריגען 22 דאלאר.

פינישערס, וואס קריגען יעצט 15.50, זאלען קריגען 20.00.

אייראנערס (פרויען), וואס קריגען יעצט 20.50, זאלען קריגען 24 דאלאר.

אייראנערס (מענער), וואס קריגען יעצט 24.50, זאלען קריגען 28 דאלאר.

פרעסערס, וואס קריגען יעצט 33.00, זאלען קריגען 38 דאלאר.

קלינערס, וואס קריגען יעצט 13 דאלאר, זאלען קריגען 17 דאלאר.

דער באזיס-רייט פאר אפרייטארס זאל געהעכערט ווערען פון 50 סענט צו א דאלאר.

די קאמיטע באריכטעט ווייטער, דאס אזוי ווי דער סופליי פון ארבייטער אין אונזער אינדוסטריע איז יעצט ניט גענינענד, און אזוי ווי די אסאסיאיישאנס האבען געקראגט די פארזיכערונג פון דער יוניאן, ווען דער דזשענעראל סטרייק איז געסעטעלט געווארען, דאס אזוי שנעל ווי נארמאלע קאנדיציאנען וועלען צוריקגעשטעלט ווערען אין דער אינדוסטריע, וועט זיי ערלויבט ווערען צו באשעפטיגען לערנערס אין די דרייפינג און אייראנערס דעפארטמענטס. רעקאמענדירען זיי די פאלגענדע אראנזשמענטס:

1) דרייפערס לערנערס. לערנער זאל ערלויבט ווערען אין א שאפ, וואו ניט ווייניגער פון 3 דרייפערס ווערען באשעפטיגט. דיעזער סארט לערנער זאלען אנפאנגען מיט 19 דאלאר א וואך און נאך צוויי מאנאטען זאלען זיי קריגען דעם סקייל פון די פולע דרייפערס.

2) איירא ערס-לערנערס. איין לערנער זאל ערלויבט ווערען אין א שאפ, וואו ניט ווייניגער פון 3 איירא־נערס ווערען באשעפטיגט. אין שעפער, וואו צעהן אדער מעהר אייראנערס ווערען באשעפטיגט, זיינען ניט מעהר ווי צוויי לערנערס ערלויבט. דיעזער סארט לערנערס זאלען אנפאנגען מיט 17.50 דאלאר א וואך און נאך צוויי מאנאטען זאלען זיי קריגען דעם רעגולאר סקייל.

3) דאס א רעדזשיסטריישאן ביורא פאר לערנערס זאל עטאבלירט ווערען. קיין לערנער, וואס צייגט ניט קיין רעדזשיסטריישאן-קארד פון דער יוניאן, זאל ערלויבט ווערען אנגעשטעלט צו ווערען אין א שאפ.

4) יעדער אפליקאנט פאר א לערנער'ס רעדזשיסטריישאן-קארד זאל איינצאהלען 5 דאלאר אין דער יוניאן, און נאך דער טרייעל-פעריאדע זאל ער זיך אנשליסען אן דער יוניאן.

5) קיין באס זאל האבען דאס רעכט אנצושטעלען א לערנער, סיידען ער האט געגעבען 48 שטונדען נאטיס דער יוניאן און סיידען די יוניאן פארפעהלט איהם צו שיקען א פולען ארבייטער. דער לערנער קען דאן אנגעשטעלט ווערען לויט די רעגולײשאנס פון פאראגראף 3.

דער רעפארט פון דער קאנפערענץ- און מענעדזשערס-קאמיטע ווערט איינשטימיג אנגענומען. די מענעדזשערס ווערען אויפגעפאדערט צו אינסטרואירען אלע ביזנעס איידזשענטס צוצוגרייטען ליסטס פון אויסקיפטע פון די פארשידענע שעפער און פון די פארשידענע וואך-ארבייט דעפארטמענטס. די מענעדזשערס ווערען אויך אויפגעפאדערט צו מאכען אראנזשמענטס פאר די קאנפערענצען מיט די אסאסיאיישאנס.

י. שעהנהאלץ, סעקרעטער.

קלאוק מאכער יוניאן לאקאל 11

אפרייטארס, פינישערס און סקירט מאכער
אויפמערקזאם!

א ספעשעל מיטינג

וועט אפגעהאלטען ווערען
מיטוואך אבענד, דעם 27טען אויגוסט, 9191
אין לייבאר סיסעאום, 219 סעקמאן סטריט, רום 403.

יעדער מעמבער איז געבעטען צו קומען צו דיזען מיטינג וואו די פראגע פון העכערען די דיוס וועט פארהאנדעלט ווערען. צוליעב די שלעכטע וועטערען וואס איז לעצטענס געווען זיינען אונזערע מיטינגען ניט געווען גוט באזוכט און דיזע וויכטיגע פראגע איז אפגעלעגט געווארען פאר א גינסטיגע צייט, וואו אלע מעמבערס וועלען קאנען קומען און נעמען איין אנטייל. דארום איז די פליכט פון אלעמען צו קומען און מאכען דיזען מיטינג סוקסעספול.

מיט גרוס,

עקזעקוטיוו באארד לאקאל 11
ה. בראדסקי, סעק.

א מיטינג פון טאראנטא'ער קלאוקמאכער אין ניו יארק

די טאראנטא'ער קלאוקמאכער וועלכע זיינען יעצט אין ניו יארק, האבען אפגעהאלטען א פארזאמלונג אין אפיס פון לאק. 1 פון דער אפרייטארס יוניאן, מיט דעם צוועק צו העלפען די סטרייקער אין טאראנטא. דער מיטינג איז אדרעסירט געווארען פון וויס-פרעזידענט קאלדאווסקי, וועלכער איז צופעליג געווען אין ניו יארק.

וויס פרעזידענט קאלדאווסקי האט באריכטעט וועגען די לעצטע פאסירונגען אין דעם גאנג פון דעם סטרייק אין טאראנטא און האט אפעלירט צו דער פארזאמלונג צו שטיצען די טאראנטא'ער סטרייקער.

עס איז גלייך געשאפען געווארען 211 דאלאר אויפ'ן פלאץ און די פארזאמלטע האבען זיך פארפליכטעט צו צאהלען און אויך קאלעקטען פון אלע אנדערע טאראנטא'ער קלאוקמאכער וועלכע זיינען יעצט אין ניו יארק פינף דאלאר א וואך פון אונפארהייראטע און דריי דאלאר א וואך פון פארהייראטע.

די געלדער וועלען דארפען געבראכט ווערען צו פ. קאטלער, מענעדזשער פון לאק. 1, אין אפיס 238 פיפטע עוו.

…ען זיין מעות, און דאן? אבער
… עס אונזערע פאליטישענס פאר
… רערוויל, הייסט עס, קעמפט
…ן יקרות, פארוואס דער עולם
…ט זיין אנדערש, ווי דאנקבאר.

…יסע ארגייטער־קעמפפע אין אויסזיכט

…אויף דער קאנווענשאן פון דער
… ל. אין אטלאנטיק סיטי איז
…ם געווארען די פראגע ווי מען
…עם שטאהל־טראסט צו באשעפ־
…יאן־ארבייטער, ווייל מען קען
… דערלאזען, אז אין דער איצ־
…ים פון אלגעמיינעם דראנג און
… זאל דער שטאהל־טראסט בלייב־
… פון די ווענינע פעסטונגען פאר
…יים.
…נטליכע און צוואנציג יאהר צו־
… אין דער שטאהל־אינדוסטריע
…ען איינער פון די גרעסטע
… צווישען ארבייט און קאפיטאל.
… איז נאך דער נאר־וואס פאר־
…ער אנדריו קארנעגיע געווען
…ער בעל הבית, און פריק זיין
…ט. אין יענעם סטרייק זיינען
…בייטער דערשאסען געווארען,
… געווארען אויף דעם גרויזאמ־
…ן. אט דאן האט עס אלעק־
…ערקמאן, דאן נאך נאר א יונ־
…אויפגעטרייסעלט דורך פריק'ס
… אכזריות נעגען די קעמפפענ־
…טער, געפאסט זיין באשלוס צו
…עם מאן, פריק, אויף וועמעס
…די געוואלדיגע רציחות, וואס
…יפגעבראכט די גאנצע וועלט,
…גאנגען געווארען. דער רעזול־
… באקאנט. בערקמאן האט גע־
…הר שלעכט. ער אליין איז פאר־
… געווארען צו 20 יאהר פריזאן,
… ער איז אפגעזעסען איבער 14.
…ייק איז פארלארען געגאנגען,
… דאן האט דארט טריאומפירט
…ציפ פון אפען־שאפ, וועלכער
…געהאלטען ביז איצט, ווען די
…טאהל־אינדוסטריע איז אין די
… שטאהל־טראסט.
…ו פארזיכערען זיך מיט דעם
…, האט דער שטאהל־טראסט
…רט כלומרשט איינענע יונ־
…ך צוגעווארפען די ארבייטער
… צו צייט א באנדעל אין דער
… פון א טייל פון די פראפיטען,
…איז געווען שווער אונטער די
…ען צו טאן שטארקע יוניאן־
… מיט דער צייט איז עס אבער
…נגען צו ארגאניזירען אמת'ע
…פון די ארבייטער פון דעם
…סט, און נים לאנג צוריק איז
…ן געווארען אן אפשטימונג
… ארבייטער און 98 פראצענט
…שטימט פאר א סטרייק.
…האבען די בעאמטע פון די יונ־
…טלאסען פריהער צו פרובירען
…קאנפערענץ מיט די פארשטע־
…טאהל־טראסט. אבער דאס איז
… פראגע, צי דער שטאהל־טראסט
…שטימען צו פארהאנדלען מיט
…עהער פון די יוניאנס.
…ן צייט צוריק, אויף א בריעף
…ענט גאמפערס, האט מר. גערי,
…דענט פון דעם שטאהל־טראסט,
…ט קורץ און שארף, אז „מיר
…ן נים, מיר פארהאנדלען נים
…אקעמפפען נים ארבייטער־יונ־
… אזעלכע. מיר שטעהען פאר
…ן שאפ". מיר דענקען, אז דיע־
…ג פארזיכערט די בעסטע בע־
… פאר די ארבייטער אין אלגע־
…ויף פאר די ארבייטס־געבער."
… דער פרעזידענט פון שטאהל־
…ינם נאך איצט צו בלייבען ביי
…לונג", דאן איז דער סטרייק
…שטאהל־אינדוסטריע א זיכערע
…גליך, ער וואלט שוין איצט
…יכען, ווען מען וואלט נים גע־
… גאמפערס'ען, וואס איז שוין
…ך צוריקגעקומען פון איי־
…ר ווי עס איז, אויב ביי
…טען אקטאבער זאלען די פאר־
… נים פיהרען צו נארנים, דאן
…יכער קומען צו א סטרייק.
…דע פאדערונגען זיינען דער
…געשטעלט געווארען: 1) דאס
… קאלעקטיוו בארגיינינג. 2)
…אנשטעלען פון אלע ארבייר־
… זיינען אפגעזאגט געווארען
… יוניאן־טעטיגקייט און מיט
… פאר דער פארלארענער צייט.
… שטונדען טאג. 4) איין טאג
…יבען. 5) די אפשאפונג פון
…ע שיפטס. 6) א העכערונג

אין ווירזשעס, וואס זאל זיין גענוג צו גאראנטירען אן אמעריקאנער לעבענס־סטאנדארד. 7) א סטענדארד סקייל פון ווירזשעס פאר אלע סארטען ארבייטער. 8) דאפעלטע באצאהלונג פאר איבער־ציים־ארבייט און פאר ארבייט פון זונטאגס און יום טובים. 9) א טשעק־אף־סיסטעם צו קאלעקטירען יוניאן־דיוס. 10) פרינציפען פון לאנגקיים פון ארבייט, וואס זאל אנגעווענדעט ווערען ביים איפהאלטען, רעדוצירען אדער פארגרעסערען די ארבייטס־קרעפטען. 11) די אפשאפונג פון קאמפאני־יוניאנס. 12) די אפשאפונג פון קערפערליכער אונטערזוכונג פון די אפליקאנטען פאר ארבייט.

אט דאס זיינען די פאדערונגען, וועלכע די שטאהל־ארבייטער, אונטער דער פיהרונג פון דער פעדערישאן, זיינען ענטשלאסען אויסצופיהרען. און אויב דער שטאהל־טראסט וועט בלייבען אזוי שטייף ווי ביז איצט, איז א קאמפף, א גרויסער קאמפף אונפארמיידליך. עס איז איבעריג צו זאגען, אז דאס, וואס קאפיטאל האט געקענט טאן מיט עטליכע און צוואנציג יאהר צוריק אין דער האמסטעד־סטרייק, וועט עס נים קענען טאן איצט, און דאן, אויב די ארבייטער זיינען ווירקליך ערנסט אין זייערע פאדערונגען, ווי דאס באווייזט דער פאקט פון זייער אפשטימונג, איז שווער איינצוזעהן, ווי אזוי זאגאר דער מעכטיגער שטאהל־טראסט קען ערווארטען צו געווינען געגען די ארבייטער.

א צווייטער גרויסער סטרייק, וואס איז אין אויסזיכט, איז דער פון די ארבייטער אין די בילדינג־טריידס. דער סטרייק וועט ארייננעהמען אלע ארבייטער אין די טריידס. די אורזאכע איז א גאנץ איינפאכע: די ארבייטער אין בילדינג טרייד האבען געקראגען שוין עטליכע העכערונגען אין זייערע פרייזען, און זיי האבען יעדעס מאל געמאכט אגרימענטס מיט זייערע באסעס; אבער וואס העלפען אגרימענטס געגען דעם שטייגענדען יקרות? פאדערען זיי אלץ מעהר און מעהר. די באסעס קענען עס נאר נים אריבערטראגען. דערצו נאך עטוואס. אויב זיי גיבען א העכערונג צו איין סארט ארבייטער, ווי, למשל, די פיינטערס א דאלאר א שטונדע, מוזען זיי געבען די זעלבע העכערונג פארהעלטניסמעסיג אלע אנדערע ארבייטער, און דאס גרייכט צו אזעלכע סומען, וועלכע, ווי זיי באהויפטען, זיי קענען בשום אופן נים געבען. עס קען דארום זעהר מעגליך זיין, אז נים שפעטער ווי דעם ערשטען אקטאבער זאל די גאנצע בילדינג־אינדוסטריע זיין אין די קאנוואולסיעס פון א דזשענעראל־סטרייק, אויב די באסעס פון זייער זייט, ווי זיי סטראשען, וועלען נים מאכען פריהער א דזשענעראל לאקאוט.

פרעזענטירט די בעאמטע פון ברוקלינער אפיס

מיר, די ארבייטער פון טשייסין'ס שאפ (בארא פארק) באדויערען דעם פאקט, וואס ברודער ניסנעוויטש דארף נעדארפט פארלאזען דעם ברוקלינער אפיס פון דער קלאוקמאכער יוניאן.

מיר זיינען מיט דער מיינונג, דאס א דאנק ברודער ניסנעוויטש'ס שיינער ארבייט דארפען זיך יעצט די ברוקלינער קלאוק־שעפער נים שעהמען נעגען די ניו יארקער.

אלזא, אנערקענענדיג די גוטע ארבייט, וואס ברודער ניסנעוויץ האט געטאן פאר אונז, האבען מיר איהם פרעזענטירט מיט א גאלדענעם זייגער. מיר האבען אויך פרעזענטירט ברודער בארקין, דעם ביזנעס איידזשענט פון דעם אפיס, מיט א דיימאנד פין און מיר ווינשען זיי ביידע ערפאלג אין זייער נייעם אמט. מיר ווינשען זיי, אז זיי זאלען נים מאכען קיין ערגערען ערפאלג, ווי זיי האבען געמאכט ביי אונז אין ברוקלין.

מיט ברידערליכען גרוס,
א. סיגעל, שאפ־טשערמאן.
פיהרער, לאנדסמאן, יודעסקי,
די קאמיטע.

GERECHTIGKEIT Maintained by and in the interest of the International Ladies Garment Workers Union, Office, 31 Union Square, New York, N. Y. B. Schlesinger, President; S. Yanofsky, Editor; A. Baroff, Secretary-Treasurer; E. Lieberman, Business Manager.

Vol. I. No. 33. New York, Friday, Aug. 29, 1919

Entered as Second Class matter January 25, 1919, at the Postoffice at New York, N. Y., under the Act of March 3, 1879. Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in Section 1103 Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919

וויכטיגע פאסירונגען אין דער קלאוס אפעריי־טארס יוניאן לאקאל 1

פון פ. קאטלער.

אונזערע מעמבער מיטינגען.

מיר האבען שוין איינינע מאל אויפמערקזאם געמאכט אויף דעם כאראקטער פון אונזערע מעמבער־מיטינגען. אבער מיר קענען זיך נים צוריקהאלטען פון אויסדריקען אונזער צופריעדענהיים נאך יעדען מיטינג, ווייל יעדער מיטינג אן און פאר זיך ברענגט ארוים עטוואס נייעס שוין אפילו מיט דעם אליין, וואס יעדען מאל טרעטען ארוים אלץ נייע מענשען, וועלכע האבען עטוואס צו זאגען און זאגען דאס אויף אן אינטעליגענטען אופן. דאס צייגט אבער און ווידער אמאל, אז עס זיינען פאראן א זעהר גרויסע צאהל מענשען, וועלכע פארשטעהען דעם טרייד און וואלטען אויך בעסער פארשטאנען די לאגע, ווען זיי וואלטען זיך נאר פאראינטערעסירען, געקומען צו די מיטינגען און וואלטען בעזאכטען וואס עס טוט זיך אין די אפיסעס, וואו אונזערע מעמבערס קומען מיט זייערע טאג־טעגליכע קאמפליינטס און טראבעלס. דאס וואלט פאר זיי געווען די בעסטע שולע און פאר דער יוניאן וואלט דאס געווען א קוואל פון נייער ענערגיע און לעבענס־קראפט, אין וועלכע די יוניאן נויטיגט זיך אזוי פיעל. און ווען די יוניאן דארף האבען נייע מענשען און נייע קרעפטען, וואלט זי זיי געהאט אנגעגרייטע.

עס איז ווירקליך געווען א פארגעניגען צו בעזאכטען וועלכע פראגען די מעמבערס האבען אויפגענומען צו דיסקוטירען. אי דער אינהאלט פון די פראגען און אי די ארט און ווייזע ווי אזוי זיי זיינען אויפגענומען געווארען האט געמוזט דעם גרעסטען פעסימיסט ברענגען צו דער איבערצייגונג, אז אויב עס געפינען זיך צווישען אונז אזעלכע מענשען און אויב די אטמאספערע איז אויסגעלייטערט געווארען אויף אזוי פיעל, אז דיעזע מענשען קומען יעצט צו די מיטינגען און קענען דיסקוטירען פראגען נים פון א פערזענליכען שטאנדפונקט, מעגען מיר זיין שטאלץ מיט אונזערע מעמבערס און מיט אונזערע מיטינגען, אבוואהל זיי זיינען אין צאהל נים זעהר שטארק באזוכט.

* * *

אונזער קאנצערט אין קופער יוניאן.

אונזער קאנצערט דעם קומענדען לייבאר דעי איז ארראנזשירט פאר א דאפעלטען צוועק: ערשטענס, האבען מיר געוואלט, אז אונזערע מעמבערס זאלען ווירקליך האבען דעם פולסטען גענוס פון דעם יום טוב, ווייל אלע יאהר האבען אונזערע אפרייטארס געסטאפט אום לייבאר־דעי, אבוואהל זיי האבען נים געקראגען באצאהלט פאר דעם טאג; זיי האבען געסטאפט לשם פרינציפ. לציט זאגען אפילו, אז אונזערע אפרייטארס פלעגען נאך העלפען אפסטאפען מאנכע פון די ברענטשעס, וועלכע האבען געדארפט קריגען באצאהלט פאר'ן נים ארביימען און וועלכע פלעגען דאך בגנבה זיך ארויפכאפען אין שאפ. אבער די אפרייטארס האבען אלע מאל געסטאפט. דעם יאהר אבער וועלען די אפרייטארס סטאפען און קריגען באצאהלט, און צוליעב דער געשעהעניש האט די עקזעקוטיוו באשלאסען צו געבען די מעמבערס א געלעגענהייט צו פיהלען דעם יום־טוב מעהר ווירקזאמער ארראנזשירענדיג אן ערשטע קלאסע קאנצערט וואו אונזערע מעמבערס וועלען קענען זיך אמוזירען מיט זייערע פרויען און קינדער, פיהלענדיג אין דער זעלבער צייט אז זיי קריגען פאר דעם טאג באצאהלט. מיר האבען געוואלט אז אויך די פרויען פון אונזערע מעמבערס וועלכע האבען פונקט אזוי ווי די מעמבערס אליין געהאלפען אויפבויען און אויפהאלטען די יוניאן און ברענגען איהר צו דער שטופע אז מיר קענען אפארדען צו פאראנשטאלטען אזא קאנצערט פריי פאר אונזערע מעמבערס, זאלען קריגען א גייסטיגע באלוינונג פאר זייערע אלע ליידען און אויסדויער דורך דער צייט פון אלע סטרייקס און טראבעלס, וועלכע די יוניאן האט דורכגעמאכט און וועלכע זיי האבען מיט אזוי פיעל מוט אריבערגעטראגען.

דאס איז איינס.

צווייטענס איז דיזער קאנצערט אלס א פראבע. די עקזעקוטיווע האט בדעה צו געבען פאר אונזערע מעמבערס א גאנצע רייהע קאנצערטען און טעאטער פארשטעלונגען פאר אונזערע מעמבערס און זייערע פאמיליען פאר דעם קומענדען ווינטער פאר האלבען פרייז ווי עס וואלט זיי געקאסט ווען זיי געהען אליין צו א קאנצערט אדער אין טעאטער. און ס'פארשטעהט זיך אז דאס זאלען זיין ערשטע קלאסע קאנצערטען און טעאטער פארשטעלונגען, ווייל די עקזעקוטיווע מיינט נים צו מאכען קיינע פראפיטען דערביי, דארום וועלען מיר קענען אפארדען צו געבען די בעסטע פארשטעלונגען פאר דעם פרייז וואס עס וועט קאסטען צו דעקקען די עקספענסעס.

דיזער קאנצערט איז אלזא א פראבע צו זעהן ווי אזוי אונזערע מעמבערס וועלען זיי אויפנעהמען, וואס מיר האפען, אז עס וועט זיי געפעלען, ווייל מיר האבען געטריים אונזער בעסט אונטער די אומשטענדען, נעמענדיג אין אנבעטראכט די צייט ווען די מעהרסטע ארטיסטען זיינען נימא אין שטאט און די צייט איז געווען קורץ צו ארראנזשירען. דאך גלויבען מיר, אז מיר וועלען האבען איינעם פון די שענסטע קאנצערטען וואו אונזערע מעמבערס וועלען זיך ווירקליך אמוזירען.

* * *

סאדאווסקי'ס שאפ ווידער אויפ'ן טאגעס ארדנונג.

ווען מען פלעגט אמאל דערמאנען סאדאווסקי'ס שאפ, האט מען שוין פריהער געוואוסט וועגען וואס מען געהט ריידען. עס האט זיך אין געדאנק גלייך פארגעשטעלט די אלע שמערצליכע פאסירונגען וועלכע האבען וועה געטאן יעדען פריינד פון א יוניאן און מען פלעגט גלייך א מאך טאן מיט'ן האנד, ווי איינער זאגט, עס איז נימא קיין האפנונג. אבער ווי גרינדליך די לאגע האט זיך געענדערט.

סאדאווסקי'ס שאפ היינט צו טאג איז נים נאר א גוטער יוניאן־שאפ. נאר מען קען זאגען דער בעסטער יוניאן שאפ. סיי אין קאנדישאנס און סיי אין גייסט. יא, אין גייסט, וואס דאס וועט פיליכט ביי מאנכע קלינגען ווי א פאראדאקס. עס איז אבער דאך אזוי. דער גייסט וועלכער הערשט היינט ביי סאדאווסקי'ן אין שאפ איז א צייכען דער צייט. נים נאר זיינען די ארבייטער צופרידען, נאר אויך די פירמא. די פירמא האט איינגעזעהן אז האנדלענדיג מיט דער יוניאן געווינט זי מעהר ווי האנדלענדיג מיט געוויסע עלעמענטען, און די בעלי מלאכות פארלירען דאביי געווים נים און דאס איז נאך אמאל א באווייז אז וואו נאר די ארבייטער זיינען גוטע יוניאן לייט קען מען פון דעם ערגסטען שאפ מאכען פאר דעם בעסטען.

וואלט זיך אימיצער דען אמאל פארגעשטעלט דאס סאדאווסקי'ס בעלי מלאכות וועלען פרעזענטירען זייער טשערמאן מיט א ווערטפולען פרעזענט? און אז א טשערמאן זאל ווערען רעספעקטירט און געשעצט" און דאס האט איצט פאסירט.

לעצטען זונטאג צו זייער שאפ מיטינג אין סטייוועסענט קאסינא האבען די ארבייטער פון ר. סאדאווסקי פרעזענטירט זייער שאפ טשערמאן מיט א ווערטפולען דימענטענעם רינג, וועלכען קיין איינציגער וואלט זיך נים שעמען אנצוטאן, אבער נים אין די ווערדע פון דעם פרעזענט ליגט די וויכטיגקייט. וויכטיג איז דער אופן ווי אזוי עס איז געגעבען געווארען, אהן הערעם און אהן צערעמאניעס, אבער די הארציגקייט און די דאנקבארקייט וועלכע איז ארויסגעצייגט געווארען אין די עטליכע ווערטער וואס יעדער קאמיטע־מאן פון יעדען ברענטש האט געזאגט, און דער טשערמאן האט ווירקליך דיזע אנערקענונג פארדינט, ווייל ער האט פיעל גוטע ארבייט געטאן אין שאפ, פאר וועלכער האט פארדינט דעם דאנק פון

זיינען אבער אין הארצען פארבליבען גע־
שווארענע נעגנער פון וואך־ארבייט און
האבען געזוכט דורך פארשיעדענע איינ־
טריגען פון דעה סיסטעם פטור צו ווערען.
און ליידער, דורך דער בלינדקייט פון די
ארבייטער גופא, האט זיך זיי ווירקליך
דעמאלס איינגעגעבען זייער טייוועלשען
פלאן דורכצופיהרען, וואך ארבייט איז אפ־
געשאפט געווארען און מען האט וויעדער
אנגעפאנגען ארבייטען פון שטיק. איצט
אבער זיינען די ניו יארקער ליידיעס טיי־
לארס פעסט ענטשלאסען וויעדער צו אר־
בייטען פון וואך און, ווי עס שיינט, וועל־
לען זיי שוין מעהר פון שטיק ניט אר־
בייטען, אונטער קיינע אומשטענדען!

און דאס איז גאנץ נאטירליך. איצט,
ווען כמעט אלע קלאוקמאכער איבערן לאנד
ארבייטער שוין פון וואך, דארפען די ליי־
דיעס טיילארס און אלטערײשאן שניי־
דער אודאי און אודאי ארבייטען פון וואך.
ווארים דיעזער פאך איז א סך מעהר
קאמפליצירט און די ארבייט איז א מעהר
קינסטליכע. די פיעלע „פיטינגס", וואס
די ליידיעס טיילארס דארפען מאכען, און
די פיעלע „אלטערײשאנס" נאך יעדען
„פיטינג" באזונדער מאכט איינפאך דעם
ליידיעס טיילאר קראנק און נערוועז און
נאר וואך־ארבייט קען דערצו העלפען.
וואך־ארבייט איז די איינציגע ראדיקאלע
הילף דערפאר, ווי פאר אלע אנדערע איב־
לען אין דעם טרייד, און אונזערע ליי־
דיעס טיילארס זיינען ענטשלאסען צו
קעמפפען דערפאר, און ווען זיי וועלען
דאס איצט געווינען, וועלען זיי דאס שוין
גוט אפהיטען, אז מען זאל דאס מעהר פון
זיי צוריק ניט אפנעהמען.

דער איצטיגער ארגאניזאציאנס־קעמ־
פיין פון לאקאל 80 נעהט אן שוין זייט
עטליכע וואכען און, ווי ברודער לעפקא־
וויטש גיט אונז איבער, זיינען שוין איצט
ארום 90 פראצענט פון די ארבייטער אין
דעם פאך ארגאניזירט אין דער יוניאן.
די יוניאן געפינט זיך אויך אין א גוטען
פינאנציעלען צושטאנד. די יוניאן איז
איצט אין א סך א בעסערען צושטאנד,
אין אלע הינזיכטען, ווי זי איז דאס גע־
ווען אירגענד ווען פריהער. און אלעס
ווערט איצט געטאן די יוניאן נאך שטאר־
קער צו מאכען.

די הויפט־ארבייט ווערט אוועקגע־
לעגט צו ארגאניזירען די אלטערײשאן־
שניידער פון די דעפארטמענט סטארס
און די ליידיעס טיילארס וואס ארבייטען
אין די ברוקלינער שעפער. די ליידיעס
טיילארס יוניאן איז איצט פעסט ענט־
שלאסען צו העלפען די אלטערײשאן שניי־
דער פון די דעפארטמענט סטארס, אין
פון אלע אנדערע סטארס, ארויסצוציהען
פון דער שקלאפעריי, אין וועלכער זיי גע־
פינען זיך! דיעזע ארבייטער, כאטש זיי
זיינען טיילוויז די זעלבע קינסטלער ווי
די ליידיעס טיילארס, ארבייטען אבער
אונטער א סך ערגערע באדינגונגען. די
ליידיעס טיילארס יוניאן איז איצט פעסט
ענטשלאסען אויפצוהויבען די אלטערײ־
שאן־שניידער צו דער זעלבער מדרגה פון
די ליידיעס טיילארס, דאס אין דעם גאנ־
צען פאך זאל זיין איין סטאנדארד, די
זעלבע ארבייטס־באדינגונגען פאר אלע־
מען, פאר אלע ארבייטער, וואס זיינען
באשעפטיגט אין דער אינדוסטריע, צו זיי
ארבייטען אין א שאפ אדער אין א דע־
פארטמענט סטאר, אין ניו יארק אדער
אין ברוקלין. און עס איז צו האפען, דאס
די אלטערײשאן שניידער וועלען זיך בא־
נוצען מיט דער געלעגענהייט, וואס די
יוניאן גיט זיי איצט זיך צו פארבעסע־
רען די לאגע. לאמיר האפען, אז זיי וועל־
לען זיך איצט אלע ווי איין מאן אנשלי־
סען אן דער יוניאן און צוזאמען מיט די
ליידיעס טיילארס אויסקעמפפען פאר זיך
בעסערע ארבייטס־באדינגונגען, העכערע
שכירות און א מענשליכערע באהאנדלונג
אין שאפ ביי דער ארבייט.

אלזא, דעם 1טען סעפטעמבער ווערען
ארויסגעשיקט די נייע פאדערונגען פון
דער יוניאן צו אלע ליידיעס טיילאר בא־
סעס פון ניו יארק און ברוקלין. דעם
8טען סעפטעמבער וועט די יוניאן האבען
א מעמבער מאס־מיטינג אין א גרויסען
זאל, וואו עס וועט אפגעגעבען ווערען א
באריכט צו די ארבייטער וועגען דעם
ענטפער פון די באסעס, און אויב דער
ענטפער וועט ניט זיין קיין גינסטיגער,
וועט אויף יענעם מיטינג באשלאסען ווע־
רען א גענעראל סטרייק. עס איז ניטא
דער מינדעסטער צווייפעל, דאס די מיט־
גליעדער פון דער יוניאן וועלען ווי איין
מאן שטימען פאר א סטרייק צו צווינגען
די באסעס נאכצוגעבען די געשטעלטע
פאדערונגען. אויב זיי וועלען עס ניט
נאכגעבען מיט גוטען.

די וואך

פון ש. י.

True translation filed with the Postmaster at New York City on Aug. 29, 1919, as required by the Act of Congress approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

קנאפע האפנונג אויף א באלדיגען פריעדען

לויט אלע וואהרשיינליכקייטען וועט
דער פריעדענס־אפמאך מיט דייטשלאנד,
אויף וועלכען די [illegible] פון די
4—5 גרויסמעכטע האבען געארבייט
אזוי שווער, פון אונזער סענאט צוריק־
געוויזען ווערען. אין אנפאנג האט שוין
די פאראיין רילײשאנס קאמיטע גע־
מאכט מיט איהר געגנליכער פארוואר־
פונג פון דעם פאראגראף אין דעם פריע־
דענס־אפמאך, וועלכער שענקט אוועק די
כינעזישע שאנטונג־פראווינץ מיט איהר
40־מיליאניגער באפעלקערונג פון כינע־
זער צו יאפאן. דער דאזיגער אמענד־
מענט צו דער טריטי איז פון דער קאמי־
טע אנגענומען געווארען מיט א מאיארי־
טעט שטימען. אויב דער סענאט וועט
גוטהייסען דעם באשלוס פון דער קא־
מיטע, אין וואס עס איז כמעט קיין צווי־
פעל ניטא, דאן מיינט עס א סוף צום
גאנצען שידוך. יאפאן וועט דאך אודאי
ניט איינשטימען דערצו. אפילו ווען זי
וואלט געהאט בדעה אפצוגעבען אמאל
שאנטונג צו כינא, וועט זי אבער איצט,
אונטער אזא דרוק פון א פרעמדער רע־
גירונג, ניט קענען עס טאן. פראנקרייך
און ענגלאנד וועלען אויך ניט קענען צו־
שטימען צו דעם, ווייל זיי האבען דאך
אין דער צייט פון דער מלחמה צוגעזאגט
יאפאן דעם דאזיגען פרייז, אלס איהר
חלק פון דעם מלחמה־רויב. בינו לבינו
ווערט די טריטי בטול. נאטירליך, אונ־
טער די אומשטענדען קען שוין אויך קיין
רייד ניט זיין פון דער ליגע אוו ניישאנס.

פון דער אנדערער זייט האט פרעזי־
דענט ווילסאן אין אן ענטפער אויף די
20 פראגען פון סענאטאר פאל, ערקלערט
אויסדריקליך, אז ניט נאר דענקט ער ניט,
אז ער האט די מאכט צו ערקלעהרען, אז
צווישען דייטשלאנד און אמעריקא עק־
זיסטירט פריעדען, דאס נאר אונטער די
אומשטענדען פיהלט ער, אז עס וואלט
געווען א פלעק אויף דער נאציאנאלער
עהרע, וועלכע וואלט קיינמאל ניט גע־
קענט אפגעווישט ווערען, אז אמעריקא
זאל זיך איצט אפרייסען פון די, מיט
וועמען זי איז געגאנגען צוזאמען אין דער
צייט פון דער מלחמה, און אויך פון יע־
דער פאראנטווארטליכקייט אין באצוג צו
די פריעדענס־באדינגונגען.

אונטער די אומשטענדען, ווען דער
סענאט פון איין זייט איז ענטשלאסען
דורכאוים צו פארווארפען דעם פריעדענס־
אפמאך אזוי ווי ער איז, און ווען פון
דער אנדערער זייט דער פרעזידענט איז
ענטשלאסען ניט צו ערקלעהרען א צו־
שטאנד פון פריעדען צווישען דייטשלאנד
און אמעריקא, איז שווער איינצוזעהן.
ווי אזוי קען עס אמאל קומען צו א סוף
אויף דעם איצטיגען דיפלאמאטישען
וועג?

און אין דעם איצטיגען פאל איז שווער
ניט צו סימפאטיזירען ביז צו א גאנץ
שטארקען גראד מיט דעם סענאט, אפילו
ווען מען זאל שוין צוגעבען, אז זיינע
מאטיוון זיינען ניט קיין זעהר זויבערע,
און זיינען מעהר אדער ווייניגער פון א
פאליטישער נאטור. דער פאקט קען ניט
אפגעלייקענט ווערען, אז דער פריעדען
איז אין מאנכע הינזיכטען ווייט ניט קיין
גערעכטער. איינער פון די הויפט־מאטי־
ווען פון דער מלחמה: „דאס רעכט פון
זעלבסט־באשטימונג פאר די אונטערדריק־
טע פעלקער", איז דורך דער טריטי בשום
אופן ניט ערפילט געווארען. וואס אנ־
באטרעפט די באהאנדלונג פון כינא האט
דער פרעזידענט אליין דאן צוגעגעבען,
אז ער האט זי געהאלטען פאר זעהר ניט
קיין ריכטיגע, נאר ער האט זיך געפיהלט
געצוואונגען דערצו דורך די אומשטענ־
דען. אבער פונקט אזוי וועניג אכטונג
האט געגעבען די פאדערונג פון זעלבסט־
באשטימונג פון אנדערע אונטערדריקטע
פעלקער, ווי אירלאנד, עגיפטען, גרי־
כענלאנד און אנדערע מיטעל־איראפעאי־
שע פעלקער. די סענאט קאמיטע האט
באשלאסען אויסצוהערען פארשטעהער
פון אט די פעלקער, און דערמיט האט זי־
אויף דאס ניי אויפגעעפענט די גאנצע
פראגע, וועלכע די דיפלאמאטען פון דעם
פריעדענס־קאנגרעס אין פאריז האבען
שוין געהאלטען פאר געלייזט.

די גאנצע פרעסע, וועלכע איז פאר
א וואס גיכערען פריעדענס־שלום, האלט
אין איין גיסען פעך און שוועבעל אויף
דעם סענאט. אבער דער עולם האט נאך
ניט פארגעסען ווי די זעלבע פרעסע איז
געווען פייער און פלאם געגען יעדען
פריעדענס־פארשלאג אין דער צייט פון
מלחמה אויף דעם גרונד, אז דער מאמענט
פאר פריעדען איז נאך ניט געקומען. דער
פריעדען, האבען זיי געליארעמט, מוז זיין
א גערעכטער, א דויערהאפטער, א דע־
מאקראטישער א. ז. וו. און דאס איז גע־
ווען דאן, ווען יעדער טאג מלחמה האט
געקאסט צעהנדליגע טויזענדע לעבענס.
דאן האט דער פריעדען געמוזט זיין א
פאלקאם־גערעכטער פריעדען. איצט
אבער, אז די מלחמה האט זיך שוין גע־
ענדיגט, און אלע גיבען צו, און מוזען
צוגעבען, אז דער פריעדען, ווי ער איז
אויסגעארבייט געווארען אין פאריז, איז
ווייט ניט צופריעדענשטעלענד, האלט
מען אין איין שרייען, אז די וועלט נויי־
טיגט זיך אין פריעדען, וועלכער ער זאל
ניט זיין. פריעדען פאר יעדען פרייז
איז איצט דער לאזונג פון דער פרעסע.
אפילו דער גרויסער יקרות איז איצט גע־
ווארען איינער פון די הויפט־אורזאכען,
ווארום פריעדען מוז באלד געשלאסען
ווערען, כאטש אין דער אמת'ען האט דער
יקרות מיט דעם פריעדען אזא שייכות ווי
א פאטש צו גוט־שבת.

אט דערפאר, וועלכע מאטיוון עס
זאלען ניט באוועגען די סענאטארען אין
זייער שטעלונג, אבער דער גרויסער עולם
קען גאר אנדערש ניט, ווי ניט סימפא־
טיזירען מיט איהם. און סוף כל סוף
וועט דאך מוזען אויסקומען אזוי ווי איינ־
צעלנע טרוימער האבען עס זיך פארגע־
שטעלט, און ווי זיי האבען עס אויך פאר־
געשלאגען, אז דער איצטיגער פריעדענס־
אפמאך וועט מוזען ווערען בטול, און די
פעלקער אליין וועלען שליסען א נייעם
פריעדען, אין וועלכען די העכסטע אידעא־
לען, פאר וועלכע די מלחמה איז געפיהרט
געווארען, וועניגסטענס פון דער זייט פון
אמעריקא אונטער דער פיהרערשאפט פון
פרעזידענט ווילסאן, וועלען געפינען זייער
פולסטען אויסדרוק.

וואס צופיעל, איז צופיעל.

פון דער דיקטאטארשיפ פון דעם
ערץ־הערצאג יאזעף האבסבורג אין אונ־
גארן האט זיך אויסגעלאזען גארנים.
דער סופרים פריעדענס־קאונסיל פון די
עליים האט דערפיהלט דעם אלוועלטלי־
כען ווידערווילען געגען אזא מין האבס־
בורג־אוזורפאציע, און האט דעם תכשיט
געלאזט וויסען, אז ער מוז זיך אפטרא־
גען; אז זיי קענען ניט דערלאזען א
האבסבורג, א גליעד פון א פאמיליע,
וואס האט געבראכט אזוי פיעל צרות
אויף דער וועלט, צו ווערען וויעדער א
הערשער; אז ער איז געקומען צו דער
איצטיגער מלוכה ניט דורך דעם ווילען
פון פאלק, נאר דורך א שטאאט־שטרייך,
און, בקיצור, ער מוז רעזיגנירען, וואס
דער ערץ־הערצאג האט קיין אנדער
ברירה ניט געהאט און האט עס אויך די־
טעג געטאן.

וואס פאר א רעגירונג עס וועט זיך
איצט בילדען אויף דעם פארלאנג פון די
עליים אין א לאנד, וואס האט אייגענט־
ליך דאס רעכט פון זעלבסט־באשטימונג,
איז שווער פאראויסצוזאגען. פאר־
שטעהט זיך, אז צוליעב דעם וועלען בא־
פוילען ווערען וואהלען איבער'ן גאנצען
לאנד פאר א סארט גרינדונגס־פארזאמ־
לונג, און אט די גרינדונגס־פארזאמלונג
וועט עס באשטימען די רעגירונג. דאן
ערשט וועלען די עליים זיין באריים אנ־
צוערקענען די רעגירונג און פארהאנדלען
מיט איהר וועגען פריעדען. דערווייל
אבער האט זיך רומעניען, אין דער גע־
שטאלט פון א גרויסער ארמעע, צולעגט
זיך גאנץ ברייטליך אין אונגארן, און זי
נעהמט וואס זי וויל און וואס זי קען.
מעהר ניט דער סופרים קאונסיל האט בא־
שלאסען, אז רומעניען דארף פיה־
רען א שטרענגען חשבון פון אלץ, וואס
זי נעהמט איצט צו. און דער ווערט פון
אלץ, וואס זי נעהמט, וועט אראפגערע־
כענט ווערען פון דער סומע, וואס אונ־
גארן דארף באצאהלען רומעניען אונטער
די באדינגונגען פון דעם פריעדענס־אפ־
מאך. אז מען זאגט גערעכטיגקייט, איז
דאך ניט שייך...

קיין מלחמה מיט מעקסיקא.

לויט די לעצטע באריכטען, ווערען די
אמעריקאנער סאלדאטען, וואס האבען
זיך אריבערגעכאפט איבער'ן גרענעץ אין
מעקסיקא, צוריקגערופען. עס הייסט, אז
וויפיעל מעגליך איז דער ציעל פון דער
דאזיגער מיליטערישער עקספעדיציע
דערגרייכט געווארען. עטליכע באנדי־
טען זיינען דערשאסען געווארען. צו כא־
פען מעהר איז דא א קנאפע האפנונג,
ווייל אין מיטען דערינען האט אויסגע־
בראכען א שטורם, וועלכער האט פאר־
ווישט אלע סליאדען פון די אנטלאפענע
באנדיטען. נאכיאגען זיך נאך זיי האט
קיין זין ניט אונטער די אומשטענדען.
און פאלגליך געהען די סאלדאטען צוריק.
דאס מיינט אבער ניט, אז דערמיט איז
שוין די מעקסיקאנער פראגע געלייזט. די
אויל־קוועלען זיינען נאך אלץ דא אין
מעקסיקא, און אמעריקאנער קאפיטאל
און דאס קאפיטאל פון אנדערע לענדער
האט נאך אלץ אויף זיי אן אויג, און די
מעקסיקאנער רעגירונג איז נאך אימער
פעסט ענטשלאסען ניט צו דערלאזען
פרעמדען קאפיטאל צו דעם דאזיגען
פעטען ביסען. דערפאר קען מען ניט
זיין זיכער, אויב אנאנדער פאסירונג וועט
ניט פיהרען צו עפעס ערנסטעס. דער־
ווייל אבער, ווי עס זעהט אויס, פיהלט
אמעריקא פאר זעהר אומבאקוועם צו פיה־
רען א מלחמה מיט מעקסיקא. דאס איז
פארבונדען מיט גאר שווערע אויסגאבען;
אויך איז ניט צו ערווארטען גאר א צו
ניכען רעזולטאט פון דער מלחמה, כאטש
אמעריקא איז אזוי שטארק און מעקסי־
קא איז פארהעלטניסמעסיג אזוי שוואך.
אויך איז דאס אמעריקאנער פאלק אי־
בערהויפט ניט אין א מלחמה־שטימונג
אין דעם איצטיגען מאמענט. און די
גאנצע אנגעלעגענהייט מוז אפגעלעגט
ווערען אויף א גינסטיגערען מאמענט.

און דער יקרות איז נאך אלץ אזוי גרויס ווי געוועזען

דער קאמפף געגען יקרות ווערט זעהר
ענערגיש געפיהרט — אין די צייטונגען.
אויך אונזערע געזעצגעבער ריידען וועגען
וועגען איהם, און קלייבען זיך צו מאכען
אלערליי גוטע געזעצע. עס זיינען אויך
דא כמעט אין יעדער שטאדט אלערליי
קאמיטעס, וועלכע האבען זיך געמאכט
פאר זייער אויפגאבע צו קעמפפען געגען
יקרות. אויך ווערען שוין אין די מיינ־
טע פלעצער פארקויפט די פארשיעדענע
שפייז־ארטיקלען, אנגעגרייט לכתחילה
פאר דער ארמעע, צו מעהר אדער ווע־
ניגער מעסיגע פרייזען. און דאך דאס
אלעס האט גאר א קנאפע ווירקונג אויפ'ן
יקרות. אלעס איז נאך אזוי טייער ווי
געוועזען, און מאנכע שפייז־ארטיקלען, ווי
אייער, זיינען באדייטענד געשטיגען אין
פרייז. עס איז ווירקליך א מאדנע זאך:
מען האלט אין איין געפינען מיליאנען
און מיליאנען אייער, מיליאנען און מי־
ליאנען פונטען פלייש, און גארניט —
דער יקרות איז נאך אלץ מיט אונז.

אפילו דאס, וואס מען האט דא און
דארט געכאפט א קליין פראפיטירערל,
און זיי באשטראפט מיט א פאר הונ־
דערט דאלאר, האט ניט געהאט די נויי־
טיגע ווירקונג. מען קען זאגען, אז דאס
האט געמאכט גאר א פארקעהרטע וויר־
קונג. ווארים ווי באלד די גרויסע גנבים
לאזט מען לויפען און מען מאכט א גע־
וואלדיגע העצע אויף דעם קליינטשינקען
גנב, וואס כאפט א ברויטעל, מוז עס ווע־
רען גאנץ קלאר פאר אלע, אז מען האט
גארניט בדעה צו באקעמפפען די סיס־
טעם פון פראפיטירעריי. און אז דאס
בלייבט, מוז אויך בלייבען דער יקרות
אין זיין גאנצער קראפט, ביז, אפשר, דאס
פאלק אליין וועט זיך נעהמען דערצו.

אבער דערווייל איז דאס פאלק אליין
נאך גאנץ שטומפינג וועגען דעם, פון ווא־
נען דער יקרות שטאמט. אויך ער מיינט,
אז דער הויפט־שולדיגער אין דעם יקרות
איז דער בוטשער, דער גראסערימאן;
נאטירליך, ער קומט מיט די אין נאהענט־
סטער באריהרונג. זיי רייסען פון איהם
די הויכע פרייזען. זיי קען ער. מוזען
זיי זיין די גרעסטע שולדיגע. ער זעהט
ניט הינטער זיי דעם גרויסען מעכטיגען
פלייש־טראסט, וואס באפעהלט די פריי־
זען אויף פלייש, אויף אייער, אויף פו־
טער. דארום ווערט ער אמת בארוהיגט,
ווען ער דערוויסט זיך, אז מען מאכט א
געזעץ געגען דעם קליינעם גנב. ער
מיינט, אז דאס וועט ענדליך ברענגען
דעם זול. ער וועט אבער באלד מוזען

באנקעט־נאכוועהען

א בריעף אין רעדאקציע. פון דזש. העלער

די צעהנדלינג טהעמאס, איבער די „גערעכטיגקייט" ניט איהר ווער־ כען בליק, צו אונזער מיטגליעדער־ איז לעצטע וואך צוגעקומען נאך א ר", וואס ועט, נאך מיין מיי־ נהר פיעל העלפען צו דער פארגי־ פון דעם ענדליכען זיעג פון דעם ליכען פראלעטאריאט. איהר אהם דאך מסתמא וואס פאר א ר" מיר מיינען, יעס, „באנקעט ן" פון „א סטעף רעפארטער". אנקעט נאטיצען" איז דער אנפאנג ליטעראַרישער באלייכטונג און אפ־ נג, איבער דעם „אינהאלט", " און „שטימונג" פון באנקעטען. ורס פראפאגאנדא אוצר מיינט שוין נאר פיעל פאר דעם פראגרעס פון טגליעדער פון דער אינטערנעשא־

נגט אן דער „סטעף רעפארטער" רצינע, פרעהליכע לידעל:

ן עס זיינען דא באנקעטען און טען, באנקעטען מיט אן אינהאלט נקעטען אהן אן אינהאלט..." איז ייסט עס מיינט דער „סטעף רע־ ר" מיט דעם „אינהאלט" און „אהן נהאלט"? דאכט זיך אז עסען איז ענוג אויף דעם ריפער מאכער באנ־ „נאזע" האט אויך ניט געפעהלט. מיר טאקע ניט וואס עס איז ם געווען אזוי אומעטיג אויפ'ן . סיידען ער האט זיך געבאך נקט. נאך „פון מילוואקי ביז קענ־ — „ניט געפאנפעט", דעם „אינ־ פון די אנדערע באנקעטען. זעהט אויף אזוי פיעל האבען מיר שוין קענט קלוג זיין. נאר פונדעסטוועג־ לטען מיר נאר קיינמאל אזוי שלעכט ועז, ווען מיר ו ו י י ס ע ן, אז סטעף רעפארטער" גלייכט עס.

האט איהר פאר דרך שלום ווענען קעל פון א „באנקעט מיט אן אינ־ — „וואס לערנט א אינגעלע? „וואס איז דער טייטש פון „פיי"? פע! אי, אי, אי, אי, אי!"

* * *

שה'ענט דער „סטעף רעפארטער" :

ומיר זיך ניט נארען, באנקעטען געמאכט זיך צו פרעהען. דורך א ם ווערט אויסגעדריקט א שמחה געוויסער זאך אדער א געוויסע ער־ . אויף צו באקלאגען עפעס מאכט ם קיין באנקעטען".

ט איהר, דערמיט זיינען מיר גראד י ט איינפארשטאנען מיט'ן רעפארטער". מיר גלויבען ניט אנקעט, א ן א ר ב י י ט ע ר ק ע ט ווערט געמאכט מיט'ן א ביסעל א ה ו ל יע צו טאן, ווי די אומות העולם (די באסעס א באנקעט, וואס צייכענט זיך אויס ומען, קוויטשען, ריטשען, פאנפען, ן און טופען איז נאך אונזער מיי־ ארע א באנקעט אהן אן אינהאלט.

האט די פיפלס רעליעף קאמיטע, יאהר צוריק געגעבען א באקעט. וען באנקעט זיינען איינגעלאדען ן פארשטעהער פון אלע אידישע און דער א י נ ה א ל ט פון איז געווען: צו באקענען אלע מיט דער ט ר ו י ע ר י ג ע ר, ר י י ס ע נ ד ע ר לאגע פון י ש ע ן פ א ל ק אין די לענדער, מיט'ן צוועק צו ערוועקען ות ביי די אידען פון אמע־ וועלכע זאלען זיך פארפליכטען והעלפען זייערע אומגליקליכע שעהן וואלט דאס טאקע אויס־ , ווען אלע אנוועזענדע ביי יענעם , וואלטען זיך צולאזען מיט א פאנפעט". נאכדעם, ווי א רעדנער ארטיג געווארען מיט זיין שילדער־ גען די ברוטאליטעט פון די בולי־ אין די מלחמה לענדער.

שפאלטונג אין דער סאציאליסטי־ דעראציע, וועלכע די אידישע סאָ־ ישע פעדעראציע האט געזוכט צו לען דורך א באנקעט, איז נאך מיינונג אויך ניט קיין פ ר ע ה־ ע ר ש י י נ ו נ ג.

ווי איהר זעהט אלזא, געהן מיר ליך פאנאנדער אין אונזערע אלשיאונגען" איבער באנקעטען. דער „סטעף רעפארטער" גלויבט באמונה שלומה, אז א באנקעט איז ניט מעהר ווי א „הוליע קבצן", גלויבען מיר, אז א באנקעט איז ניט מעהר און ניט ווע־ ניגער ווי א פארזאמלונג מיט א סועדה אלס „אטראקשאן". נאר פון דעסטוועגען, ווען דער גזלן, דער „סטעף רעפארטער" לאזט אונז גלייך וויסען ווענען זיין „בליק" אויף דער גאנצער פראגע, וואלטען מיר דאך זיכער אויסגענומען אלע צרות. מיר וואלטען שוין געזעהן אז עס זאל איהם ניט „נודיען" ווי ער האט זיך געבאך באַ־ קלאגט. ער האט נאר געדארפט געבען א וואונק און מיר וואלטען צוגעמאכט דאס „פידעלע" פון אלע אונזערע געסט. וואס טוט ניט היינטיגע צייטען א יוניאן פאר „גינסטיגע" באשרייבונגען?

אויף דעם „סטעף רעפארטער'ס" פלפול ווענען דעם וואס האט אונז באוואויגען צו מאכען דעם באנקעט זיינען מיר שוין גאר קיין מבינים ניט. פון דעסטוועגען, ווען ער וואלט זיך באמיהט און געלעזען אונ־ זער א י י נ ע נ ע ערקלערונג אין דער „גערעכטיגקייט", וואלט ער פארשפארט אזוי פיעל צו מאטערען זיך און פאר־ שווענדען אזוי פיעל ט י נ ט.

נייז, ברודער „סטעף רעפארטער", מיר מאכען ניט נאך קיינעם. דאס איז ניט אין אונזער נאטור. און גראדע אונ־ זער שטעלונג צו וואך־ארבייט באווייזט עס אייך גאנץ קלאר. מ י ר צ י י ג ע ן א י מ ע ר ד ע ם ו ו ע ג אין פיעלע הינזיכטען.

אפענע דיבורים. דער באנקעט איז געווען א „סענד אף" פאר ברודער בער־ קאוויץ, וועלכער איז ארויסגעשטויסען געווארען פון זיין אמט אהן קיין אורזא־ כע, און מיר גלויבען אז דער צוועק איז א נאבעלער. ווען מיר וואלטען ניט גע־ מאכט אזא „סענד אף" פאר ברודער מעטץ מיט א יאהר צוריק, וואלט ער שוין אפשר היינט זיין ווער ווייס וואו. אורטיילענדיג ווי פארצווייפעלט ער האט דעמאלט געפיהלט.

ווענען דער „קריטיק" איבער די „רי־ פער מאכער ליעדער" וועלען מיר זיך מיט דעם „סטעף רעפארטער" ניט דינגען. „די ריפער מייקערס שבועה", „אי ווער, א בראך", „א בריעף צום רעדאקטאר", און די אנדערע שאפונגען אונזערע וועלען מיר איבערלאזען צום צוקונפטיגען היסטארי־ קער פון דער „קלאוק מאכער ליטעראַ־ טור" צו אורטיילען. מיר ווייסען אז לעצ־ טענס זיינען אויסגעוואקסען אזוי פיעל באנקעט־פאעטען אין אונזער יוניאן, ווע־ מעס ווערק עס ווערען איבערגעדרוקט אין דער „גערעכטיגקייט" אז מיר ו ו א־ ג ע ן גאר ניט צו זיי צוגלייכען זיך.

דא ווילען מיר אבער נאך באהאנד־ לען אביסעל פראזא פון דעם „סטעף רע־ פארטער" און מיר זיינען פארטיג.

זאגט דער „סטעף רעפארטער":

„דערפאר איז שוין אין פולען גאנג די פארבערייטונג פאר א ש ע נ ע ב באנקעט פון די קאטערס יוניאן לאק. 10".

מיר האבען גראדע געהאלטען דעם „סטעף רעפארטער" פאר א קלוגען מאן, און עס וואונדערט אונז וואס ער איז פלוצלונג געווארען א נביא און זאגט שוין פאראויס, איידער די באד איז געהייצט, אז דער באנקעט פון לאקאל 10 וועט זיין א שעהנער. אבער דאס ארט אונז גאנץ ווענינ. וואס מיר ווילען הערפון אויס־ ברייננען איז: אז מיר האבען א גאנץ שטארקען פארדאכט, אז די גאנצע „באנ־ קעט נאטיצען" זיינען אויך געשריבען גע־ ווארען נאך איידער דער ריפער מאכער באנקעט איז געהאלטען געווארען. און דאס גיט אונז שוין אן ענטפער ווארום די באשרייבונג איז ארויסגעקומען פונקט קאפויר ווי דאס וואס עס איז פארגעקו־ מען אויפ'ן באנקעט.

דאס לעצטע פון די „באנקעט נאטי־ צען" זיינען אבער די „בעסטע". און נאך אונזער מיינונג, די געוואגסטע. אין זיין באגייסטערונג, גרייפט אן דער „סטעף רע־ פארטער" די 3000 ריפער מאכער אט אזוי:

„אמת טאקע די קאטערס האבען פריי־ הער אויך געארבייט פון זאך. דורך דעם לעצטען סטרייק האבען זיי אבער געוואו־ נען א גאנץ באדייטענדע העכערונג אין שכירות און 4 שטונדען א וואך ו ו ע־ נ י ג ע ר ארבייט. א ז ר י פ ע ר מ א כ ע ר ד א ר פ ע ן א ר ב י י־ ט ע ן ו ו ע נ י ג ע ר ש ט ו נ ד ע ן א י ז ד א ס ב י י ז י י ק י י ן ש מ ח ה נ.י.מ.. ביי די קאטערס איז דאס שוין אבער גאר א גרויסע שמחה!"

דאס איז שוין ניט קיין באנקעט־קרי־ בעד־ליטעראטור, און ווי עס ווייזט אויס האט דער „סטעף רעפארטער" געמוזט איבערכאפען די מאס". צו זאגען, אז די ריפער מאכער פרעהען זיך ניט מיט קירד־ צערע שטונדען איז אן איינפאכער פאטש אין פנים די וועלכע האבען פאר די לעצטע 14 יאהר כסדר געקעמפט פאר קירצערע שטונדען, און דער „סטעף רעפארטער" איז הערפאר שולדיג אן ענטשולדיגונג צו די ריפער מאכער.

יא, ברודער ריפער מאכער, דו ביזט געבארען אין א שלים־מזל'דיגער שעה. דיינע בעסטע גדאנקען און אבזיכטען ווערען אזוי אונבארמהערציג פאר א „באנקעט נאטיץ". אבער ניט פארצווייי־ פעלט. כל זמן דו האסט לעבען אין זיך, יונגענדפייער, איבערצייגונג פאר דער אר־ בייט, געה פארווערטס, אונערשראקען, ווייל קיין זאך קען דיר ניט שעדיגען. ווי האבען מיר דארטען געזונגען אין אונזער „זומער לידעל ביים באנקעט?" —

פארווערטס מארשיר! און מיר מיט דיר!
ביז דעם לעצטען, לעצטען טויטען!

אין דער עקזאמינערס, באנאדערס, בושלערס יוניאן לאקאל 82

עס איז איצט פונקט א יאהר, אז אונ־ זער לאקאל האט זיך אנגעשלאסען אן דעם דזשאינט באארד. באטראכטען מיר דעם צושטאנד פון אונזער לאקאל מיט א יאהר צוריק און פארגלייכען עס מיט אונזער צושטאנד היינט, איז עס פונקט ווי פון נאכט צו טאג, פון פינסטערניש צו ליכ־ טיגקייט.

מיר זיינען אריין אין דעם דזשאינט באארד אין זעהר ניט קיין גלענצענדען צושטאנד. מיר זיינען אבער געווען פול מיט האפנונגען, אז מיט זייער גרויסע הילף און אונבאגרענצטע מעגליכקייטען וועט אונז געלינגען אונזער בראנטש פון טרייד צו ארגאניזירען. אונזערע האפנונ־ גען זיינען פארווירקליכט געווארען. מיר האבען אין אונזערע רעכנונגען זיך ניט אפגענארט, און מיט מוט און אפטימיזם פייערן מיר היינטיגען לייבאר דעי. ביי אונז איז דאס א „טהענקס גיווינג דעי" — א טאג פון דאנק צו אלע וועלכע האָ־ בען אונז געהאלפען — ווער מעהר, ווער ווייניגער — אונזער יוניאן צו ברייננען צום צושטאנד אין וועלכען זי געפינט זיך יעצט.

מיט פרייד קענען מיר זאגען, אז מיר זיינען שוין איבערגעקומען אלע קינדער־ קראנקהייטען און מיר זיינען ארויס גע־ זונד און שטארק, און מיר האפען, אז וואס עס זאל ניט פאסירען, איז אונזער עקזיסטענץ שוין געזיכערט.

אונזער יוניאן האט באשלאסען צו פייערן אונזער ערשטען יאהריגען יובי־ לעאום מיט א שעהנעם באנקעט צו וועל־ כען אלע אקטיווע פיהרער און אפיסערס פון דער יוניאן זאלען געלאדען ווערען. די געבורט און דאס אויפוואקסען פון א נייע יוניאן אין אונזער אינדוסטריע, איז ניט דורך די ארבייט פון איינצעלנע, נאר א דאנק די ארבייט און הילפע פון א סך טוער און אפיסערס פון אונזער אינטער־ נעשיאנאל יוניאן און ספעציעל פון דזשאינט באארד. די שמחה איז דארום אן אלגעמיינע און מיר ווילען אז יע־ע־ איינער זאל זיך מיט אונז מיטפרעהען.

* * *

דער אלגעמיינער צושטאנד פון אונ־ זער יוניאן און די לאגע פון אונזערע בעלי מלאכות איז ניט צו פארזינדיגען. אין די „אינדעפענדענט" שעפער זיינען מיר אין א לאגע צו טאן פאר אונזערע מעמבערס און זיי צו העלפען פולע הונ־ דערט פראצענט. אפילו אין די שעפער פון דער אסאסיאיישאן איז עס אויך פיעל בעסער ווי מיר האבען אנפאנגס זיך פארגעשטעלט. מיט אונזערע מעמבערס איז דער פאל, וואס זיי זיינען צום גרעס־ טען טייל ניט אפהענגיג אן די אסאסיאיי־ שאן שעפער, אבער די ביסעל וועלכע אר־ בייטען דארט, זיינען מיר אויך אימשטאנד פאר זיי צו טאן פיעל מעהר ווי מיר האָ־ בען זיך אנפאנגס פארגעשטעלט.

מיר מיינען דערמיט ניט צו זאגען, אז מיר האבען שוין אלע אונזערע פראבלע־ מען געלעזט. דאס איז ווייט נאך ניט דער פאל. אין אונזער ספעציעלען פאך שמוי־ סען מיר זיך אפט אן אן אזעלכע ערשיי־ נונגען, וועלכע דער יוניאן איז אפט שווער צו געבען דאראויף אן ענטפער. צום ביי־ שפיעל: מיר קומען אין א קליינעם שאפ און טרעפען דארט דעם פארמאן טוענדיג די ארבייט אלס פינער, מארקער, א.ז.וו. ארבייט וועלכע עס דארף טאן אונזערער א יוניאן מאן. ניט אפט קענען מיר דורכ־ פיהרען אז דער פלאץ זאל באשעפטיגען צוויי מענשען, א פארמאן און אן עקזאַ־ מינער. עס פאסירען פעלע ווען דער שאפ האט ניט גענוג ארבייט פאר צוויי מענ־ שען, און עס קומט אונז אויס צו הייסען דעם „פארמאן" זיך צו ערקלערען אלס עקזאמינער און ווערען ביי אונז א מעמ־ בער. ניט אין אלע פעלע איז דאס אבער מעגליך. פאראן אזעלכע „פארלייטס", וועלכע זיינען טאקע אמת'ע „פארלייטס" מיט'ן רעכט צו אננעמען און ענטזאגען ארבייטער, און אזעלכע טארען מיר ניט אריינגעמען אין דער יוניאן לויט אונזער קאנסטיטושאן.

צו אינפארסען, אז יעדער שאפ זאל מוזען האבען אן עקזאמינער איז א זעהר שווערע און לאנגזאמע ארבייט. מיר וויי־ סען, אז עס האט גענומען זעהר א לאנגע צייט צו איינפארסען, אז די באסעס זאָ־ לען אליין ניט שניידען און דאס יעדער שאפ זאל באשעפטיגען א יוניאן קאטער. מיר ערווארטען דארום ניט, אז אונז זאל נעמען ווייניגער צייט דורכצופיהרען אין לעבען אז יעדער שאפ זאל האבען א יו־ ניאן עקזאמינער. אונזער האפנונג איז נאר דאס מיט דער דורכפיהרונג אין לעבען דעם פונקט אז יעדער שאפ זאל מוזען האבען 14 אפערייטארס, וועט עס ממילא פיהרען אז יעדער שאפ זאל מוזען באַ־ שעפטיגען אן עקזאמינער. א שאפ פון 14 אפערייטארס מיט די אנדערע ארבייטער, וועלכע זיינען נויטיג, איז ניט מעגליך פאר איין מענשען צו אטענדען. א פאר־ מאן האט אין אזא שאפ גענוג צו טאן, ווען ער ניט אכטונג אויף יעדערען און גיט אלעמען צו דער האנד אלעס נויטיגעס צו דער ארבייט. פאר דער ארבייט פון עקזאמינען, פינען, מארקען און בושלען די גארמענטס, וועט מען דאן מוזען האַ־ טען א צווייטען מאן — אן עקזאמינער אין יעדען שאפ.

אונזער איינטריטס געלד איז גע־ רעיזט געווארען, און פון דעם 1טען סעפ־ טעמבער 1919, וועט א יוניאן בוך ביי אונז קאסטען 25 דאלער. מיר גלויבען, אז אלע וועלכע האבען אליין געוואלט ווע־ רען יוניאן לייט, זיינען שוין יעצט אין אונזערע רייהען און די וועלכע נאך גע־ פינען זיך יעצט אין די שעפער, זיינען זיי פון יענע, וועלכע האלטען זיך פאר קליגער פון דער גאנצער וועלט און מיינען, אז זיי קענען ווארטען ביז מען וועט זיי צווינגען צו ווערען יוניאן לייט. רעדינייל איז ביי זיי א קרן צו סייפען איינינע וואָ־ כען דיוס, דערפאר, אז מיר קריגען אזעל־ כע אידען, איז ניט מעהר ווי רעכט, אז זיי זאלען באצאהלען עטליכע דאלער מעהר, כדי זיי זאלען ניט האבען קיין בענעפיט נענען די וועלכע זיינען געקימען אין אונזער יוניאן די ערשטע.

ם. י. אשפיז, מענעדזשער.

דאנקען און פרעזענטירען בער־ אמטע פון דער קלאוק־ מאכער יוניאן.

אויף א שאפ מיטינג פון די ארבייטער פון דער פירמא הערישאן און רובראוו איז באשלאסען געווארען אויסצודריקען א דאנק דורך דער פרעס, צו ברודער ד. ניס־ נעוויץ, דער מענעדזשער פון'ם ריפער דע־ פארטמענט, און ברודער יאקאבינסקי, דער ביזנעס־איידזשענט פון דעם אפיס, פאר העלפען די ארבייטער פון דעם שאפ באַ־ קומען א „פלעט רעיז" פון 4 ביז 5 דאלאר א וואך. א חוץ א דאנק, באקומט אויך ברודער יאקאבינסקי א פרעזענט אין ווערט פון 35 דאלאר.

אין דערזעלבער צייט באדאנקען אויך די ארבייטער זייער שאפ־טשערמאן, ברו־ דער ראבינאוויטש, פאר זיין גוטער יוניאן ארבייט אין דעם שאפ און אויך ער באַ־ קומט א זילבערנעם „טעע־סעט" אלס פרע־ זענט.

אין נאמען פון גאנצען שאפ,

ה. סאנבערג,
ס. גרינשטאן,
ב. בערקאוויטש,
א. שלאפמינג,
ב. מילער,
ה. שעכטער,

די קאמיטע.

וואס הערט זיך אין דער באנעז עמבראידערי יוניאן לאקאל 66?

פון אסיפ וואלינסקי.

אונזער אגרימענט, וואס מיר האבען געשלאסען מיט די באסעס אין 1918, האט ענטהאלטען דעם פאלגענדען פאר־ראגראף: „דיזער קאנטראקט איז פאר צוויי יאהר צייט און דארף זיך ענדיגען דעם ערשטען אויגוסט 1920. ביידע צדדים שטימען אבער איין, אז די יוניאן זאל פאר־בעהאלטען פאר זיך דאס רעכט, צו פאדע־רען פון די ארבייטס-געבער א פערקלענע־רונג אין די ארבייטס שטונדען, אין פאלס די ארבייטס שטונדען אין אנדערע נאדעל־פאכען וועלען רעדוצירט ווערען אויף ווע־ניגער ווי אכט און פערציג. די יוניאן זאל אויך האבען א רעכט צו פאדערען א רייז אין וויידזשעס אין פאלס די לעבענס־מיטעל וועלען טהייערער ווערען“.

גלייך, ווי די בראווע וויסט און דרעס־מייקער האבען ערקלעהרט א קאמף פאר דער פיער און פערציג שטונדיגער אר־בייטס וואך — האבען די זיעבען-הונ־דערט באנעז-עמבראידערס, צו־ווארפען אין איבער הונדערט קאנטראקטינג שעפער, פאר די וויסט און דרעס מאנופעקטשו־רערס מאכענדיג די עמבראידערי פאר די בעפוצטע קליידער און בלוזעס, ארויסגע־שטעלט דיזעלבע פאדערונג פאר א פיער און פערציג שטונדיגער ארבייטס וואך.

לאקאל 66 איז געווען בערייט פאר דיזער פאדערונג צו קעמפען. די באסעס האבען געפאדערט, מיר זאלען ענדיגען דעם סיזאן פריהער און נאכהער וועלען זיי רעדוצירען די שטונדען. מיר האבען צוריקגעווארפען זייער אנבאט. די שטי־מונג איז געווען א זעהר אנגעצויגענע און אלע ווילע האט זיך געקענט פאנאנדער־פלאקערען דער פייער פון סטרייק.

די באסעס האבען אין דער צוועלפ־טער שטונדע קאפיטולירט און נאכגעגעבען אהן א פייט די פיער און פערציג שטונ־דיגע ארבייטס וואך.

אלזא מיט א קירצערער ארבייט וואך זענען מיר שוין געווען פארזיכערט, וואס איז אבער מכח מעהר געלט, כדי נאכצו־קומען דעם שטייגענדען יקרות? עס איז שוין געווען ענדע סיזאן, ווען מיר האבען נעקראגען די שטונדען, האבען אונזערע מיטגלידער אבגעווארט ביז צום סיזאן צו פאדערען א רייז אין די וויידזשעס. און מיר האבען לאנג ניט גדארפט ווארטען. אין דזשון האט מען שוין געארבייט גע־שמאק אין די שעפער, און די אויסזיכ־טען פאר א גוטען סיזאן זענען געווען ערמוטיגענד. האבען אונזערע בעל מלאכות מיט דער יוניאן זיך א נעם גע־טאן צו דער ארבייט אויסצוגלייכען די פרייזען. א שעהנע פאאר וואכען האבען געדויערט די אראנדזשמענטס. צעהנדלי־גער שאפ מיטינגען זענען גערופען גע־ווארען פון דער יוניאן פאר דיזען צוועק, מיט דעם רעזולטאט דאס די פרייזען פון די אפרייטארס זענען געשטיגען פון לעצ־טען סיזאן ביז היינט ווי פאלגט: אפריי־טארס וואס האבען פארדינט פון 40 ביז 45 דאלאר קריגען היינט 60 און מעהר און אפרייטארס וואס האבען פארדיענט פון 43 ביז 45 דאלאר קריגען היינט פון 65 ביז 70 דאלאר א וואך.

דער אלגעמיינער רייז איז אלזא געווען פון 15 ביז 20 דאלאר א וואך. עס איז איבעריג צו בעמערקען, אז די ארבייטער זענען זעהר צופרידען מיט די רעזולטאטען און זענען מיט לייב און לעבען פאר זייער ארגאניזאציאן. מיט איין ווארט נערעדט — דער היינט איז זעהר צופרידענשטע־לענד. וואס איז אבער מכח דעם מאר־גען?

די וועלכע זענען אמוועניגסטענס בע־קאנט מיט'ן באנעז עמברוידערי טרייד ווייסען, אז די פראגע פון מארגען געהט קיינמאהל ניט אראב פון טאגעס-ארדנונג ביי די ארבייטער פון דיזען טרייד. עס איז הכל ידוע, דאס דער עמברוידערי טרייד איז אנגעוויזען אויף דער מאדע. איז אין סטייל, קליידער און בלוזעס מיט עמברוי־דערי — קען אן אפרייטאר ביי עמברוי־דערי א לעבען מאכען. זאל אבער חלילה, עמברוידערי ארויס פון דער מאדע, ווי ס'האט שוין ניט איין מאהל פאסירט — מוז דער באנעז-אפרייטאר-קינסטלער זוכען עפעס איין אנדער פרנסה.

יא, די מורא פאר'ן מארגען לאזט ניט די ארבייטער פון טרייד הנאה האבען פון'ם היינט. איהר וועט באמערקען סמנים פון זארג און ענמת נפש אפילו אויף דעם שמייכעל פון דיזע מאדנע מענשען, ווען זיי נעמען די גרויסע פיים פון הונדערט און הונדערט און 10 דאלאר א וואך.

ווי לאנג וועט עס נאך אנהאלטען — איז די אייביגע פראגע אויף די ליפען פון די ארבייטער פון טרייד.

אמת, פאר די לעצטע 3 יאהר האבען מיר געהאט פראספעריטי. אין פארלויף פון דער מלחמה זענען אלע פארשידענע אימפארטירטע לייסעס, שמוקלעריי, טרי־מינגס און עמברוידערי פון אויסלאנד אב־געשטעלט געווארען.

די נאכפראגע אויף עמברוידערי איז דארום געווען זעהר גרויס — און די יוניאן האט אויסגענוצט די פראספעריטי פאר די ארבייטער פון טרייד און פולער מאס. וואס יעצט וועט אבער זיין איז זעהר שווער צו זאגען.

אימפארטערס האלטען שוין אין איין אריינברענגען לייסעס, עמברוידעריעס און פארשידענארליי טרימינגס און דאס מוז האבען א געוויסע ווירקונג אויפן היימי־שען מארקעט — וועלכער האט זיך לעצ־טענס אזוי געוואלדיג ענטוויקעלט.

אויסער דער מאדע משוגעת אין אויס־לענדישע קאנקורענץ איז אבער ענטשטא־נען א גאנץ קליינע געפאהר פאר אונזער יוניאן. פאלשטענדיגע קאנטראל פון יוניאן איבער די שעפער — האט געווירקט, אז די באסעס זאלען ניט קענען איבערפלייצען דעם ארבייטס מארק מיט לערנערס און זיי אויסנוצען צו רעדוצירען די ארבייטס סטאנדארדס פון אונזער טרייד. די בא־סעס אסאסיאיישאן האט זיך צו אונז גע־ווענדעט נאך ערלויבנים צו לערנען א פאר הונדערט נייע רעקרוטען — האבען מיר זיי אבסאלוט דאס עטזאגט. מיר האבען ניט פארמאכט גענצליך די טהירען פון אונזער יוניאן פאר נייע קאנדידאטען — מיר האבען בלויז די לערנערס געוואלט פאלשטענדיג קאנטראלירען, דען איבער־נאכט פלעגען די בעלי בתים אויסבאקען אפרייטארס.

עס זענען אבער ענטשטאנען א גרויסע צאהל פון ניט יוניאן שעפער. אמת, די יוניאן האט שטרענג פארבאטען א יונ־יאן מיטגליד צו ארבייטען אין א ניט־יוניאן שאפ — זענען די ניט יוניאן שע־פער אין סקוהלס פאר לערנערס פארוואנ־דעלט געווארען. מיר האבען פאר די לעצ־טע עטליכע חדשים אריינגענומען איבער צוויי הונדערט נייע אפליקאנטען. די ניט יוניאן שעפער ברעכען זיי איין — און די יוניאן שעפער האבען די בעל מלאכות.

וועט אבער נאר ווערען אביסעלע שטיל אין טרייד, און די יוניאן וועט ניט קענען געפינען קיין פלאץ פאר די הונ־דערטער איבער נאכט געווארענע אפריי־טארס, וועלען די ניט יוניאן שעפער דואיגירען אונזערע יוניאן קאנטראקטארס — דען די יוניאן ערלויבט ניט קיין רעדו־צירונג אין וויידזשעס אין דער סלעק צייט, וועהרענד די יוניאן קאנטראקטארס קענען אויפמאכען די ביסעל מלאכה פאר שפאט־ביליג.

די באנעז עמברוידערי יוניאן האט ער־קלעהרט דעם קאמף פון די וויסט און דרעס מאכער אלס איהר אייגענעם קאמף.

מיר האבען זיי פון אונזער קליינער טרע־זשורי א מתנה פון טויזענד דאלאר געשיקט מיט בעסטע ווינשע פאר א שנעלען זיעג. מיר האבען געסטאפט צעהנדליגע עמברוי־דערי שעפער, וועלכע האבען עמברוידערי געמאכט פאר ניט געסעטעלטע וויסט און דרעס שעפער. לעגען מיר יעצט אלע אונ־זערע האפנונגען אויפ'ן לאקאל 25 און 10 אז זיי זאלען אונז פארהיטען פון אן עת צרה. יוניאן וויסט און דרעס שעפער טארען ניט געבען זייער ארבייט צו ניט יוניאן עמברוידערי קאנטראקטארס.

לאקאל 66 איז בארעכטיגט צו א ליסט פון די עמברוידערי קאנטראקטארס, פון יעדער יוניאן וויסט און דרעס הויז און מיט דער הילפע פון די קאטערס און וויסט מאכער קענען מיר עס קריגען.

מיר זעבען לאקאלס פון איין אינטער־נעשאנאל. ארבייטען אויף דיזעלבע פרויען קליידער און בלוזעס — וואס פאר א טייל פון דער וויסט אדער דרעס מיר מאכען איז לחלוטין ניט וויכטיג.

וויכטיג איז די סאלידאריטעט און געגענזייטיגע הילפע אין אזעלכע פעלע צווישען די ארבייטער פון טרייד.

אונזער לאזונג: „יוניאן וויסט און דרעס שעפער מוזען די ארבייט צו יוניאן עמברוידערי קאנטראקטארס געבען“ מוז געפינען א הארציגען אבקלאנג אין די הער־צער פון אלע ארבייטער פון אונזער טרייד. נאר אויף אזא אופן קענען מיר ניט נאר אויפהאלטען, וואס מיר האבען שוין היינט נאר אויך שטרעבען און קעמפפען פאר א ליכטיגערען מארגען.

דער יוניאן און זיך אויך ערווארבען דעם רעספעקט פון דער פירמא.

עס מוז דאביי אויך דערמאנט ווערען די גוטע ארבייט פון די עקזעקוטיווע פון שאפ, וועלכע האט דעם טשערמאן ארויס־געהאלפען און העלפט ארויס אין דער ארבייט, און די ברידער דזש. רובין און ווארשאווסקי, וועלכע האבען אזוי פיעל בייגעטראגען צו מאכען פון דעם שאפ דאס וואס ער איז.

אבער מיט די אנערקענונג פון טשער־מאן אליין בלייבט דער שאפ ניט שטעהן. ביים שאפ מיטינג איז אויך אויפגענומען געווארען די פראגע ווי אזוי צו העלפען דעם אידישען רעליעף, עס זיינען געמאכט געווארען פארשידענע פארשלעגע איינער, דער פראקטישסטער פון זיי איז צו ארביי־טען עטליכע שטונדען פאר'ן רעליעף, וועלכער וועט ווארשיינליך ביים נעקסטען מיטינג אנגענומען ווערען, אבער דאס שענסטע דערפון איז, וואס דאס איז ניט געקומען פון אויטסייד, נאר אויף זייער איינענע איניציאטיווע און דערפאר קומט זיין עקסטרא קרעדיט.

פאר אונז בלייבט נאר איבער צו זא־גען: בראווא סאראווסקי'ס ארבייטער! זאל דאס נאר אויף לאנג אנהאלטען.

פ. קאמלער, מענעדזשער.

א זייגעזונד צו די מיטגלידער פון לאקאל 35

פון א. א. קאזאן

פיעלע מיטגליעדער זיינען שוין באר קאנט מיט דעם פאקט, דאס זייט דעם 22טען אויגוסט בין איך ניט מעהר דער סעקרעטער פון לאקאל 35. מעהרערע זיינען נאך ניט באקאנט מיט דיעזער נייעס, און וועלען זיך דערוויסען דערפון דורך דער „גערעכטיגקייט“. מיט דיעזע עטליכע ווערטער פארענדיג איך מיין קאריערע אין לאקאל 35 און איך וויל האפען, דאס די מעמבערס און דער היס־טאריקער פון לאקאל 35 וועלען אמאל דערמאנען מיין נאמען אין פארבינדונג מיט דיעזער יוניאן.

אנגעפאנגען ארבייטען פאר לאקאל 35 האב איך דורך דער צייט פון דעם דזשענעראל סטרייק פון 1910. איך האב דאן געהאט א צייטווייליגען אמט אין דעם אינטערנעשאנאל אפיס און ניט האר בענדיג דארטען נעגלג ארבייט, האב איך אנגענומען דאן דעם פארשלאג פון לא־קאל 35. א רייהע פאסירונגען, קליינע און גרויסע, אנגענעהמע און אונאנגענעה־מע, זיינען פארגעקומען דורך דער צייט פון די לאנגע 9 יאהר.

איך דערמאן זיך אן דעם אפיס פון אונזער לאקאל אין 1911, באלד נאך מע־נין'ס ארויסגעהן. 3 פוס די ברייט, 10 פוס די לענג, מיט א ווינדא צו קאלעק־טען דיוס. דער גאנצער אפיס-פערזא־נאל, אחוץ נאטירליך דעם סעקרעטער, איז באשטאנען פון מיר אליין. פון קיין ארגאניזאציאנס-ארבייט האט מען ניט געטראכט. קיין נייע אונטערנעהמונגען זיינען אין זינען ניט געקומען, און אלעס וואס מען האט געטאן, איז אפצוהאל־טען וואס מעהר מיטינגען.

דורך דער צווייטער פעריאדע, ווען ה. לובינסקי איז געווען סעקרעטער, זיינען זעהר ווייניג פארבעסערונגען געמאכט גע־ווארען אין אפיס. די זעלבע שוואכקייט אין קאנטראל איבער די מעמבערס, די זעלבע טויטקייט אין אונטערנעהמען נייע זאכען האבען זיך געלאזט פיהלען דורך דער גאנצער צייט פון זיין סעקרעטער־שיפ, אין 1911—1912.

ארבייטענדיג אונטער אזעלכע אומ־שטענדען, האב איך זיך ניט געפיהלט איבעריג צופריעדען ביז ענדליך איז אין 1913 געקומען אן ענדערונג. אין אמט איז דאן אריינגעטראטען מ. זיגמאן. א רייהע רעפארמען און פארבעסערונגען זיינען גלייך דורכגעפיהרט געווארען. אין אפיס האט זיך גענומען פיהלען לעבע־דיגער און עס האט זיך גענומען ארבייטען מיט מעהר ענערגיע. פיעלעס איז דורך דיעזער פעריאדע דורכגעפיהרט גע־ווארען און דאמאלס זיינען געמאכט גע־ווארען פלענער פאר נאך אונטערנעה־מונגען.

זייט דזשולייי 1914 האב איך אפי־ציעל פארמדאטען דיעזען אמט. וויפיעל גוטעס אדער שלעכטעס איך האב גע־בראכט לאקאל 35, בלייבט פאר אנדע־רע אפצושאצען. איין זאך אבער וועלען אלע צוגעבען, דאס לאקאל 35 איז גע־ווען אקטיוו און ערפאלגרייך אין מעהר אונטערנעהמונגען ווי אירגענד אן אנדער לאקאל פון אונזער יוניאן אין ניו יארק. טיילוויז איז דאס צו פארדאנקען דעם פאקט, וואס דער אפיס האט אלע מאל געהאט א פרייע האנד און איז ניט גע־שטערט געווארען פון עקזעקוטיוו באארד אין דער ארבייט. יערענפאלס, די יאה־רען פון 1913 ביז 1919 זיינען פאר מיר געווען יאהרען פון פארגעניגען. אמת, איך האב געארבייט שווער, פיעל שווע־רער ווי פריהער. איך האב אבער גע־פיהלט, דאס מיר פארשווענדען ניט אונ־זער צייט אויף נוצלאזע זאכען. איך ווייס ניט, אויב איינער, וועלכער איז גע־ווען באקאנט מיט דעם לאקאל אין 1911 אדער 1912 און איז ניט באקאנט מיט זיין שפעטערדיגער ארבייט, וואלט היינט דעם לאקאל דערקענט.

נון, און יעצט פארלאז איך, פונקט ווי מיינע פארגענגער, דעם לאקאל. מעג־ליך, אז קיינער פון די פריהערדיגע סעק־רעטערע פון לאקאל 35 האבען ניט גע־פיהלט ביים ארויסגעהן דאס, וואס איך לעב יעצט איבער. קיינער פון זיי איז ניט געשטאנען מיט'ן לאקאל 9 לאנגע יאהרען; קיינער פון זיי האט ניט דורכ־געלעבט אזוי פיעל פאסירונגען — וועל־כע זיי זאלען ניט זיין — דורך דעם משך פון אזוי פיעל יאהרען; און קיינער פון זיי, זייענדיג סעקרעטער פון לאקאל, האט ניט געטראגען אזוי פיעל פאראנטווארט־ליכקייט ווי איך. איך פארלאז דעם לא־קאל יעצט מעגליך ניט אין גאנצען צו־פריעדען. אייגענטליך האב איך שוין גע־דארפט פריהער זיך געזעגענען מיט'ן לא־קאל, אבער אזוי ווי די ארבייט איז מיר געווען צו טייער, האב איך קיינמאל זיך ניט געקענט שיידען מיט'ן לאקאל. ניט צופריעדען בין איך ניט צוליעב דעם, וואס לויט דעם באשלוס פון דעם עקזע־קוטיוו באארד ווערט דער מענעדזשער אין דער זעלבער צייט אויך דער סעק־רעטער, נאר צוליעב די מעטאדען, וואס זיינען אנגעווענדעט געווארען די זאגע־נאנטע רעפארמע דורכצופיהרען.

עס איז מעגליך, דאס ווען איך וואלט ניט אזוי טייער געהאלטען די אינטע־רעסען פון דער יוניאן, דאס ווען איך וואלט געווען אביסעל קאמפראמיסליכער, וואלט דיעזע רעפארמע יעצט ניט ארויס־געשטופט געווארען אלס „רעטונגס-מי־טעל“ פאר דעם לאקאל. ווי די זאך זאל אבער ניט זיין, געה איך אוועק פון לא־קאל מיט א ריינעם געוויסען און אין אל־געמיין א זעהר צופרידענער. אין א יוניאן פון אזוי פיעל טויזענדער מיטגליעדער מוזען זיך געפינען פארשיעדענע עלעמענ־טען, און אויב מען האט אמאל אונאנגע־נעהמליכקייטען דארפען מען זיי פאר־נעהמען גוטמוטיג.

איך וויל בארדאנקען די מיטגליעדער פון לאקאל 35 פאר דעם גרויסען צו־טרויען, וואס זיי האבען מיר געשענקט אין פארלויף פון די לעצטע 9 יאהר. איך לאז זיי איבער מיט א טרעזשורי, וואס איז גרעסער ווי דער לאקאל האט ווען עס איז אין דער צייט פון זיין עקזיס־טענץ פארמאגט. א פאלשטענדיגער פי־נאנץ-באריכט וועט פארעפענטליכט ווע־רען נעקסטע וואך. איך האב אפילו גע־וואלט באזוכען די סעקשאן-מיטינגען און אפגעבען דארט מיין לעצטען רעפארט און זיך געזעגענען מיט די מיטגליעדער פון לאקאל. ליידער האט אבער דער עק־זעקוטיוו באארד געפונען, אז עס פאסט ניט פאר איהרע אינטערעסען מיך צו ערלויבען אזא זאך צו טאן, און איך, ניט זייענדיג קיין מיטגליעדער, קען מיט זיי ניט פיהרען קיין קריג איבער דעם.

גוד באי, מעמבערס פון לאקאל 35! איהר האט א שטארקע, קאמפפס-פעהיגע, געזונטע ארגאניזאציאן. האלט איהר טייער!

אייער,

א. א. קאזאן.

עקס-סעקרעטער לאק. 35.

אונזערע לעצטע קעמפע און געווינסטען

פון אב. באראף, אינט. סעק.-טרעזש.

3.

יסע רעוואלוציאן וועלכע איז
יט געווארען אין דער
נדוסטריע אין ניו יארק,
אלקאמענער זיעג, האט
ט. די מעמבערס פון אונזער
שאנאל איבער'ן גאנצען לאנד.
דיגע טהעטיגקייט האט ארומ-
מיטגלידער פון אלע לאקאלס;
האבען די מעמבערס, פול מיט
ן זייער מאכט, באטראכט די
ן אונטער וועלכע זיי ארבייטען,
אדערונגען, פאר בעסערע בא-
יינען אויסגעארבייט געווארען,
עשיקט געווארען צו די פאר-
סעם אסאסיאיישאנס און אינ-
מאנופעקטשורערס. דיזע טהע-
אט זיך ניט באשריינקט בלויז
קלאוק אינדוסטריע אליין, אלע
אקאל יוניאנס האבען אויפגע-
ראגע, וועלכע האט געמאטערט
מבערס, די הויכע קאסט פון
ולען, און די נויטווענדיגקייט
ן די פארדיענסטען אום עמ-
ארויפברענגען צו דעם סטאנ-
לכער פאדערט זיך אין דיזער
רות צייט.

לאקאל 20, די רעינקאוט מיי-
ן אין נויארק, האט דורך דער
די קלאוק מאכער האבען גע-
עם זיעג, גלייך זיך גענומען
ן די פאדערונגען וועלכע זיי
סגעארבייט, און וועלכע זיינען
איינקלאנג מיט די נאר וואס
פאדערונגען פון די קלאוק
רייןקאוט מייקערס, וועלכע
רבייט פון שטיק און וועמען
ליך די אגיטאציאן פאר וואך
אט פריהער ניט געהאט איבער-
דער נויטווענדיגקייט פון איינ-
דיזע געווינשטע ענדערונג, —
ר דורך דעם זיעג פון די קלאוק
קערס געווארען צו דיזער אי-
ם האט גאר א קורצע צייט גע-
אונזער לאקאל 20 האט גע-
פארצייכענען א פאלקאמענעם
לאקאל 20, מיט דער צושטימונג
אפיס האט גערופען א גענע-
ק און אין פארלויף פון א וואך
דער סטרייק געסעטעלט געווא-
די רייןקאוט מייקער האבען
זייער זיעג דורך א גרויסער
ג.

זיינען געקומען אונזערע לא-
באסטאן. עס האט ניט גע-
אנג און דער דזשאינט באארד
וק מאכער יוניאן אין באסטאן
ליינגט פאר די מאנופעקטשורער
דערונגען, וועלכע זיינען געווען
דעמזעלבען כאראקטער פון די
לאוק מאכער. מיט דעם אונטער-
זיי האבען פארלאנגט א געוויי-
טיע פאר א באשטימטער צייט
דזשענעראל סטרייק איז דארט
עווארען, און דיעזער סטרייק
אויסגעצייכענט מיט א פאל-
, שנעלען זיעג. די מאנופעק-
ין באסטאן האבען ניט געמאכט
רענגונג צו פייטען דער יוניאן.
ארטען, קענען די קלאוק מא-
י וויסען פון די סאלידארישע
וואס באהערשען די מעמבערס
קלאוק מאכער יוניאן אין באס-
האבען זיך דאפיר טאקי צוגע-
עטלען מיט דער יוניאן, נאכגע-
פאדערונגען, און די קלאוק
ן באסטאן האבען אויך גע-
זיעג.

לאקאל יוניאן 49, די וויסט
אין באסטאן, האבען אויך
צייט פון דיזען קאמפיין דורכ-
י 44 שטונדיגע ארבייטס וואך
העכערט די ווידזשעס און די
סקיילס. לאקאל 49 איז פול
ן און טהעטיגקייט און די מיט-
ן דעם לאקאל האבען זיך גאר
עמען קעגען די אנדערע לא-
אונזער אינטערנעשאנאל.

7, די רייןקאוט מאכער פון
האבען אויך אנגעפיהרט א קאמ-
דער פארשטארקונג פון דער
יך זיי האבען דורכגעפיהרט א
ל סטרייק, וועלכער האט גע-
יי צוויי וואכען. זיי האבען גע-
44 שטונדיגע ארבייטס-וואך
רונג פון ווידזשעס. און זיי הא-
בען די פאדערונגען געוואונען. די וואך-ארבייט סיסטעם איז נאך דערוויל ניט פארגעלעגט געווארען. לויט דער מיינונג פון די בעאמטע פון דעם לאקאל זיינען די אומשטענדען געווען ניט קיין גינסטיגע, און די יוניאן האט דארום איצט נאך ניט געפאדערט איינצופיהרען וואך-ארבייט.

דער סטרייק פון די רייןקאוט מאכער אין באסטאן האט זיך זעהר אויסגעצייכענט מיט דער סאלידארישער האלטונג פון די מעמבערס. דער עלעמענט פון דעם לאקאל איז א יונגער, פול מיט ענערגיע און די מאנופעקטשורער האבען געוואוסט, אז אויב זיי וועלען ניט פארהאנדלען מיט דער יוניאן פאר א סעטלעמענט, וועט עס ווערען א פארביטערטער קאמפף דורך וועלכען זיי קענען גאר ניט געווינען אבער א סך פארלירען. זיי האבען זיך דארום ליבערשט געבויגען פאר דער מאכט פון אייניגקייט און עס האט ניט פיעל גענומען און אויך די רייןקאוט מאכער אין באסטאן האבען אויך א גרויסער פארזאמלונג געפייערט דעם זיעג פון זייער דזשענעראל סטרייק.

אין אלגעמיין קאן מען זאגען, דאס אונזערע מעמבערס איבעראל, מעגען זיך גראטולירען מיט דער טהעטיגקייט און געווינסען וואס אונזער אינטערנעשאנאל האט דורכגעפיהרט אין דער לעצטער צייט. די 44 שטונדען ארבייטס וואך, איז איינגעפיהרט געווארען אין ניו יארק, באסטאן, פילאדעלפיא, באלטימאר, מאנטרעאל און אין איינגע שטעדט פון קאנעקטיקוט סטייט.

אבער מיט דעם האט זיך די טהעטיגקייט פון דער אינטערנעשאנאל ניט געענדיגט, נעכסט איז געקומען שיקאגא, אויך דארט זיינען די קלאוק מאכער גוט ארגאניזירט. זייער דזשאינט באארד איז אן ארגאניזאציאן פול מיט לעבען און שפיעלט א גרויסע ראלע אין דעם לעבען פון די מיטגלידער פון דער יוניאן. טראץ דעם וואס שיקאגא איז גאנץ ווייט פון נויארק, דאך האבען זיי זיך ניט פארשפעטיגט. אין דער צייט וואס די נויארקער קלאוק מאכער האבען אנגעפיהרט זייער בראווען היסטארישען סטרייק, האבען זיי אין שיקאגא געמאכט אלע פארבארייטונגען, און האבען ארויסגעשיקט זייערע פאדערונגען צו די מאנופעקטשורערס. די שיקאגאער קלאוק מאנופעקטשורערס האבען שוין ניט איינמאל באוויזען אז זיי זיינען פראקטישע ביזנעס מענשען, און קענענדיג דעם כאראקטער פון די קלאוק מאכער אין שיקאגא וויסען זיי, אז עס איז געזונטער פאר זיי און פאר די אינדוסטרי, צוזאמענקומען זיך מיט פארטרעטער פון דער אינטערנעשאנאל און די לאקאלע בעאמטע און סעטלען מיט דער יוניאן אויף א פריעדליכען אופן. און אזוי האט פאסירט, דאס די שיקאגאער קלאוקמאכער האבען באקומען וואך ארבייט, א 44 שטונדיגע ארבייטס-וואך און מינימום סקיילס, וועלכע זיינען אין אנקלאנג מיט די נויארקער.

ווען מען איז פארטיג געווארען מיט די קלאוק מאכער און רייןקאוט מאכער אין שיקאגא האט נאך די אינטערנעשאנאל דארט אלץ געהאט פאר זיך א גרויסע פראבלעמע, דאס איז געווען די שיקאגאער וויסט, דרעס און סקירט אינדוסטרי, וועלכע איז געווען ניט ארגאניזירט, וואו הפקר צושטענדע האבען געהערשט. מיט א פאר יאהר צוריק האט די אינטערנעשאנאל געפונען די וויסט און דרעס מאנופעקטשורער אין שיקאגא איינגעעקשנ'ט, זיי האבען זיך ניט געוואלט צוהערען צו די פאדערונגען פון זייערע ארבייטער דורך דער יוניאן. דער דזשענעראל סטרייק, וועלכער איז דאן אנגעפיהרט געווארען פון דער אינטערנעשאנאל, איז דערשטיקט געווארען דורך דער הילף פון די דזשאדזשעס, און פאליציי, וועלכע האבען דאן אזוי געטריי געדיענט די מאנופעקטשורערס. די אינטערנעשאנאל האט זיך דאן געפונען געצוואונגען זיך צוריקצוציהען פון שלאכטפעלד, ווייל עס איז דאן געווען אונמעגליך פאר אונזערע בראווע סטרייקער צו אטהעמען. די לופט [illegible] געווען פול מיט „אינדזשאנקשאנס" און די אינטערנעשאנאל האט דעמאלט געמוזט אויפגעבען דעם קאמפף. אבער דאס איז געטאן געווארען בלויז פאר א געוויסער צייט אום צו קאנען מיט נייע כחות, מיט פרישען ענטהוזיאזם אויפנעמען אויפ'ס נייע דעם קאמפף פון די בראווע וויסט מייקער פאר דאס הייליגע רעכט צו זיין ארגאניזירט און באשיצט דורך זייער יוניאן פון דעם ווילדען ווילקיר פון די מאנופעקטשורער.

און די אינטערנעשאנאל האט געהאלטען איהר פארשפרעכען וואס זי האט געגעבען צו יענע בראווע סטרייקער אין שיקאגא. אן ארגאנייזער ברודער אכמאן, איז געשיקט געווארען אהין אנצופאנגען א לעבעדיגען קאמפיין פון ארגאניזאציאנס-ארבייט, און אונזער לאקאל 100 פון שיקאגא האט מיט א זעקס מאנאטען צוריק אויפגעהויבען די פאהן פון ארגאניזאציאן און פון קאמפף! א שטורמישע טהעטיגקייט האט זיך פאנאנדערגעפלאקערט, די קאמיטע פון לאקאל הונדערט, מיט ארגאנייזער האכמאן בראש, מיט דעם פולען סופארט פון דעם דזשאינט באארד פון דער קלאוק מאכער יוניאן, האבען געארבייט ווי בינען רופענדיג שאפ און מאס-מיטינגען, פארבערייטענדיג די וויסט, דרעס, און סקירט מאכער ווידער אויפצונעמען א קאמפף מיט זייערע עקשנות'דיגע בעלי-בתים.

און אויך די ארבייט איז געקרוינט געווארען מיט א אונגעהייערען ערפאלג. די ארבייטער האבען זיך מאסענווייז אבגערופען אויף דעם רוף פון דער יוניאן און האבען זיך אנגעשלאסען אלס מעמבערס. אין די שעפער האט זיך אנגעפאנגען צו טומלען, די קלאנגען פון א דזשענעראל סטרייק האבען זיך גענומען ארומטראגען אין די שעפער, אנפילענדיג די הערצער פון די ארבייטער מיט זיסע האפנונגען אויף א בעסערען פרייערען לעבען.

אלעס איז געווען פארטיג, דער רוף צום קאמפף האט געדארפט געגעבען ווערען און מען האט בלויז געווארט אז פרעזידענט שלעזינגער זאל קומען אהין און איבערנעמען די לידערשיפ. און גלייך נאך דעם סעטלעמענט מיט די קלאוק מאנופעקטשורערס אין קליוולאנד, איז פרעזידענט שלעזינגער טאקע באלד געקומען אין שיקאגא, צו מאכען די לעצטע פארבערייטונגען דורכצופיהרען די גערעכטע פאדערונגען פון די וויסט, דרעס און סקירט מייקערס פון יענער שטאדט.

די שיקאגא מאנופעקטשורערס וועלכע זיינען מקלומרשט ארוים אין לעצטען סטרייק די „זיעגער" האבען אבער דאן בעצאלט דערפאר זעהר טייער, און זיי האבען זיך שוין דעמאלט איבערציינגט, אז „נאך אזא זיעג און זיי זיינען פארלארען". יענער סטרייק האט פיעלע פון זיי כמעט געטריבען צו באנקראט, און ווען פרעזידענט שלעזינגער האט זיי דעם מאל אדרעסירט מיט לעטערס פארלאנגענדיג פון זיי גלייך אן ענטפער אויף דער יוניאנס פאדערונגען, האבען די מאנופעקטשורערס אין שיקאגא צוגעשטימט צו קאנפערירען מיט די פארטרעטער פון דער יוניאן און דער איטערנעשאנאל צו דיסקוטירען דעם נייעם אגרימענט. דער רעזולטאט איז געווען, דאס אויך די סקירט מייקערס און דרעסמייקערס פון שיקאגא האבען דיזען מאל געפייערט זייער זיעג! און עס פרייט אונז צו מעלדען דאס אונזער לאקאל 100 פון שיקאגא פארנעהמט איצט אן אנגעזעהענעם ארט אין דעם לעבען פון אונזער גרויסער אינטערנעשאנאל יוניאן.

די קאנצערטען אין צייט פון סטרייקס

פון פאניא מ. קאהן.

אז די מוזיקאלישע קונסט פארנעמט אלץ א גרעסערען פלאץ אין צייט פון סטרייקס, האט זיך בילד ארויסגעצייגט אין די לעצטע סטרייקס פון אונזערע ניו יארקער לאקאלס און באזונדערס אין'ם סטרייק פון די קלאוקמאכער.

אויף דער צווייטער וואך פון קלאוקמאכער סטרייק האבען שוין איינגע האלטשערלייט פארלאנגט אז מען זאל אראנזשירען אין זייערע האלס קאנצערטען, און זייער פארלאנג איז ערפילט געווארען.

ווי געוועהנליך, זיינען די ערשטע פאר קאנצערטען אראנזשירט געווארען אין די גרעסערע האלס: אין וועבסטער האל, מאנהעטען לייסעאום, פראגרעס קאסינא און ז. וו. דאס איז אויך געטאן געווארען דערפאר, ווייל אין יעדען פון דיזע גרעסערע האלס געפינט זיך א סטיידזש און די קינסטלער, מיט זייערע אייגענע קאפריזען, האבען געגעבען פארציגע אייפצוטרעטען אין א האל מיט א סטיידזש.

ווי א בליץ האט זיך פארשפרייט די נייעס אז די „ענטערטיינמענט און רעדנער קאמיטע" אראנזשירט קאנצערטען פאר די סטרייקער, אין וועלכע עס באטייליגען זיך ערשטע קלאסע קינסטלער, און אויך אז דיזע קאנצערטען ווערען אראנזשירט בלויז אין די גרעסערע האלס.

און וואס-קלעהרט איהר, עס האט ניט לאנג גענומען און די טעלעפאן-רראמען זיינען געווארען זעהר „ביזי", רופענדיג די „ספיקערס און ענטערטיינמענט קאמיטע". יעדעס מאל, וואס דער טעלעפאן האט געקלונגען, פלעגט מען הערען די שטימע פון אנאנדער אויפגערעגטען און „באליידיגטען" טשערמאן, שרייענדיג ווארום די קאמיטע „פארנאכלעסיגט" זיין האל. „וואס מיינט איהר זיך עפעס? — האבען די האל-טשערלייט פון די קלענערע האלס געשריען, — איהר וועט פארנאכלעסיגען מיין האל און איך וועל שווייגען?" די סטרייקערס אין מיין האל, — האבען זיך יענע טשערלייט געבייזערט, — צאהלען דיוס און אסעסמענטס און קומען נאך אלע יוניאן רולס, אזוי גוט ווי די סטרייקערס וואס זיצען אין די גרויסע האלס. וואס זיינען מיר ביי אייך — שטיפקינדער?"

אנדערע טשערלייט ווידער, נאכדעם ווי זיי האבען געגעבען „א גאב" דער „קאמיטע", האבען זיי איינפאך געסטראשעט, אז אויב מען וועט גלייך ניט אראנזשירען „א קאנצערטעל" און טאקע א גוטען, ווי אין די גרויסע האלס, וועט ער ניט זיין „פאראנטווארטליך פאר די פאסירונגען".

און זייער פראטעסט האט געהאלפען. די „ספיקערס און ענטערטיינמענט קאמיטע" האט טאקע גלייך נאכדעם אזוי אראנזשירט די „מאשינערי" אז עס האט ניט גענומען לאנג און עס זיינען געגעבען געווארען קאנצערטען טאקע ממש אין אלע האלס וואו די סטרייקערס האבען זיך געפונען.

דעם טאג, ווען א קאנצערט איז געגעבען געווארען, האבען זיך די סטרייקערס פון דעם האל אנגעטאן אין זייערע יום-טוב'דיגע קליידער און פלעגען זיך פארזאמלען פריהער ווי אימער אין האל, און דער עולם פלעגט זיך פיהלען באזונדערס פייערליך געשטימט. דער טשערמאן פלעגט זיך באטראכטען מיט שטאלץ און ווירדע און די קאנצערטיסטען, אזוי גוט ווי דער רעדנער, וועלכער פלעגט ערעפענען דעם מיטינג, פלעגען זעהר ענטוזיאסטיש אויפגענומען ווערען.

פארשיידענע סצענעס [illegible]לעגען זיך אפשפילען ביי דיעזע קאנצערטען. אט, צום ביישפיעל, פאנגט אן א זינגערין, באגלייט פון פיאנא און פון א פידעל, זינגען דעם רוסישען הימן פון דער נייער רוסלאנד אדער די מארסעליעזע. דער עולם שטעלט זיך אויף, אלע נעמען ארונטער זייערע היט און זינגען מיט. אבער צווישען עולם זיינען אויך דא עלטערע אידען. אויך זיי שטעלען זיך אויף, לייגען ארויף זייערע לינקע הענט אויף זייערע קעפ. אזוי ווי זיי וואלטען געוועלט ארונטערנעמען, די קאפעליושען, אבער מיט אמאל בלייבען זייערע פינגער אומבאוועגליך. זיי קוקען זיך א ווייל ארום און נעמען פארט ארונטער זייערע קאפעלושען. די רעדנערין, וועלכע האט נאכגעפאלגט דיעזע שטילע סצענע, האט ניט פארפעהלט אויפמערקזאם צו מאכען די פארזאמעלטע, אז אויב ארונטערנעמען די הוט איז געגען איינעמס רעליגיעזע איבערצייגונגען, אדער געפיהלען, דאן קען ער פארבלייבען אין האל מיט זיין הוט אויפ'ן קאפ.

אין א צווייטען פאל האב איך באמערקט, ווי אן עלטערער איד מיט א גרויער בארד איז געבליבען זיצען ווען מען האט געזונגען און געשפיעלט די „אינטערנאציאנאלע", האבען זיינע שכנות, חנ'עודיגע צוויי יונגע פרויען, סטרייקערינס, איהם גענומען אונטער די הענט און האבען איהם אויפגעהויבען פון זיין זיץ, און איינע פון זיי האט שנעל ארונטערגענומען זיין הוט, און דער אלטער איז אזוי געבליבען גוטמוטיג שטעהן געבליבען.

אין בראנזווילער לייבאר לייסעאום,

סטרייקס און סאציאלע רעוואלוציע

פון נ. פאמעראנץ

איך געדענק ניט ווער עס האט אמאל געזאגט, אז א סטרייק איז די סאציאלע רעוואלוציע אין מיניאטור — די סאציאלע רעוואלוציע אויף א קלייגעם מאסשטאב.

א שטיקעל אמת איז יע פאראן אין אט דעם געדאנק. —

יעדער איינציגער סטרייק דעמאנסטרירט, אז די ארבייטער־מאסען זיינען אונצופרידען; אז זיי זיינען גרייט צו קעמפפען פאר זייער רעכט און פרייהייט, און אז זיי זיינען סאלידאריש גענוג אויסצוקעמפפען זייערע קעמפפע געמיינשאפטליך, לויט דעם פרינציפ פון „איינער פאר אלעמען און אלע פאר איינעם". דיעזע אלע זאכען זיינען, אהן ספק, פארבאריינגען פאר דער סאציאלע רעוואלוציע. אגב איז אויך מעגליך, אז די סאציאלע רעוואלוציע גופא וועט זיך אנפאנגען פון וועלכען עס איז איינצעלנעם סטרייק, וועלכער וועט זיך פון אנפאנג מעגען אויסווייזען אלס גאר ניט ווער־ווייס־וויכטיג.

יע, א שטיקעל אמת איז פאראן אין דעם געדאנק, אז א סטרייק איז די סאציאלע רעוואלוציע אין מיניאטור. און אויב אפילו דער געדאנק איז ניט גאנץ וויים וואס פאר א טיעפער, איז עס אבער יעדענפאלס א שעהנע פראזע, וועלכע דיענט א געוויסען ווינשענסווערטען צוועק, — א פראזע, וועלכע פארהערליכט און גיט צו א העכערען זין און באדייטונג יעדען איינצעלנעם סטרייק.

אבער נאר א שטיקעל אמת איז פאראן אין דיעזען געדאנק, און בלויז אויף אזוי וויים דיענט ער זיין צוועק. וויל מען אבער דיעזען געדאנק אנווענדען בוכשטעבליך און צושרייבען יעדען איינצעלנעם סטרייק די ציעלען פון דער סאציאלער רעוואלוציע, איז ניט נאר וואס ער פארלירט זיין שטיקעל ווערט, נאר ער ווערט שעדליך און זאגאר געפעהרליך.

די ארבייטער פון א געוויסער אינדוסטריע — צום ביישפיעל — געהען ארוים אין א סטרייק. וואס קענען זיי, אונטער די עקזיסטירענדע אומשטענדען, ערווארטען צו געווינען דורך דעם סטרייק? — העכערע שכירות, קירצערע שטונדען, אנערקענונג פון זייער יוניאן, פון זייער רעכט אויף זייערע דזשאבס א. ז. וו. אויב זייער סטרייק איז ערפאלגרייך, קענען זיי געווינען דורך איהם דיעזע און עהנליכע פארבעסערונגען; און קוים געווינען זיי אזעלכע פארבעסערונגען, באטראכטען זיי זייער סטרייק אלס אן ערפאלג און האלטען זיך אן זייער ארגאניזאציאן, כדי אנצוהאלטען זייערע געווינסען.

אבער ווען די זעלבע ארבייטער שטעלען זיך אנדערע ציעלען ביים ארויסגעהן אין א סטרייק — אזעלכע ציעלען, וואס א געוועהנליכער עקאנאמישער סטרייק קען גאר ניט דערגרייכען — ווי, צום ביישפיעל, די איבערנעהמונג פון די פאבריקען דורך די ארבייטער, — דאן איז וויפיעל זיי זאלען דורכ'ן סטרייק ניט געווינען, וועלען זיי אלץ בלייבען אונצופריעדען, וועלען זיי באטראכטען זייער סטרייק אלס א פארלארענעם, און זיי וועלען ביסלעכווייז פארלאזען זייער ארגאניזאציאן. און דער רעזולטאט דערפון איז, אז זיי פארלירען אויך די געווינסען, וואס זייער ארגאניזאציאן האט דורך דעם קאמפף פאר זיי געוואונען.

איך האב אומישנע גענומען אן עקסטרימען ביישפיעל, אום קלאר צו מאכען מיין געדאנק. פאקטיש זיינען דא זעהר ווייניג סטרייקס, וועלכע שטעלען ארויס אלס זייער ציעל די איבערנעהמונג פון די פאבריקען, כאטש ניט איינער פון די אינדיווידועלע סטרייקערס טראגען זיך ארום מיט אזעלכע פאנטאזיעס. אבער דאס געזאגטע איז אויך גילטיג וועגען עקסטרימע פארערונגען בכלל און וועגען דעם, וואס פיעלע סטרייקערס מיינען, אז טאמער האבען זיי ניט גראדע געוואונען אלע זייערע פארערונגען, איז זייער סטרייק דעריבער פארלארען געגאנגען.

זיי פארגעסען, אז דערוויל — דאס הייסט, ביז דער סאציאלער רעוואלוציע — האבען נאך די בעלי־בתים אויך א שטיקעל דעה אין די פאבריקען און אז ביים שליכטען א סטרייק מוז מען אין די מייסטע פעלע מיט זיי מאכען א קאמפראמיס.

און מעהר פון אלץ פארדריסט, וואס פון דער דאזיגער מעה ליידען גראדע די בעסטע יוניאן־לייט, די קלאסען־באוואוסטעסטע פון צווישען די ארבייטער, די סאציאליסטיש־געשטימטע ארבייטער.

וועלכער אנדער ארבייטער־עלעמענט קען זיך פארגלייכען אין קאמפפס־לוסט און קאמפפס־אויסדויער מיט דעם סאציאליסטישען ארבייטער־עלעמענט? יעדער סטרייק איז דאך פארבונדען ניט נאר מיט אונבאקוועמליכקייטען נאר אפט טאקע מיט פיזישע ליידען פאר די, וואס נעהמען אן אנטייל אין איהם. עס איז דערפאר די נאטירליכסטע זאך אין דער וועלט, אז יענער ארבייטער, וועלכער זעהט אין דעם איינצעלנעם אפגעזונדערטען סטרייק א טייל פון א גרויסער באוועגונג, א שריט נעהנטער אויף דעם וועג צו א געוויסען אידעאל — עס איז נאטירליך, אז אזא ארבייטער זאל קעמפפען בעסער און זאל אויסהאלטען דעם קאמפף לענגער פון דעם ארבייטער, וועלכען עס פעהלט די דאזיגע פערספעקטיווע.

איז אבער די צרה, וואס זיי כאפען שוין א ביסעל איבער די מאס. זיי פארפליהען שוין אין זייער פארשטעלונגסקראפט צו וויים דעם וועג. צוליעב דעם גרויסען געדיכטען רייכען וואלד פון זייער טרוים זעהען זיי אפט ניט די איינצעלנע בוימער, פון וועלכע דיעזער וואלד וועט מוזען אויסוואקסען. גאנץ אפט ווילען זיי גלייך ארויפשפרינגען אויפ'ן דאך, וועלענדיג איבערהיפען די אלע טרעפען פון דעם לייטער, וואס פיהרט פון דער ערד צום דאך. און דער רעזולטאט דערפון קען ניט זיין קיין גוטער.

צו וואס זאלען מיר זיך נארען — איך מיין דא טאקע הויפטזעכליך אונזערע אידישע ארבייטער. וואו נאר קען מען געפינען אזעלכע קאמפפס־לוסטיגע ארבייטער ווי זיי זיינען! וואו נאך ווייזען ארבייטער ארוים אזוי פיעל אייפער און אזוי פיעל עקשנות אין זייערע קעמפפע מיט זייערע באסעס! און דאך, ווי טוט עס מעהר וועה, וואס ווי גרויס זייערע געווינסען זאלען ניט זיין אין א סטרייק, זיינען אונזערע אידישע ארבייטער נאך יעדען טרייק אזוי ווי ענטמוטיגט, לאזען אראפ די הענד און פארנאכלעסיגען זייערע פליכטען צו זייערע ארגאניזאציאנען — ווי זיי וואלטען נאר געהאט א דורכפאל אנשטאט א זיעג.

עס קען פאסירען, אז א יוניאן זאל אמאל פארלירען א קאמפף אויך. ביי אונזערע אידישע ארבייטער טאר אבער אזא מין זאך ניט פאסירען. טאמער פאסירט עס יא, איז א סימן, אז מען האט זיי פארראטען. ווארום ווי קען דאס אנדערש זיין? האט מען איהם דען ניט געלערענט, אז דער ארבייטער קען אלעס אויספיהרען; אז ווען דער ארבייטער וויל, בלייבען אלע רעדער שטיל א. ז. וו., א. ז. וו. דערפאר טאקע זיינען ביי אונז קיינמאל ניטא קיין פארלארענע סטרייקס. די פיהרער שרייען נאך יעדען פארלארענעם סטרייק, אז דאס איז גאר א גרויסער זיעג. און ווער קען זיי פארדענקען? קיינער וויל ניט פארשריען ווערען אלס פאררעטער.

מיר האבען ניט קיין פארלארענע סטרייקס. אבער מיר האבען אויך ניט קיין געוואונענע סטרייקס. רעדט מיט די ארבייטער נאך יעדען געוואונענעם סטרייק, וועט איהר איבערראשט ווערען צו הערען, אז לויט זייער מיינונג איז דאס גאר דער גרעסטער דורכפאל און ניהערלאגע. דאס וואס ביי אנדערע ארבייטער וואלט געווען פאררעכענט אלס דער פאבעלהאפטעסטער זיעג און איבער וועלכען זיי וואלטען געיובעלט, איז ביי אונזערע ארבייטער גאר א דורכפאל!

דערהויפט איז גרוים די טראגעדיע פון די פיהרער. ווי שווער, ווי איבערמענשליך עס ארבייטען די אידישע ארבייטער־פיהרער אין צייט פון א סטרייק! דער, וואס האט עס אליין מיט זיינע אויגען ניט צוגעזעהן, וועט גאר ניט קענען גלויבען, אז מענשען זאלען אזוי שווער קענען ארבייטען. דורך דער צייט פון א סטרייק זעהען זיי ניט אן זייערע פרויען און קינדער, שלאפען בלויז עטליכע שטונדען א טאג — אי דאס ניט אין דער היים, נאר אין א טערקישע באד ערגעץ אדער אין א האטעל, געהען ארום היזעריג ווי די וואנד פון דעם כסדר'דיגען שרייען און רעדעס האלטען. און נאכדעם, ווען דער סטרייק ענדיגט זיך מיט א זיעג פאר די ארבייטער אין די וויכטיגסטע פונקטען, נאר טאמער האבען חס ותלילה די פיהרער נאכגעגעבען די באסעס אין דעם טיכדעסטען, ונוויכטיגסטען פונקט — ווערען זיי נאך באשולדיגט פון די מאסען אין פארראט, און אין וואס ניט?

דאס איז פשוט שוידערליך. ניט איין ארבייטער־פיהרער לאזט אראפ די הענד אין פארצווייפלונג, און טוט א שפיי אויף דער גאנצער באוועגונג ביי דער ערשטער בעסטער געלעגענהייט.

דארף עס אזוי זיין? מוז עס אזוי זיין? וועט עס טאקע אימער אזוי זיין ביי אונז?

פרעזידענט גאמפערס צוריק פון אייראפא

סעמועל גאמפערס, דער פרעזידענט פון דער אמעריקען פעדערייישאן אוו לייבאר, איז דעם דיענסטאג צוריקגעקומען פון אייראפא. ביי זיין אנקומען האט ער זיך גלייך געפונען אין צענטער פון טויזענדער פראגען, וועלכע רינגלען איצט ארום די אמעריקאנער ארבייטער־באוועגונג.

אויפ'ן דאק פון פיער 2, האבאקען, וואו די שיף „דזשארדזש וואשינגטאן", מיט וועלכער ער איז געקומען, האט געלאנדעט, האבען אויף גאמפערס'ן געווארט מאסען פארשטעהער פון יוניאנס. עס זיינען דארטען געווען קאמיטעס פון די סטרייקענדע סיגארען ־ ארבייטער, בראדווייער אקטיארען סטרייקער, אייזענבאהן ארבייטער און נאך אנדערע, וועלכע זיינען פארוויקעלט איצט אין קעמפפע. און ווען ער איז געקומען אין קאנטינענטאל האטעל האבען אויף איהם דארטען שוין געווארט די פיהרער פון די אייזענבאהן־יוניאנס מיט זייער לאיער, מר. פלאמב, זיך צו בעראטען וועגען דעם ווייטערען קעמפיין זייערען, אז די אייזענבאהנען זאלען איבערגענומען ווערען פון די פריוואט קאמפאניעס. און פארשטעהער פון די שטאל־ארבייטער יוניאנס מיט דזשאהן פיטצפעטריק פון שיקאגא אן דער שפיצע, וועגען דעם גרויסען סטרייק, וואס ווערט ערווארטעט אין דער שטאל־אינדוסטריע.

גאמפערס האט מיט זיי געהאט קורצע בעראטונגען און ערקלעהרט, אז די טעג וועט דער עקזעקוטיוו קאונסיל פון דער אמעריקען פעדערייישאן אוו לייבאר האבען א ספעציעלען מיטינג און נעהמען א שטעלונג צו אלע פראגען.

צו פארשטעהער פון דער פרעסע האט גאמפערס געזאגט, אז זיין פלאן איז געווען צו זיין אין אייראפא נאך עטליכע וואכען. ער האט אבער ערהאלטען קייבעלס פון די אייזענבאהן־יוניאנס און פון די שטאל ארבייטער יוניאנס גלייך צו קומען. וועגען אייראפא איז גאמפערס פעסימיסטיש. די לאגע פון די ארבייטער איז דארטען איצט זעהר א טרויעריגע, האט גאמפערס געזאגט. עס פעהלט טולס, מאשינערי צו קענען האלטען די אינדוסטריען באשעפטיגט און די ארבייטער זיינען פיזיש אויסגעמאטערט און שוואך.

„איך האב זיך איצט אנגעזעהן אזוי פיעל צרות אין אייראפא, אז עס שוידערט מיך, ווען איך טראכט וועגען דעם, — האט גאמפערס געזאגט. — די ארבייטער־פיהרער פון די פארשיעדענע לענדער, מיט וועלכע איך האב זיך געטראפען, זיינען אלע צוואוועהטאגט".

א ספעציעלע קאמיטע פון ארבייטער־פיהרער און פריינד פון גאמפערס'ן זיינען געפאהרען אויף א שיפעל צו באגעגנען די שיף „דזשארדזש וואשינגטאן", אויף וועלכער גאמפערס איז געפאהרען. צווישען זיי זיינען געווען פיעלע בעאמטע פון אינטערנעשאנאל יוניאנס און צענטראלע קערפערשאפטען. דארט איז אויך געווען מאקס פיין, דער סעקרעטער פון די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען.

א גאנצען טאג האבען רעפארטערס באלאגערט דעם קאנטינענטאל האטעל ארויסצוקריגען פון גאמפערס'ן א ווארט וועגען די אדער יענע פראגע. א קלאנג איז געווען פארשפרייט, אז גאמפערס וועט ארויסטרעטען געגען „פלאמב"־פלאן פאר די אייזענבאהנען. גאמפערס און פלאמב האבען עס אבער אפגעלייקענט. גאמפערס וועט די טעג ערשיינען פאר דער סענאט קאמיטע וועגען דעם.

מאיר וויינשטיין ווערט אינטערנעשאנאל ארגאנייזער

ברודער מאיר וויינשטיין איז די וואך געווארען ארגאנייזער פאר אונזער אינטערנעשאנאל.

ברודער וויינשטיין איז גוט באקאנט אין די קלאוקמאכער קרייזען. ער איז א מיטגליעד פון דער ניו יארקער סקוירט און דרעסמאכער יוניאן לאקאל 23 און איז פאר ניין יאהר צייט געווען א בעאמטער אין דער גרויסער קלאוקמאכער־יוניאן.

גלייך נאך דעם היסטארישען דזשענעראל סטרייק אין 1910 איז ער געווארען א ביזנעס אייזשענט פון דער קלאוקמאכער יוניאן. א ביסעל שפעטער איז ער „פראמאוטעד" געווארען און איז געווען דער מענעדזשער פון דעם סקוירט און דרעס דעפארטמענט פון דזשאינט באארד. ער האט געהאלטען דעם מענעדזשער־אמט פאר אייניגע יאהר, ביז ער האט מיט עטליכע מאנאטען צוריק רעזיגנירט פון דעם אמט.

איצט, אלזא, וועט ברודער וויינשטיין ווידער טעטיג זיין אין אונזערע רייהען. ער האט פיעל ערפאהרונג אין ארגאניזאציאנס־ארבייט און ער וועט זיכער האבען ערפאלג אלס אינטערנעשאנאל ארגאנייזער. ער וועט ארבייטען אין ניו יארק און ער האט דא פאר זיך א ברייט פעלד. ער וועט העלפען ארגאניזירען די פעטיקאוט מאכער, די קארסעט מאכער און די ארבייטער, וואס ארבייטען ביי ליידיעס נעקוועאר.

אין ניו יארק זיינען דא צעהנדליגע טויזענדער פרויען און מענער, וואס ארבייטען ביי די דערמאנטע טריידס. זיי האבען ניט קיין יוניאן און זיי ווערען שרעקליך עקספלואטירט. אין פארגלייך מיט די ארבייטער פון אונזערע ארגאניזירטע טריידס, זיינען יענע ארבייטער אמת'ע שקלאפען. מען ארבייט לאנגע שטונדען פאר קלעגליכע שכירות אונטער די ערגסטע ארבייטס־באדינגונגען. לויט אלע וואהרשיינליכקייטען, דארפען די ארבייטער אין די טריידס זיך אפרופען סימפאטיש, ווען מען וועט זיך נעהמען זיי ריכטיג ארגאניזירען.

וואס אנבאלאנגט די קארסעטען־מאכער אין ניו יארק, האבען זיי לעצטענס זיך אנגעפאנגען ארגאניזירען, מיט דער הילף פון אונזער וויים־פרעזידענטין, מיס פאניא מ. קאהן. א היבשע צאהל פון זיי האבען שוין איינגעצאהלט צו דאלאר און מיט באגייסטערונג זיך אנגעשלאסען אן דער יוניאן, וואס האלט זיך אין גרינדען. די קארסעטען־מאכער וועלען שוין באלד האבען אן אייגענעם לאקאל פון אונזער אינטערנעשאנאל יוניאן.

אויך צווישען די פעטיקאוט מאכער געהט איצט אן א באוועגונג זיך צו ארגאניזירען.

ווי איהר זעהט, אלזא, וועט ברודער וויינשטיין האבען א גרוים פעלד פאר זיין טעטיגקייט און מיר האפען, אז ער וועט זיין ערפאלגרייך אין דער ארבייט.

קלאוק און סקורט מאכער, אויפמערקזאם!

איהר זייט געווארענט ניט צו געהן פרעגען פאר ארבייט ביי דער פירמע פינקעלשטיין סקוירט קא., 138 וו. 25טע סט. דער שאפ איז אין סטרייק, זייט די לעצטע 5 מאנאטען.

אכטונגספאל,

ס. פריזאמט,
מענעדזשער סקוירט און דרעס דעפארטמענט.

...ענדעט איהרע אויגען צו איהם אויף צו געזעגענען זיך.
...שיידונג איז געווארען אלץ טרויעריגער.

...און ווען דער טאג פון זיין אפרייזע איז באשטימט געווא־ ...האט דער אלטער שטאאטסמאן באשלאסען, נאך אמאל ... צו טאן אויף דער באצויבערנדער און אינטערעסאנ־ ...יטערין, וואס האט איהם אזוי שטארק פארנומען.

...ערהיצט און הינגעריסען איז ער געווארען פון איהר ריי־ ...ין דעם ערשטען טייל פון פראגראם. ער איז אין דער ...פון דער צווייטער פאוזע אוועק אין שטאל אריין צו בא־ ...די פערד.

...ינדעלין איז איהם אנטקעגען געקומען. זי האט געלויכ־ ...ן פרייד און שטארק אויפגערעגט געוועזען. זי האט איהם ...ליינט אליין צו ווייזען די פערד.

...י האט געצויגען זיין אויפמערקזאמקייט דא אויף איין, דא ...א צווייט פערד. זי האט זיי לייכט געקלאפט אין די רו־ ...און געגלעט זיי; זי האט מיט די פינגער צוקעמט זיי ...יוועס. זי האט געלאכט, ארויסגעקוקט פון אונטער א ...פון א פערד און איהרע אויגען האבען געלויכטען און גע־ ...לט.

...איהם איז אויך ארויסגעקומען מיט די פינגער צו בא־ ...ן זייערע גריוועס, אום זיך איבערצוציינגען וועגען זייער ...ר אפשטאמונג.

...ערפון איז ארויסגעקומען, וואס זייערע הענד האבען זיך ...נפטער באגעגענט און אלץ לענגער האט זיך איין האנד ...טען ביי דער צווייטער.

...און אין דער צייט, וואס זיי זיינען אזוי געשטאנען, האט ... מיטאמאל א ווארף געטאן אויף זיין ברוסט, ניט קענענ־ ...עהר קעמפען מיט איהר טיפען געפיהל. יאמערנדיג, האט ...געהויבען צו רעדען, אז ער איז דער ערשטער אמת'ער ..., וואס זי האט באגעגענט אין לעבען. זי האט גערעדט ... דעם, אז זי איז פון אלעמען אויף דער וועלט פארלא־ ...און אז עס האט זי צום טויט פארמאטערט די גראבע, ...ע אומגעבונג, אין וועלכער זי מוז לעבען.

...יפצענדיג האט זי ערקלערט, אז זי קען אליין אויף בע־ ...ט ניט זאגען, ווי אזוי זי איז דא אריינגעפאלען.

...אס איינציגע, וואס זי געדענקט פון איהר פריהער קינד־ ... איז א ווינעל מיט א זיידענער דעק און מיט קליינע בא־ ... קרוינען. קיינער אויף דער וועלט ווייסט ניט, ווער ...ן עלטערן זיינען געוועזען. זי האט זיי אין גאנצען ניט ...ט.

...ווען די מוזיק האט ווידער אנגעהויבען צו שפיעלען, און ...אט זיך געמוזט צושיידען, איז זי פשוט ניט אים שטאנד ... איהם אוועקצולאזען פון זיך.

...י האט איהם געקושט, זי האט געלאכט און טרייסטלאז ...נט אויף זיין ברוסט.

...און דער גרויסער שטאאטסמאן האט א גאנצע נאכט ניט ...ט שלאפען. ער האט ארומגעשפאנט אין זיין סאלאן ... האטעל און געהאלטען אין איין ציהען אין זיין האנד ...אלדען טאבאק־פושקעלע.

... איהם האט זיך אויסגעוויזען, אז ער וועט קענען, א דאנק דער דאזיגער שטאלצער און אין דעם זעלבער צייט אפענהער־ציגער פרוי, ווידער יונג ווערען און צוריקקריגען זיין פארלארענע גליקזעליגקייט.

דא האט מען געדארפט האנדלען ענערגיש; האנדלען ווי עס פאסט פאר זיין שטארקען כאראקטער.

אלץ האט זיך אויפ'ן בעסטען אופן איינגעארדענט; א דאנק זיין גרויסען איינפלוס, האט מען די בארימטע רייטערין באפרייט פון דער טרופע.

אין א יאהר ארום האבען די צייטונגען באריכטעט, אז די שעהנע לינדעלין איז געווארען די פרוי פון דעם באריהמטען שטאאטסמאן. די נייעס האט ארויסגערופען גרויס אינטערעס.

אין דעם זעלבען שטעדטעל, וואו עס האט געוואוינט דער סוחר, וועמעס געזעצליך ווייב לינדעלין איז אמאל געווען, פלעגט יאהר איין יאהר אויס קומען דער קאפיטאן אויף מאנעוורעס. ער איז שוין לאנג געהאט צוריקגעקומען פון זיינע ווייטע רייזעס. און פינקטליך, יעדען פריהלינג און זומער האט די שטאדט באזוכט דער שיפער, וועלכער איז פאר דער צייט זעהר רייך געווארען.

און עס האט פאסירט, אז די דאזיגע מענשען, לויט עפעס א גייסטיגען מאגנעטיזם, אדער א געמיינזאמער אונבאוואוסטער קראפט, האבען זיך אפט צוזאמענגעטראפען ביי איין און דעם זעלבען דיינעם הילצערנעם טיש פון דער בעסטער קרעטשמע אין שטאדט. אפטמאל האט ארויסגעבראכען צווישען זיי א לאנגער, פריינדליכער שטרייט איבער דעם, ווער עס זאל באצאהלען דאס מאל דעם קרעטשמער. זיי האבען פארבראכט די צייט שפיעלענדיג אין קארטען, אדער אויף עפעס אן אנדער אינטערעסאנטען וועג.

זיי האבען געטרונקען א גלאז נאך א גלאז, ביטערע אונטערווינקענדיג איינער צום צווייטען, דאך האבען זיי צווישען זיך ניט געפיהרט קיין געשפרעכען, בלויז טיילמאל דערצעהלט זיך עפעס א לאקאלע פאסירונג.

עס האט פאסירט, אז דעם פריסטער האט מען איינגעלאדען אין דער שטאדט אריין. ער האט זיך אפגעשטעלט אין דער קרעטשמע אייעדער ער האט אויסגעפונען א דירה אין דער שטאדט.

און אין דער צייט, וואס מען האט איהם דערלאנגט אויף דעם זעלבען האלצערנעם טיש דאס עסען, זיינען אנגעקומען דער סוחר, דער שיפער און דער קאפיטאן און האבען זיך אוועקגעזעצט ביים צווייטען עק פון טיש.

איינינע אין דער קרעטשמע האבען מיט היץ גערעדט וועגען דער לעצטער נייס אין שטאדט, אז די שעהנע לינדעלין, וועלכע איז, ווי מען האט דערצעהלט, מיט א פאר יאהר צוריק אנטלאפען מיט א רייטער און שפעטער געווארען די פרוי פון דעם באריהמטען שטאאטסמאן, האט איצט חתונה געהאט פאר א נעגערישען פריץ, וואס איז שווארץ ווי עבענהאלץ.

די דריי, וואס זיינען געזעסען ביים עק פון טיש, האבען אריינגעקוקט אין זייערע גלעזער און צושמייכעלט זיך.

דער פריסטער האט אויפגעהויבען זיינע אויגען צום באלקען.

ע נ ד ע.

א בריוועל צום רעדאקטאר

ווערטהער רעדאקטאר!

וויסענדיג פון פריהער אז איהר גלייבט ניט קיין מליצה, וועל איך דארום צוקומען גלייך צום פונקט וועגען דעם וואס איך פארלאנג פון אייך.

אין דער „גערעכטיגקייט" פון אויגוסט דעם 8טען, אין דעם פראטאקאל פון אונזער לאקאל 25, ווייסט און דרעס מייקערס יוניאן, האב איך געלעזען די נייע פלענער וואס די עקז. באארד רעקאמענדירט צו דער מעמבערשיפ אלס רעפארמען און אויך אלס א סגולה צו די אלע איבלען און גרופען־רייסערייען וואס עקזיסטירט אין אונזער ארגאניזאציאן.

אלזא, דארום וואלט איך אייך געוואלט בעטען, נישט קיין פערזענליכע טובה, ווייל איך גלויב, אז עס וואלט געווען א גרויסע טובה פאר דער גאנצער מעמבערשיפ פון דעם לאקאל, אז איהר זאלט געבען פלאץ אין די „גערעכטיגקייט" פאר דער מעמבערשיפ, צו האבען א געלעגענהייט צו דיסקוטירען די פלענער און צו קאנען זיך קלאר מאכען וועגען זיי, איהר קאנט באשריינקען די צאהל וואכען פאר דער דיסקוסיאן.

איך בין זיכער, אז עס וואלט ניט דעם געטאן געווארען א גערעכטיגקייט צו די מעמבערס און איבערהויפט צו די מעהר אקטיווע מעמבערס, זיי געבענדיג א געלעגענהייט וועגען דעם זיך דורכצורעדען.

האפענטליך אז איהר וועט דאס נעמען אין אנבאטראכט און וועט די קאלומס פון דער „גערעכטיגקייט" עפענען פאר אזא דיסקוסיאן,

פארבלייב איך, אייער איבערגעבענער,

סעם סנדלר.

אנמערקונג פון דער רעדאקציע: — די בקשה פון דעם ברודער איז אין גאנצען איבריג. די קאלומס פון די „גערעכטיגקייט" זיינען אימער אפען פאר דיסקוסיאן, וועגען אלע פלענער און פראגען וואס קומען אויף אין אונזערע לאקאל יוניאנס. אלעס וואס ווערט געשריבען צום פונקט און פארשטענדליך זיינען מיר אימער צופריעדען צו דרוקען. איהר קאנט עס זעהן פון ברודער סלאווינס ארטיקעל אין היינטיגען נומער, וועגען נייע פראגען אין דעם פרעסער לאקאל 35.

נאכ'ן רעגען

פון מ. סילווערמאן

.1

דאפעלט העל די זון איז היינט,
נאך דעם לאנגען סומנעם רעגען...
איבעראל א רעגענבויגען
זעהען מיינע קלארע אויגען,
און ער טרייסט מיך ווי א פריינד...
ליכטיג לייכט אויף דער נשמה,
כ'טרינק די לופט ווי שטארקען וויין,
כ'פיהל ווי כ'וואלט א טייל געווארען
פון דער לופט און זונענשיין.

.2

טראלאלא, טראלאלא...
דאפעלט העל איז היינט די זון —
איז מיר גוט אזוי דערפון,
גלייך ווי זונענפרייד־געזאנגען
פון א טשעלען־כאר, א ווייטען,
וואלטען לאסטשען מיין נשמה.

טראלאלא, טראלאלא...
מיידל שעהנסטע, קום־זשע טאנצען!
מיט די קינדער אויף דער גאס,
„רונד ארום דעם מאלבעריבוש",
לאמיר, ליעבסטע, טראלאלא טאנצען...

אדער — קום מיט מיר אין וואלד,
אין דעם אלטען־יונגען וואלד —
כ'וועל אן אלטען דעמב דיר ווייזען,
וואס זיין שטאם איז ווי א ביהנשטאק
פול מיט פרישען בלומען־האניג...
כ'וועל דיר ווייזען זיינע צווייגען,
זיינע גרויסע גבור־צווייגען,
וואס אויף זיי א מחנה פויגעל
זינגען שירה צו דער זון —
זינגען, שפרינגען, זוכען, פארען,
ווי אין שטורעם־ווינד די זאנגען,
ווי אין טוי־נעבעל — פרומע קוויטער,
ווי אין זון־שיין — אונזערע הערצער,
איינס פאר'חלש'ט נאכ'ן צווייטען...
קום — — —

.3

...וייסע, בארוועס־פלינקע פים.
סאמעט־גראזען, ווייך און פייכט.
לויפט זיך לייכט —
פיהלט זיך זים —
סאמעט־גראזען ווייך און פייכט
לאסטשען דיינע פים...

בליהען ווייסע טויבען צוויי.
זי פאראוים און ער נאך איהר.
איך מיט דיר —
ריין ווי זיי —
דו פאראוים און איך נאך דיר,
יונגע טויבען צוויי.

א געלאקטער יאגדעס־קוסט
שטעהט און קוועלט אין זונענליכט...
דיין געזיכט,
אויף מיין ברוסט,
נורעט איין זיך, ווי דאס ליכט
אין דעם יאגדעס־קוסט...

.4

און נעהמען מיינע שטארקע ארעמס דיך ארום,
מיר דוכט — איך נעהם די פלאקערדיגע זון ארום,
וואס קארג איז זי אזוי צו מיר,
אין סומנע־רעגענדיגע טעג...
און גראב איך מיינע חיה'ש־ווייסע צייהן אין דיר,
און וועהטאג פיהלט
דיין הייליג־זוניג לייב —
מיר דוכט — איך נעהם נקמה אן דער קארגער זון,
פאר אלע מיינע סומנע־רעגענדיגע טעג — — —
און שכור ווערט דאן מיין נשמה
פון זיסען דין פון דער נקמה.

וואו די קינסטלער האבען נאר אנגעפאנגען זינגען און שפיעלען דעם נייעם רוסישען הימן, האבען זיך צוויי אלטע אידען מיט לאנגע גרויע בערד אויפגעשטעלט און האַבען ארונטערגענומען זייערע היט איבערלאזענדיג טונקעל־בלויע יארמולקעס אויף זייערע קעפ. איינער פון זיי איז צוגעגאנגען צו דער שרייבערין פון דיעזע צייללען און האט איינדרוקספאל געזאגט: „אך, עס איז אזוי אנגענעם צו הערען א רוסישע ליעד, עס דערמאנט אן דער אלטער היים", אבער מיר זיינען דאך אידען און עס וואלט זיך זעהר וועלען מען זאל זי זינגען עפעס אידישעס, עס זאל נעמען ביים הארצען"... איך בין געבליבען שטעהן אין פארלעגענהייט. די זינגערין אויף דער ביהנע, א סאפראנא, איז גראַדע געווען אן אמעריקאנער קריסטין, און איך האב ניט געקענט ערווארטען אז זי זאָל קענען זינגען אידישע ליעדער וואס „זאלען נעמען ביים הארצען". אבער צו מיין איבערראשונג, האט די זינגערין אנגעפאנגען זינגען די „התקוה", און דער עולם, מיט דער אויסנאמע פון א פאר, האבען זיך אויפגעשטעלט פון זייערע פלעצער און גאנץ געשמאק מיטגעזונגען.

אויף די קאנצערטען האט מען געזונגען א סך אידישע פאלקסליעדער, וועלכע זיינען פון עולם שטארק אפלאדירט געווארען.

ניט קיין קליינעם פלאץ האט ביי דיזע קאנצערטען פארנומען די פידעל. יעדען פידעל־שפילער פלעגט מען זעהן ענטוזיאסטיש אויפנעמען און איינפאך זיי „צווינגען" צו שפילען פיעלע באקאנטע זאכען.

אונזערע פריינד צווישען די קינסטלער האבען אין דיעזען סטרייק געהאט א געלעגענהייט ביישטייערן זייער טייל, און איך וויל דא זיך באנוצען מיט דער געלעגענהייט און אויסדריקען אין נאמען פון דער „ענטערטיינמענט און ספיקערס קאָמיטע" אונזער דאנק און אנערקענונג צו די פאלגענדע פערזאנען, וועלכע האבען פיעל ביינעשטייערט צו האלטען אונזערע סטרייקער אין א גוטער, פייערליכער שטימונג, וועלכע האבען מיט זייערע ליעדער פול מיט ענטוזיאזם געוועקט זיי צום קאמפף פאר מעהר פרייהייט.

נאר צום ערשטען וויל איך דא דערמאנען מיסס טעממא קאממיטא, וועלכע האט אונז א סך געהאלפען אלס טשערליידי פון א קאמיטע, אדאנזשירט פון דער „רענד סקול", צו העלפען אונזער „ענטערטיינמענט קאמיטע אראנזשירען די קאנצערטען. אויך האט מרס. לאורא עלליאט פיעל געהאלפען אונזער קאמיטע. און עס איז איבעריג צו זאגען דאס מיסס ווידא מילהאלענד, זינגעדיג רעוואלוציאנערע ליעדער, האט איינפאך באגייסטערט דעם עולם.

אין אונזערע קאנצערטען האבען זיך באטייליגט די פאלגענדע קינסטלער:

זינגער: מיס ווידא מילהאלענד, מיס פאזנאלסקי, מיס לואיז ווערמאנט, מיס גערטרוד סיפירא, מיסס ראבערטס, מיס בעלא פינקעל, מיס לוסי פינקעל. מר. רובין — פארלעזער.

פידעל־שפילער: מר. דזשאהן קאַרינליאנא, מר. לואיס גאלדבערג, מר. קראינין, מר. עמאנועל עדעלשטיין, מר. עמאנועל בערג, מר. לאזאר עלקינד, מר. וואלטער קאהאסט, מיס גאלדענטהאו.

פיאניסטען: מיס בעיפעין, מיס מוד, מיס מידזשעט גולד, מיס האריעט סאלאנט, מיס רוט גארלאנד, מר. דזשייקאבסאן, מר, גינדין, מיס מיריאם בערמאן.

צוזעהענדיג ווי באגייסטערט אונזערע קלאוק מאכער זיינען געווען פאר די קאנצערטען, פלעגען די קינסטלער יעדעס מאל פארלאזען די האלס זעהר באגייסטערט פון די אויפנאמע וואס זיי פלעגען קרייגען. דאס אליין איז שוין פאר די קינסטלער געווען א שטיקעל באלוינונג.

אלזא, נים נאר אין נאמען פון דער „ספיקערס און ענטערטיינמענט קאמיטע", נאר אין נאמען פון דער גאנצער יוניאן, באדאנקען מיר די אלע קינסטלער און קינסטלערינס, וועלכע האבען מיט אזא גוטמוטיגקייט זיך באטייליגט אין די קאנצערטען אין צייט פון אונזערע לעצטע סטרייקס.

לינדעלין

ערצעהלונג פון יאנאס ליע

אידיש פון זישא לאנדוי

(שלום).

און אין דער צייט, וואס ער האט געלעגען, האט זי אלץ אנגעהאלטען איהר אונשולדיגען אויסזעהן, אזוי ווי זי וואלט ניט פארשטאנען, אז דאס וואס ער רעדט איצט, איז ניט קיין אווענד־געבעט.

אבער זי האט זיך אפגערוקט פון איהם אלץ ווייטער און ווייטער.

זי האט גענומען ארומלויפען אלץ גיכער און גיכער ארום די שאכטלעך און איבער די צימערען. אלץ, וואס עס איז איהר געקומען אונטער דער האנד, האט זי געכאפט און גענומען.

און מיט יעדען שטיקעל צירונג, וואס זי האט אריינגעפאקט אין איהר רייזע טאש, איז זי געווארען אלץ פלינקער, ווי די פינגער וואלטען איהר געברענט.

גאלד און זילבער איז פארשוואונדען. זי האט אלץ געכאפט, ווי א קאץ, וואס שארט ארום מיט איהר פיסעל צונ׳ם פייער צוגליהטע קוילען.

דערנאך האט זי זיך קלאנגלאז ארויסגעשארט פון דער טיר.

אין צירק איז געווען ליכטיג און טומלעדיג.

און ווען דער רייטער, וואס מען האט ארויסגערופען מיט בראוואַ־געשרייען, וואס האבען געמאכט ציטערען דעם צירק, איז צוריקגעפאהרען פון דער ארענא, האט זיך לינדעלין מיט אמאל אוועקגעשטעלט ביי זיין פערד; זי האט דאס פערד א גלעט געטאן און מיט גלאנצענדיגע אויגען געשמייכעלט צום רייטער.

און יעדעס מאל ווען ער האט גאלאפירענד צוריקגעקעהרט זיך פון דער ארענא, איז זי געשטאנען אויפ׳ן זעלבען פלאץ, געטוליעט און געצויגען זיך צו איהם.

לאנג האבען זיי צווישען זיך געמורמעלט און געפלוידערט.

דערנאך האט זי איהם מיט ברענענדיגע אויגען געפרעגט, וועלכע פון זיינע פערד זיינען די שנעלסטע.

און ווען ער האט איהר געוויזען אויפ׳ן שווארצען און אויפ׳ן ווייסען, האט זי באפוילען דעם שטאל־יונג זיי צו זאטלען, ווי נאר די פארשטעלונג וועט זיך ענדיגען.

און אין דער זעלבער נאכט איז זי אנטלאפען פון שטאדט מיט׳ן שעהנעם רייטער.

אין א פאר וואכען ארום איז די טרופע אריינגעפאהרען אויף אויסגעפוצטע פערד אין א ווייטער שטאדט אריין.

די מוזיק האט געשפילט, די טרומייטען האבען געשאלט־נעלט, בלויע און רויטע שרייאיגע פלאקאטען האבען אויף זיך געהאט דאס בילד פון דער פרימאדאנא, פון דער אויסערגעוועהנליך שעהנער און אונאיבערטראפענער לינדעלין.

אויף דער ארענא איז זי ארויסגעפאהרען אין א לאנגען סאמעטענעם קלייד, אין א מענערשען הוט און אין א גלאנצענדיגער בראַשקע אויף דער ברוסט.

פון צייט צו צייט האט זי לייכט אנגעריהרט דאס פערד מיט׳ן עלעגאנטען בייטש, וואס זי האט געהאלטען אין איהר האנד און נאך א פאר טריט, פול מיט ווירדע, האט זיך דאס פערד געלאזען אין אזא אדער אן אנדער סארט גאלאפ, וואס מען האט איהם אויסגעלערענט.

ווי נאר דאס פערד האט געביטען זיין גאנג, האט לינדעלין געשמייכעלט צו דער פיינערער געזעלשאפט, וואס איז געזעסען אין די לאזשען און דערמיט האט זי געוויזען, אז זי רעכענט, אז בלויז זיי פארשטעהען קונסט.

און צום פובליקום, וואס האט געפאטשט בראוואַ, האט זי געענטפערט מיט א לייכטען שאקעל פון קאפ, ווי זי וואלט וועלען אויסרופען בלויז א ביסעל מעהר אויפמערקזאמקייט צום רייטען און נישט צו זיך פערזענליך.

ווען זי האט געענדיגט דאס ארומפאהרען ארום דער ארענא, האט זי געצוואונגען, אלס אן אדיע, דעם פערד זיך צו שטעלען אויף די קני.

דאמאלט האבען די צושויער, וואס האבען געקוקט אהן אטעם אויף איהר פייערליכען רייטען, גענומען שרייען מיט באטויבענדע קולות, פאטשען מיט די הענד און אויסער זיך פאר באגייסטערונג קלאפען מיט די פיס.

אבער אויפ׳ן פנים פון דער עדעלער רייטערין האט זיך אלץ געשפיעלט דער זעלביגער טרויעריגער שמייכעל, וואס האט באוויזען, ווי ווייניג עס האבען זי געריהרט די אלע שבחים.

און מיט יעדען אווענד איז די ענטציקונג פון פובליקום פאר דער הערליכער לינדעלין אלץ געוואקסען און געוואקסען.

אונטער געשרייען פון ערמוטיגונג און אונטער א רעגען פון בלומען פלעגט זי אוועק פון דער ארענא. און אז דער שעהנער רייטער, וואס האט אויף איהר געווארט, פלעגט צו איהר צוגעהן, אום זי אראפצונעהמען פון פערד, פלעגט זי מיינסטען מיט כעס אפשטופען איהם פון זיך.

איהרע אויגען האבען געגלאנצט אלץ בייזער און בייזער.

זי האט זיך געוויצעלט אויף זיין רעכענונג און געזאגט, אז פון איהם שמעקט מיט שטאל, און אז מיט זיינע מאנירען און מיט זיין זעלבסט־צופריעדענעם שמייכעל דערמאנט ער דעם שטאל־יונג.

ארומגעהענדיג ארום פערד, האט זיך דער רייטער אויסגעלערענט, וואס צו טאן צו קאפריזען.

איינמאל אין אווענד, ווען זיין געדולד האט שוין אין גאנצען געפלאצט, איז ער געקומען אין שלאף־צימער אריין מיט דער דיקסטער בייטש. זי האט אנגעהויבען צו שרייען, אז דא איז ניט קיין פערד־שטאל. אבער, ווי די וואנד, איז ער געשטאנען שטום ביז דעם מאמענט, ווען זי איז געבליבען בלויז אין נאכט־העמד.

אין דער מינוט האט די בייטש א קנאק געטאן אין דער לופט.

זי איז צוגעלאפען צו איהם און געוואלט מיט די נענעל צורייסען זיין פנים.

אבער די קלעפ זיינען געפאלען איינער נאכ׳ן צווייטען. וואס מעהר זי האט זיך געדרעהט, געשריען, געבויגען, געיאמערט, האט אלץ אונ׳רחמנות׳דיגער געקנאלט די בייטש. דער געדרעהטער, לאנגער שטריק האט זיך ארומגעוויקעלט ארום איהר לייב, איבערלאזענדיג אויף איהם רויטע פאסען. צום סוף האט זי זיך שוין געדרעהט ווי א ווערפעל.

מיטאמאל האט זי זיך א ווארף געטאן אויף דער ערד, צוגעקראכען צו איהם, און מיט א פנים פון חרטה און פון גרויסער ליעבע האט זי גענומען קושען די בייטש.

דעם רייטער האט זיך גענומען אויסווייזען, אז אויף דער גאנצער וועלט איז ניט פארהאנען אזא צערטליך, מילד, ליעב ווייב, ווי זיין לינדעלין.

נאך דעם איז זי ערשינען פאר די צושויער, ווי אן אנצייהענד, שטיל וועזען. זי איז געריטען מיט אראפגעלאזענע בליקען. דער שאטען פון איהרע טונקעלע סאמעטענע וויהעס איז געפאהלען אויף איהרע באקען. אבער ווען איהר בליק איז געפאלען אויפ׳ן רייטער, האבען איהרע אויגען געברענט ווי פייער.

צווישען די, וואס זיינען געקומען אין צירק צו זעהן די רייטערין, האט זיך געפונען א באריהמטער שטאטסמאן, וואס איז ניט לאנג צוריק געקומען אהער צופאהרען. ביי איהם איז נאר וואס געהאט געשטארבען זיין ווייב און ער איז געווען פארצווייפעלט. ער האט אונטערגענומען די רייזע בלויז אום זיך אביסעל צו צערשטרייען און פארגעסען זיין טיעפען טרויער.

לינדעלין האט שוין פון פריהער געהאט באמערקט דעם נידריגען מאן מיט די גרויע האר און מיט דעם הויכען שמאלען קאפ און גרויסען פליך, וואס איז געזעסען אויף א שטול באַשלאגען מיט סאמעט.

דאס מאל איז ער געקומען פון א באנקעט, וואס איז געגעבען געווארען אין זיין עהרע. פון אונטער׳ן פאלטא האבען ארויסגעקוקט פיעלע מעדאלען. אין דער צייט, וואס זי איז ארומגעריטען, האט זי אויף איהם אזא קוק געטאן מיט איהרע גלאנצענדיגע אויגען, אז ער איז ערשטוינט געווארען.

נאך דעם האט זי יעדען אווענד געווארפען אויף איהם ניי־געריגע און ציטערדיגע בליקען, ווי א יונג, ניינעריג, פאר׳חלום׳ט מיידעל, וואס קען זיך מיט עפעס ניט גענוג אנקוקען.

ווען ער האט זיך אויסגעגלייכט און אפלאדירט זי, האט ער באמערקט, ווי איהר האנד, וואס האט געהאלטען די לייצעס, האט א ציטער געטאן און ווי א פארדריקטע האט זי זיך איינגעבויגען צום האלז פון פערד.

ער האט קלאר געזעהן, אז אלע איהרע געדאנקען, ווען זי קומט ארוים אויף דער ארענא, זיינען פארנומען מיט איהם.

ער האט איין שמעק טאבאק גענומען נאכ׳ן צווייטען.

און אין דער צייט, ווען ער איז זיך אזוי געזעסען און געטראכט, האט ער זיך איינמאל אזוי אריבערגעבויגען, אום צו קענען איהר נאכקוקען, אז זיין נאזטיכעל איז איהם אראפגעפאלען.

לינדעלין האט אומגעדרעהט איהר פערד און געצוואונגען איהם צו שטעלען זיך אויף די קני. זי האט דאס טיכעל אויפגעהויבען מיט איהר בייטש און עס דערלאנגט איהם. איהרע אויגען האבען געפינקעלט און געלויכטען פאר פרייד. זי האט אזוי באצויבערענד־קינדיש געשמייכעלט און געוויזען איהרע פרישע, ווייסע ציין, אז דער אלטער, פראמינענטער שטאטסמאן איז אויפגעלעבט געווארען.

זיס און אנגענעהם איז איהם געווען די נאכט. ער האט געטראכט פון דער שטאלצער, עדעלער רייטערין, וואס האט אזוי אפען ארויסגעצייגט איהרע געפיהלען צו איהם.

אויף דער צווייטער פארשטעלונג האבען זיי איבערגעלעבט די פרעהליכסטע באגעגענישען; ווי נאר זי האט איהם באמערקט האט זי איהם צוגעווארפען אזא פרעהליכען, איבעראשענדען שמייכעל, אז זיין הארץ האט גענומען קלאפען.

און ווען דער אווענד האט געהאלטען אין ענדיגען זיך האָ־

...א דורכשניט פון איבער־ארבייט,
...נעץ איבער וועלכען עס זאל ניט
...איבערגעטראטען ווערען.
...אנדערע ווערטער. די יוניאן
...באשטימען וויפיעל קלאוקס קען
...יטאר פון דורכשניטליכע פעהיג־
...מאכען אין א טאג, דאן מוז די
...באשטימען, וויפיעל איינער קען
...איבער דעם דורכשניט, אויב ער
...דער נאטור באגאבט מיט מעהר
...מעהר פלינקייט, אבער ניט מעהר.

...פלאן, אויב ער איז נאר מעגליך
...פיהרבאר, קען ניט פיהרען דער־
...לע זאלען קריגען די זעלבע ווי־
...אבער דער אונטערשיעד אין די
...ם פון ארבייטער און ארבייטער
... ניט געווען אזוי גרויס,
...יז איצט, ווען עס זיינען דא מאנ־
...יטער אין יעדען שאפ, וואס פאר־
...מיט צוואנציג און מעהר דאלער
...ווי די אנדערע בעל מלאכות.

...ווייטער וועג איז דער, ווי עס
...ארגעשלאגען פון פריינד סלאווין
... ארטיקעל אין דעם נומער. מיר
...יט געבען גלייך איצט אונזער
...צו דעם פלאן, ניט ווייל ער איז
...טער, נאר אפשר ווייל ער איז א
...אלער, און מיר האבען מורא, אז
... ניט אזוי לייכט אויספיהרבאר.
...לטען דערביי זעהר געוואונשען צו
...פון אנדערע, וואס זיי דענקען.
...ען הערען די מיינונגען פון דער
...ר פייל אזוי גוט, ווי פון די פיה־
... דער יוניאן.

...יך, אז עס זיינען דא נאך אנ־
...לענער, ווי אזוי מען קען באזיי־
...אצייטענס דעם איבעל, וועלכער
...בען צו גארניט אלעס, וואס איז
...ט געווארען אין דער קלאוק־אינ־
... דורך דעם לעצטען סטרייק, טו
...י דורך דער צייטונג אונזערער
...די ברייטסטע עפענטליכקייט.
...עט די דיסקוסיאן גופא פון דער
...העלפען שוין ביז צו א געוויסען
...ון וועט זיין טיילוויז אויך די
...ע, וועלכע דער דזשאינט באארד
... קלאוקמאכער יוניאן האט בדעה
...רען. זאל דא נאך אויך אויפמערק־
...אכט ווערען, אז אט די דאזיגע
...ט איז געלייזט געווארען אויף אזא
... אנדער אופן אין פיעלע אנדערע
...ריען. און דאס וואס די יוניאנס
...נרע אינדוסטריען האבען אויסגע־
...וועט זיכער אויך קאנען אויספיה־
...קלאוק מאכער יוניאן אין איהר
...ריע.

די אמעריקאן פעדערײשאן אָוו לייבאָר

איהר וועלט־אנשויאונג און איהרע פאליסים, ווי זיי האבען זיך אפגעשפי־געלט אויף איהר קאנווענשאן אין אטלאנטיק סיטי.

פון ש. יאנאווסקי

. 5

מעג איינער האלטען די א. פ. אוו ל. פאר די קאנסערוואטיווסטע און רעאק־ציאנערסטע ארבייטער־ארגאניזאציע, וואס איז דא אויף גאט'ס ערד, אבער, אויב ער וויל און קען זיין ווירקליך אן עהרליכער קריטיקער, וועט ער מוזען צוגעבען, אז אין אט דער העכסט־רעאקציאנערער אר־בייטער־קערפערשאפט הערשט א גראד פון טאלעראנץ, וואס מען באגעגענט לײ־דער זעהר זעלטען אין אונזערע ראדיקא־לע און פארטגעשריטענע קרייזען.

איך דערמאן מיך אן דער צייט פון פיעלע, פיעלע יאהרען צוריק, ווען איך האב ביינעוואוינט דעם צווייטען אינ־טערנאציאנאלען ארבייטער־קאנגרעס אין בריסעל. צו דעם קאנגרעס זיינען אויך געקומען אייניגע אנארכיסטישע דעלעגא־ציאנען. און איך דערמאן מיך, ווי מען האט אט די דעלעגאטען אויסגעשלאסען און זיי ניט געגעבען זאגאר די מעגליכ־קייט א ווארט צו זאגען נאר דערפאר, ווייל זיי האבען ניט געגלויבט אין דעם פארלאמענטארישען קאמפף.

איך דערמאן זיך אן דעם קבלת פנים, וואס דער באריהמטער סאציאליסט דא־מאלא ניווענהויז האט געקראגען פון די איבעריגע דעלעגאטען פאר זיין רעדע צו גונסטען פון א דזשענעראל־סטרייק אין פאל פון א מלחמה־ערקלעהרונג מצד פון אירגענד א רעגירונג. מען האט איהם כמעט ווי אויסגעפייפט, דעם גרויסען פרייהייטס־קעמפפער.

איך האב אייך פיעל צו דערצעהלען פון מיינע אייגענע ערפאהרונגען אויף מיטינגען מיט מיינע אידעען־געגנער. נאך ערשט גארניט לאנג צוריק האט מען מיר ניט געגעבען דאס ווארט אויף א באנ־קעט, ווייל איינער פון מיינע געגנער, כאטש פערזענליך א גוטער פריינד, האט א וואונק געגעבען דער קאמיטע, אז מיין נאמען זאל אויסגעשטראכען ווערען פון דער רעדנער־ליסט, ווייסענדיג, אז איך וועל געוויס אויפטרעטען געגען איהם און אייניגע פון זיינע פאלשע באהויפטונגען. און אט איז נאך א פאל פון אונטאלע־ראנץ צווישען אונז.

אויף א מיטינג פון א געמיינשאפט־ליכער וויכטיגער טעטיגקייט האט דער טשערמאן, א גאנץ באקאנטער סאציא־ליסט, און ווידער אמאל, פערזענליך א גוטער פריינד מיינער, מיך ניט „רעקאג־נייזד" און מיר דאס ווארט ניט געגעבען. די געשיכטע האט געקענט זיך ענדיגען מיט א גרויסען סקאנדאל, פון וועלכען די אלגעמיינע גוטע זאך וואלט געליטען, און איך האב מיך אין גאנצען געמוזט צוריקציהען פון דער ארבייט.

איך ווייס אויך, אז פיעלע לעזער און לעזערינען וועלען זיך דערמאנען אן זייע־רע פערזענליכע ערפאהרונגען אויף פאר־שיעדענע מיטינגען, קאנווענשאנס, און זיי וועלען מיט מיר איינשטימען, אז וואס־וואס, אבער די שעהנע מדה פון טא־לעראנץ, פון קענען פארטראגען אביסעלע קריטיק, פון זיין „פעיר" צו געגנער, די הערשט אין אונזערע קרייזען אין א זעהר, זעהר קנאפער מאס.

אין פארגלייך מיט דעם, וואס איך ווייס און פיעלע אנדערע ווייסען אין דעם פרט, פון אונזערע ראדיקאלע קרייזען, וואו אין דער לעצטער צייט הערשט שוין דאכט זיך א ביסעל א פרייערער גייסט, שיינט די קאנסערוואטיווע, רעאקציאנע־רע א. פ. אוו ל. ארוים מיט איהר ווירק־ליכער טאלעראנץ.

איך בין ווירקליך געווען אנגענעהם איבערראשט, ווען אין די פארשיעדענע דעבאטען, פון וועלכע דער אלגעמיינער עולם האט זיך געפיהלט שטארק איבער־דריסיג און האט אנגעהויבען צו ליארעמען „קוועסטשאן", מיינענדיג דערמיט, אז די פראגע זאל איבערגעגע־בען ווערען צו אפשטימונג, האט דער פרעזידענט פון דער קאנווענשאן אפט גע־געבען דעם אלגעמיינעם וואונש און, זיכער געגען זיין אייגענעם, ווייל עס האט זיך געהאנדעלט וועגען רעזאלוציאנען, וועלכע זיינען איהם ווייט ניט געווען צום האר־צען, דאך ווי ווייט מעגליך געגעבען די געגנער און קריטיקער פון דער פאליסי פון דער פעדערײשאן די פולסטע מעג־ליכקייט ארויסצוזאגען זייערע מיינונגען.

איך וועל אין נעקסטען ארטיקעל אי־בערגעבען אויסצוגען פון אייניגע אזעלכע רעדען איבער פארשיעדענע פראגען, פון וועלכע ביי די קאנסערוואטיווע דעלעגא־טען האבען געמוזט די אויערען ברענען, און דאך, און דאך די פרייהייט פון ווארט איז אויף דער קאנווענשאן זעלטען־ווען פארלייקענט אדער זאגאר פארקירצט גע־ווארען.

צווישען די איבער 5 הונדערט דעלע־גאטען איז געווען א יונגער מאן מיט'ן נאמען דזשיימס י. דאנקען פון סעאטעל. אין אונטערשיעד פון די אנדערע דאנ־קענס, וואס זיינען געווען אויף דער קאנ־ווענשאן, האט ער געקראגען שוין פון א פריהעריגער קאנווענשאן דעם ביי־נאמען „רעזאלושאן־דאנקען". פון די פיעלע רע־זאלוציאנען, איבער וועלכע די פארשיע־דענע קאמיטעס האבען עס געדארפט ארויסגעבען זייערע ענטשיידונגען, האט נאר א היבשער פעקעל געשטאמט פון דער פעדער פון ברודער דאנקען. די מייסטע רעזאלוציאנען זיינע זיינען אין געגענזאץ צו דער פעדערײשאן, איהר גייסט, איהר פיהרונג. פיעלע פון זיי זיינען געווען אמת ראדיקאל. און אט דער דאנקען האט דעם עולם ווירקליך דערעסען, און ער האט איהם ניט געוואלט מעהר הערען. און עס איז געווען סעמועל גאמפערס, וועלכער האט אימער־צו איהם געגעבען די פולסטע מעגליכקייט צו פארטיידיגען זיין שטאנד־פונקט.

בלויז איין מאל, ווען דער זעלבער דאנקען איז ארויסגעקומען מיט א פער־זענליכער אטאקע געגען די ארגאנייזערס פון דער א. פ. אוו ל., באהויפטענדיג, אז אין זייערע מקומות, אין דער נארטה־וועסט, אין סעאטעל, האט ער געזעהן גאר פיעלע ארגאנייזערס פון דער א. פ. אוו ל. וואקלענדיג זיך אויף די פיס, האט איהם גאמפערס אונטערבראכען, אויפפאדערענ־דיג איהם, ער זאל אט די שכורים אנרו־פען ביים נאמען, עטוואס, וואס דאנקען האט ניט געוואלט אדער ניט געקענט ער־פילען.

די דאזיגע טאלעראנץ איז אויסגע־שפרייט געווארען ניט בלויז אויף די איי־גענע, אויף די דעלעגאטען פון דער קאנ־ווענשאן, נאר זאגאר אויף פרעמדע. עס איז געקומען א קאמיטע פון די „סאל־דיערס, סיילארס און מארינס פראטעק־טיוו אסס'ן". די קאמיטע איז באשטא־נען פון דריי גאנץ יונגע לייט. זייער שטעלונג און דער ציעל פון זייער אסס'ן זיינען געווען צימליך אלגעמיין באקאנט; עס איז פאר קיינעם קיין סוד ניט גע־ווען, אז זיי רעפרעזענטירען מיט זיך דווקא ניט די לאיאלע, די פלאג־פאטריאטען, נאר א גאנץ ראדיקאלע ריכטונג צווי־שען די אויסגעדינטע סאלדאטען. און דאך זיינען זיי צוגעלאזען געווארען צו דער קאנווענשאן אלס קאמיטע און זייע־רע גאנץ ראדיקאלע רעדען זיינען געגען יעדער ערווארטונג אויסגעהערט געווארען ניט נאר מיט דעם נויטיגען רעספעקט, נאר מיט גרויס באגייסטערונג. זיי הא־בען געקראגען כמעט אזא אוואציע, ווי דער ארבייטס־מיניסטער ווילסאן, אדרע־סירענדיג די קאנווענשאן פאר זיי.

אין דער דעבאטע וועגען דער מוני־אנגעלעגענהייט האבען אייניגע דעלעגא־טען אנגעגריפען די האנדלונג פון דער מוני־דעפענס ליגע. איינער האט דאן אויפגעפאדערט, אז מען זאל געבען די מעגליכקייט א פארשטעהער פון דער מוני דעפענס־ליגע צו ענטפערען אויף די גע־מאכטע אטאקעס. ער האט דאס ווארט געקראגען. ליידער האט ער זיך שטארק צוקאכט און האט א ווארף געטאן א פאר שווערע שטיינער אין דער פעדערײשאן פאר איהר האלטונג אין דער מוני־אנגע־לעגענהייט. אויף די געמאכטע אטאקעס אבער געגען דער מוני־ליגע האט ער אין זיין הארציגקייט ניט געמאכט דעם מי־דעסטען פארזוך צו ענטפערען זאכליך. און דאך האט די גאנצע קאנווענשאן איהם אויסגעהערט ביז צו ענדע.

און דאס אלעס צוזעהענדיג האב איך אפט געוואונשען, הלואי וואלט דער זעל־בער גייסט פון דער קאנסערוואטיווער א. פ. אוו ל. געהערשט אין אונזערע קריי־זען, די ראדיקאלע. הלואי, וואלטען מיר זיך געקענט נעהמען א ביישפיעל פון אט די ארבייטער־פארטרעטער אין אונזערע

...אהר זיינען דאס אייגענטליך קיין
...ניט געווען, נאר „וואטשפול ווײ־
... ווייסט איהר, וואס דאס מיינט?
...: מיר שטעהען ביי דער אמעריקא־
...יקאנישער גרעניץ און ווארטען, אז
...נישע באנדיטען אדער מעקסיקאני־
...ן זאלען זיך אריבערכאפען צו אונז.
...מען אונזערע סאלדאטען אריין אין
... און ווארטען, מען זאל אויף זיי
...און דעמאלט, ווען מען שיסט שוין
..., ציהען מיר זיך צוריק פון מעק־
... ווארטען, עס זאל זיך אונז נאכ־
... שטיק מעקסיקאנישע טעריטאריע.
... שלעפט זיך אונז נאך א שטיק טע־
...און אמאל — ניט. עס ווענדט זיך
...שטענדען. פאר־צוויי־יאהרען אדער
...יאהרען האט זיך אונז גאר ניט
...פט. גאר אמאל האבען מיר פאר־
...קסעס, קאלאראדא, קאליפארניע, ניו
...און אריזאנא. אויב עס וועט זיך
... נאכשלעפען היינטיגס מאל, ווייסט
...ויל איין גאט אין הימעל.

...מעקסיקא, פארגעסט ניט, איז א
...שט ווינקעל אויף דער ערד און מען
... אריינכאפען א פעטען ביסען. די
...און די פרוכטבארקייט פון לאנד איז
...הייערע. דאס לאנד פארמאגט מי־
...אייל. און עס פראדוצירט אלערליי
...און פרוכטען. אבער הויפטזעכליך
...ערט פראדוצירט רעוואלוציעס, באנ־
... גענעראלען. אזוי זאגט מען אין
...מעריקאנער צייטונגען. מען זאגט,
...ויפהער זעעט מען דארט און מען
...עוואלוציעס. און גענעראלען, זאגט
...ן דארט פאראן אזוי פיעל, אז עס
... קיין פלאץ פאר פשוט'ע סאלדאטען.
...ע פארשער ערקלערען, וואקסען גאר
...ן סאלדאטען ניט. יעדער מעקסי־
...רט געבארען א גענעראל. אפילו ווי־
... גענעראל, כאטש ער פארמאגט נאך
...ניט קיין אייגענע פאר הויזען און
...ע שטיוועל.

...אויסער גענעראלען, זיינען אלע
...ר — מעגליכע פרעזידענטען. יעד־

דער מעקסיקאנער האט חשק צו ווערען א פרעזידענט און דערפון נעהמען זיך אייגענט־ליך די מעהרסטע רעוואלוציעס. ווערען א פרעזידענט אין מעקסיקא קען מען נאר דורך א רעוואלוציע. און אזוי ווי איין פרעזי־דענט זיצט ווייטער — דיאז, האט ער געהייסען — איז געווען פרעזידענט גאנצע 34 יאהר, איז די לוסט צו ווערען פרעזידענט איצט אין מעק־סיקא געווארען ממש א ליידענשאפט.

און דא קומען מיר צו דער רעגירונגס־פארם פון מעקסיקא.

די רעגירונגס־פארם איז א רעפובליקא־נישע. פאראן א פרעזידענט, א קאנסטיטוציע, וואהלען, דעמאקראטיע און אזוי ווייטער. אלץ ווי עס באדארף צו זיין. ווי אין אלע רע־פובליקען, דארף דאס פאלק אין מעקסיקא הא־בען די גאנצע דעה און האט זי נידעסטווע־גען ניט. איז אזוי: אין ציוויליזירטע לענ־דער איז עס אלרייט; דאס מעקסיקאנישע פאלק איז אבער ניט גענוג ציוויליזירט צו פארשטעהן דעם שכל פון אזא חעת, וואס מען האט, דאכט זיך, יא און מען האט זי דאך ניט, און עס בונטעוועט זיך אפט. און די אויל־מאגנאטען אונזערע און די מינען־מאג־נאטען, וואס באלעבאטעווען אין מעקסיקא, זיינען זעהר פרידליכע מענשען און זיי טענה'ען, אז זיי קענען ניט שלאפען רוהיג, ווען מען בונטעוועט זיך. פאדערען זיי, אז מען זאל מאכען מעקסיקא זיכער פאר דער־מאקראטיע און פאר זייערע פאר סענט.

און איצט קומען מיר צום וויכטיגסטען פונקט — צו די עקאנאמישע באדינגונגען אין מעקסיקא.

די דאזיגע באדינגונגען זיינען ביז גאר דער לעצטער צייט געווען אזעלכע: דאס לאנד האט באלאנגט צו אמעריקאנישע און מעקסי־קאנישע גבירים און צו די גלחים, די אויל־פעלדער און מעטאל־גריבער — צו אמעריקא־נישע און ענגלישע קאפיטאליסטען, דער הי־מעל צו גאט און די ליידיגע מאגענס — צום מעקסיקאנישען פאלק. פאר די לעצטע פאר יאהר אבער האט מען אנגעהויבען איינפיה־רען א נייע ארדנונג אין מעקסיקא: מען האט צוגענומען דאס לאנד פאר'ן פאלק און מען נאציאנאליזירט די מעטאל־גריבער און אויל־פעלדער. וויל מען עס אבער ניט ליידען אין ענגלאנד און אין אמעריקא. וויל מעקסיקא כאטש אבויפלעגען א גרויסען שטייער אויף די מעטאל־גריבער און אויל־פעלדער, שרייט מען ווידער אין ענגלאנד און אין אמעריקא. ווערט פון דעם געשריי היום אין מעקסיקא. שיסט מען דארט. שיקט מען, פאלגליך, אמע־ריקאנער סאלדאטען. האלט עס ווידער ביי א מלחמה.

און איך פרעג — שוין צום דריטען מאל, דאכט זיך: וועלען מיר דאס מאל טאקע הא־בען אן אמת'ע מלחמה מיט מעקסיקא?

ווייל די טאקטיק פון „וואטשפול ווייט־טינג", זאגט מען, טויג איצט ניט.

מיט א פאר יאהר צוריק האט מען געמוזט האלטען פון „וואטשפול ווייטינג". ערשטענס, האבען מיר געהאלטען ביים אריינפלאנטערען זיך אין אייראפעאישען קריעג און מען האט ניט געקענט אריינקריכען אין א מלחמה מיט מעקסיקא. צווייטענס, זיינען מיר נאך דע־מאלט געווען שטארק פאסיפיסטיש און מיר האבען — מיט ווילסאנ'ס מויל — ערקלערט, אז מיר זיינען „צו שטאלץ זיך צו שלאגען". און דריטענס, האט מען נאך דעמאלט ניט געוואוסט פון באלשעוויזם און מען האט נאך ניט פארשטאנען, אז מעקסיקא'ס נאציאנא־ליזאציע פון די רייכטימער איז דער רייג־סטער באלשעוויזם.

היינט זיינען אנדערע צייטען.

און דעריבער פרעג איך צום לעצטען מאל: קריגען מיר טאקע אריין אין א מלחמה מיט מעקסיקא? און איך ענטפער: גאט ווייסט!

איין נאך איז אבער זיכער: אויב מיר וועלען האבען א מלחמה, וועט זי זיין א פא־סיפיסטישע. א סימן האט איהר: דער פא־סיפיסט הוירסט, אט־דער פון „איוונינג דזשורנאל" און „אמעריקאן" איז פאר דער מלחמה.

און גאר צו לעצט נאך איין קליינע באמער־קונג: איך בעט אייך זעהר: אין א פאסי־פיסטישער מלחמה גיסט זיך אויך בלוט?

GERECHTIGKEIT
A Jewish Labor Weekly.
Published every Friday by the International Ladies Garment Workers Union
office, 31 Union Square, New York, N. Y.
B. SCHLESINGER, President — S. YANOFSKY, Editor
A. BAROFF, Sec'y-Treas. — E. LIEBERMAN, Business Mgr.
Subscription price paid in advance, $1 per year.
VOL. I. No. 33 — FRIDAY, AUGUST 29, 1919
Entered as Second Class matter January 25, 1919, at the Postoffice at New York, N. Y., under the Act of March 3, 1879.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in Section 1103 Act of October 3, 1917, authorised on January 25, 1919

פון רעדאקטאר'ס נאטיץ־ביכעל

דאס רעכט צו סטרייקען.

דאס דאזיגע ארבייטער־רעכט, וועלכעס איז ערקעמפט געוואָרען פון די ארבייטער דורך פיעלע יאהרען פון ליידען און יסורים, און וועלכעס איז ביז איצט באטראכט געוואָרען אלס א הייליג, אונבאריהרבאר רעכט, און וועלכעס איז ווירקליך די איינציגע וואפע פון די ארבייטער געגען זייערע עקספּלואטאטארס, האלט זיך איצט שטארק אין שאקלען, און עס וואלט געווען נויטיג, אז די ארגאניזירטע ארבייטערשאפט אין אמעריקא זאל אננעהמען גלייך א פעסטע שטעלונג אין דער פראגע, כדי ניט צו דערלאזען, אז עס זאל אוועקגעהן צו ווייט.

מיר ריידען דא ניט פון די פארשיעדענע אינדזשאנקשאנס, וועלכע אונזערע ריכטער גיבען ארויס אין צייט פון סטרייקס, און וועלכע מאכען אפּט צו גאר־ניט דאס גאנצע סטרייק־רעכט; מיר ריידען אויך ניט וועגען די פארשיעדענע געזעצע געגען „פיקעטינג", וועלכע באשרענקען אויך א גאנצען וועניג דאס רעכט פון סטרייקען. דאס זיינען שוין אלטע צרות, צו וועלכע די ארבייטער האבען זיך, לײדער, שוין באלד צוגעוואוינט. מיר ריידען דא פון א פארזוך פון דער זייט פון אונזערע ריכטער אוועקצונעהמען לכתחילה דאס סטרייק־רעכט פון די ארבייטער, נאך איידער זיי זיינען ארויס אין סטרייק.

אט איז א קליינער אויסצוג פון א פרעס־באריכט, וועלכער נויטיגט זיך ניט אין קיינע לאנגע פירושים.

„די אמאלגאמייטעד אסס'ן אוו סטריט ענד עלעקטריק ריילוועי עמפּלאָיס, וועלכע האט געהאט א מיטינג לעצטען מיטוואך אום צו רופען א סטרייק פאר די אנשטעלונג פון די אפגעזאגטע ארבייטער, ווייל זיי געהערען צו דער אסס'ן, האט געקראגען א ריכטער־באפעהל (אינדזשאנקשאן), אין וועלכען עס ווערט זיי באפוילען זיך צוריקצוהאלטען פון א פארזוך איבערצורייידען די אנגעשטעלטע פון די דריטע עוועניו ליינס צו ברעכען זייערע אינדיווידועלע קאנטראקטען מיט דער קאמפּאניע, וועלכע זיינען אונטערשריבען געוואָרען פון יעדען אנגעשטעלטען, וועלכער האט געקראגען די 25 פראצענט העכערונג אין וויידזשעס. צו דער זעלבער צייט האט דער פעדעראל דזשאדזש מאיער גוטגעהייסען די האנדלונג פון דזשאב ע. העטשעס, רעסיווער פון דער ניו יארק ריילוויים קא., וואס ער האט מיט יעדען ארבייטער באזונדער געשלאסען א קאנטראקט. וועהרענד די ארבייטער זיינען פריי צו פארלאזען די ארבייט אונטער דיעזע קאנטראקטען, איז עס אבער א קרימינעלע קאנספּיראציע פאר אויטסיידיגע מענשען צו פאראייניגען זיך צוצוריידען זיי צו סטרייקען."

ווידער אמאל די אלטע מעשה מיט דעם „אויטסיידיגען". ווען א יוניאן שיקט איהרען אן ארגאנייזער אין אירגענד א שאפּ צו ארגאניזירען די דארטיגע ארבייטער, איז ער ניט מעהר און ניט וועניגער, לויט דיעזער מיינונג פון פעדעראל ריכטער מאיער, ווי א קרימינעלער קאנספּיראטאר. נאך מעהר, אונטער דיעזער אויסטייטשונג, קען יעדער סטרייק ערקלעהרט ווערען אלס א קרימינעלע קאנספּיראציע. אין די מייסטע פעלע ווערט ארויסגערופען א סטרייק אויף דעם סיגנאל פון דער יוניאן, פון איהרע פיהרער. די דאזיגע פיהרער קענען אימער־צו ערקלעהרט ווערען אלס אויטסיידיגע מענשען, וואָרים, ווי דער אמת איז, ארבייטען זיי דאך ניט אין די שעפּער, און פאלגליך זיינען זיי קרימינעלע קאנספּיראטארס.

אויב דער אינדזשאנקשאן, וואס די אמאלגאמייטעד האט געקראגען לעצטע וואך, איז ווירקליך געזעצליך, דאן איז צוזאמען מיט דעם רעכט פון סטרייקען ווערט ערקלעהרט אלס פארברעכען דאס רעכט פון די ארבייטער צו ארגאניזירען זיך. וואָרים אויך דאס טוען די ארבייטער ניט אליין, פון זיך. עס מוזען אפט געמאכט ווערען שטארקע אנשטרענגונגען, אום צו מאכען זיי זיך אנשליסען אן א יוניאן. לויט דעם אינדזשאנקשאן, איז עס פארבאָטען. דער ארבייטער איז פריי צו פארלאזען די ארבייט, אבער סטרייקען מיינט מעהר ווי דאס. סטרייקען מיינט צו פארלאזען די ארבייט צוזאמען מיט די איבעריגע ארבייטער פון שאפּ. דאס מאכט נויטווענדיג צו האבען א מיטינג, זיך צו באראטען, און דאס קען שוין זעהר לייכט ערקלעהרט ווערען אלס א קרימינעלע קאנספּיראציע.

אז אין דעם, וואס מיר זאגען, איז ניטא די מינדעסטע איבערטרייבונג, קענען אונזערע לעזער זעהן פון דעם, אז אויף דעם מיטינג פון דער אמאלגאמייטעד, אויף וועלכען דער סטרייק איז באשפּראכען געוואָרען, זיינען געווען סטענאגראפערס פון ריכטער מאיער, וועלכע האבען איהם עס באדארפט צושטעלען א ריכטיגען רעפּארט פון אלץ, וואס איז אויף דעם מיטינג געוואָרען. אלעס, וואס עס פעהלט נאר, איז א פאליסמאן אויף דער פּלאטפארמע ביים זייט פון טשערמאן, אום צו מאכען אזא מיטינג גאר עהנליך צו די ארבייטער־מיטינגען אין דעם אמאליגען דעספּאטישען דייטשלאנד.

אין דער אמת'ען איז עטוואס עהנליכעס טאקע פארגעקומען. לויט ווי דער ארגאנייזער פון דער אמאלגאמייטעד, וויליאם דזש. קאלינס, האט ערקלעהרט, וואלט דער מיטינג געווען גאר א גרויסער, נאר עס זיינען געמאכט געוואָרען סטראשונקעס, דאס די טרעקשאן־אנגעשטעלטע, וואס וועלען קומען צום מיטינג, וועלען ניט נאר ווערען אפגעזאגט פון זייערע שטעלען, נאר זיי וועלען ארעסטירט ווערען פון יונייטעד סטייטס מארשאלס און געבראכט ווערען פאר פעדעראל דזשאדזש מאיער אונטער דער אנקלאגע פון קאנטעמפּט אוו קאורט".

דאס זיינען גאר מאדנע ווערטער אין אונזער פרייער רעפּובליק מיט אלע אונזערע רעכטע צו ארגאניזירען זיך, צו סטרייקען א. ז. וו. פאבליק סוירוויס קאמישאנער מר. ניקסאן, וועלכער האט פיעל געהאָלפען אין די סעטעלמענט פון די סטרייקס אין ברוקלין און מאנהעטען, האט אט דיעזע ניי־מאדנע ווענדונג אויסגעדריקט גאר פשוט. ער האט געזאגט, אז דער עולם איז שוין קראנק און מיעד פון די סטרייקס, און דאס פאלגליך טאר מען מעהר ניט טראכטען פון אזעלכע זאכען.

אז דעם עולם איז איבערדריסיג פון די סטרייקס, דאס קענען מיר שוין גלויבען דעם קאמישאנער, כאטש עס וואלט געווען בעסער ווען ער וואלט געברויכט אנשטאט דאס ווארט עולם, אונזערע מאכט־האבער, דער הערשענדער קלאס. נאר זאל עס זיין דער עולם. אבער איז דאס רעכט צו סטרייקען אזא שוואכע זאך, אז עס הענגט אפּ פון דעם, ווי דער עולם פיהלט וועגען דעם? אויב יא, דאן איז דאס רעכט קיינמאל ניט געשטאנען זעהר שטארק אויף די פיס. דער „עולם" האט קיינמאל ניט געגליכען קיין סטרייקס. נאר, וואס דען, מען האט אנגענומען סטרייקס פאר אן אונפארמיידליכען איבעל אונטער דער עקזיסטירענדער אָרדנונג, שיינט עס אבער, אז מען האט אין זינען אויך אין דער הינזיכט צו מאכען א רעפארם.

מיר האבען אין אונזער אויפרוף אין לעצטען נומער „צום קאמפף מיט דער רעאקציע" פראבירט נביאות זאגען, אז די רעאקציע וועט זיך ניט אפּשטעלען ביי'ן קאמפף געגען די א. וו. וו., די באלשעוויקעס, די אנארכיסטען, און דאס באלד, באלד וועט יעדער סטרייק ערקלעהרט ווערען אלס א שטיק באלשעוויזם. אונזער נבואה האלט ביים מקוים ווערען. לויט דער אויסטייטשונג פון געזעץ פון דעם פעדעראל־ריכטער מאיער קען יעדער סטרייק ערקלעהרט ווערען אלס קרימינעלע קאנספּיראציע.

נאטירליך, האבען מיר ניט די מינדעסטע מורא, אז אט די נייע אויסטייטשונג פון געזעץ דורך די קאורט וועט, חלילה, טויט־מאכען די ארבייטער־באוועגונג. עס איז א סברא, אז די ווירקונג אויף די ארבייטער־באוועגונג קען זיין א זעהר הייליזאמע. דער ארבייטער וועט קומען אויפ'ס ניי צום באוואוסטזיין, אז די מייסטע רעכטע זיינע, מיט וועלכע ער האט געגלויבט, ער איז אזוי זיכער, שטעהען נאך אלץ אויף היהנערשע פיסלאך, און ער וועט זיכער אנהויבען צו טראכטען נאר שטארק ווי צו מאכען א סוף איינמאל פאר אלע מאל אט צו דער דאזיגער איביגער רעכטלאזיגקייט. און די שאנסען זיינען, אז ער זאל געפינען דעם ריכטיגען מיטעל. אויך גלויבען מיר ניט, אז די אלע סטראשונקעס וועלען האבען די מינדעסטע ווירקונג אויף די ארבייטער אין זייער שטרעבען צו א בעסערען לעבען אויף דעם וועג פון סטרייקס, וועלכע שווערע שטיינער עס זאלען ניט געלעגט ווערען אויף זייער וועג. מיר האבען געהאלטען דאך פאר נויטיג צו ציהען די אויפמערקזאמקייט פון די ארבייטער אויף די ערשטע שרעקעדיגע טריט פון דער רעאקציע, ווען דער קאמפף געגען איהם מוז נאטירליך זיין פיעל לייכטער, ווי ווען מען וועט איהם ערלויבען אויסצוואקסען.

ווי סטאפּט מען אפּ די יאגעניש ביי דער ארבייט?

דאס איז איינע פון די שווערסטע פּראבלעמען, וואס דער דזשאינט באארד פון דער קלאוקמאכער־יוניאן האט צו לייזען. וואָרים זאל עס דא ארויסגעזאגט ווערען גאנץ קלאר, אזוי אז עס זאל ניט זיין קיין מעגליכקייט פאר אירגענד וועלכער מיספארשטענדניס, אויב אט די נשמה־ארויסיאגעניש ביי דער ארבייט זאל ניט קענען געסטאפּט ווערען, דאן איז אונזער גאנצע רעוואלוציע קיין רעוואלוציע ניט געווען; דאן איז עס ווידער די זעלבע שטיק־ארבייט, נאר בלויז אונטער אן אנדער נאמען. וואָרים איינער פון די סאמע שטארקסטע ארגומענטען געגען שטיק־ארבייט, ווי מיר האבען עס אזוי אפט באטאנט און קלאר געמאכט, איז געווען און בלייבט די נויטווענדיגקייט צו ארבייטען איבער די כחות. דער צווייטער ארגומענט איז געווען און איז, דאס די סיסטעם פון שטיק־ארבייט האט געמאכט די ארבייטער אין שאפּ פאר אויס יוניאן־לייט. אנשטאט צו פיהלען זיך אלס פריינד, ברידער איינע מיט די אנדערע, זיינען זיי גאר אימער צו געווען אין דער לאגע פון קאנקורענטען, צווישען וועלכע עס איז אנגעגאנגען א שטענדיגע רעים, ווער וועמען וועט איבעריאגען, עטוואס, וואס האט זיכער ניט געהאלפען דער פארפלאנצונג פון דעם יוניאן־גייסט צווישען די ארבייטער. אויב אבער, ווי עס ווערט באריכטעט, די יאגעניש געהט נאך אימער אן, און די קאנקורענץ צווישען די ארבייטער איז אזוי שטארק ווי אימעת, דאן איז די גאנצע ענדערונג געווען אומזיסט, און זיכער טוט דער דזשאינט באארד עטוואס זעהר וויכטיגעס, ווען ער הויבט אן שוין איצט צו טראכטען וועגען מיטלען געגען דיעזען איבעל.

נו, לויט א באריכט, ווערט פארגעשלאגען אנצופאנגען א שטארקע אגיטאציע צווישען די ארבייטער דורך ווארט און שריפט געגען אט דיזע טענדענצען. נאטירליך זיינען מיר ניט געגען אגיטאציע, מיר וועלען זיין די לעצטע צו ענטמוטיגען אזא וויכטיגע ארבייט. אבער צו דער זעלבער צייט מוזען מיר אויסדריקען אונזער מיינונג, אז מיר גלויבען ניט, אויב דאס וועט קענען האבען די נויטיגע ווירקונג. א שטארקע רעדע, א גוטער ארטיקעל קענען, נאטירליך, ניט פארפעהלען זייער ווירקונג, אבער נאר דאן, ווען די עקאנאמישע, מאטעריעלע אומשטענדען זיינען ניט אין גאנצען געגען זיי. און אזוי ווי די לאגע איז, האבען מיר מורא, אז די גייסטיגע מאראלישע ווירקונג מוז גאר גיך פאראליזירט ווערען פון דעם הארטען אקטועלען לעבען. אין אנדערע, איינפאכערע ווערטער. אזוי לאנג ווי דער ארבייטער, דער געוועהנליכער ארבייטער, וועט האבען א ברירה אויסצוקלייבען צווישען דעם נסיון צו פארדיענען א פאר דאלאר מעהר און צווישען דעם איינדרוק פון א רעדע אדער פון אן ארטיקעל, קענען מיר ניט גלויבען, אז די לעצטע זאלען ארויסקומען די זיגער.

דערפאר בלייבען צוויי וועגען: איינס, אז די יוניאן זאל באשטימען א דורכשניט פון ארבייט, וואס דער ארבייטער קען מאכען אין דעם משך פון אכט שטונדען,

מעקסיקא

(פעליעטאן.)

פון א. וואהלינער

True translation filed with the Postmaster at New York City on Aug. 29, 1919, as required by the Act of Congress approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

וועלען מיר טאקע סוף כל סוף האבען אן אמת'ע מלחמה מיט מעקסיקא?

עס הערט זיך: ביז איצט האבען מיר בנוגע מעקסיקא געהאט א טאקטיק פון „וואטשפול וועיטינג". איצט, זאגט מען, טויג די טאקטיק מעהר ניט. די טאקטיק האט אויסגעטראכט ווילסאן און זי האט געטויגט, זאגט מען, נאר פאר דער צייט, ווען מיר האבען זיך געגרייט ארייצוקריכען אין דעם אייראפּעאישען קריעג און איידער מיר זיינען פון איהם ארויסגעקראכען. איצט אבער איז — נייע צייטען, נייע פויגלען, נייע לידער.

און דערביער פרעג איך: וועלען מיר טאקע איצט האבען אן אמת'ע מלחמה מיט מעקסיקא?

— אבער איידער מיר ענטפערען אויף דער פראגע, וועלען מיר זיך אביסעל גענויער באקענען מיט מעקסיקא — מיט'ן לאנד, מיט דער געאגראפיע און געשיכטע, מיט'ן קלימאט און פאליטישע איינריכטונגען — מיט אלץ, וואס איז נוגע מעקסיקא. און פון דער דאזיגער באקאנטשאפט וועט אונז אפשר ליכטיג ווערען אין די אויגען און די פראגע וועט אפשר פון־זיך פארענטפערט ווערען.

אלזא:

מעקסיקא ליעגט פונקט דארטען, וואו עס געפינען זיך די רייכע אויל־פעלדער און מעטאל־גריבער פון די ענגלישע און אמעריקאנישע קאפּיטאליסטען. און דאס איז זעהר און זעהר אומבאקוועם פאר מעקסיקא, אי פאר די קאפּיטאליסטען. און ביידע זוכען מיטלען. און ביידענס מיטלען זיינען פארשיעדענע. מעקסיקא'ס מיטעל איז: צו נאציאנאליזירען אלע נאטירליכע רייכטימער; דער פארקערטער מיטעל איז: אוועקצורוקען אביסעל די גרעניצען פון מעקסיקא, כדי די אויל־פעלדער און די מעטאל־גריבער זאלען זיך קענען באהעפטען אן אונזער לאנד.

דאס איז די געאגראפישע לאגע פון מעקסיקא. דער קלימאט, ווידער, איז דארט — טאקע צוליעב דער געאגראפישער לאגע — זעהר א הייסער און פון דער גרויסער היץ עקספּלאדירען דארט אפט די ביקסען און קאנאנען און די קוילען כאפען זיך אפט אריבער איבער דער אמעריקאנער גרעניץ. דאס ברענגט, ערשטענס, דערצו, אז די מעקסיקאנער זאלען נאכלויפען די צופליעגענדע קוילען און זאלען אריבערלויפען די פארבאטענע אמעריקאניש־מעקסיקאנישע גרעניץ; צווייטענס, טרעפט עס, אז די אמעריקאנער סאלדאטען זאלען זוכען שוץ פון די זעלבע קוילען טאקע אין מעקסיקא גופא. און דאס קען אפט ברענגען צו א מלחמה צווישען אונזער לאנד און מעקסיקא.

וועגען דער דאזיגער נייגונג פון די מעקסיקאנישע באנדיטען — זיך אריבערצוכאפּען איבער אונזער גרעניץ זיינען פאראן פארשיעדענע מיינונגען. גאנץ ערנסטע און עהרליכע פארשער דענקען, אז שולדיג אין דעם זיינען די אמעריקאנישע און ענגלישע קאפּיטאליסטען אין מעקסיקא. און אונזער ווילסאן גופא — אליין א באגאבטער וויסענשאפטסמאן — האט אמאל, בעת ווילא'ס איבערפאל אויף אונזער גרעניץ, ערקלערט, אז די איבערפאלען ווערען פאבריצירט ניט אין מעקסיקא, נאר טאקע ביי אונז.

אבער דאס איז אגב אורחא. די הויפּט זאך איז: עס האלט אפט ביי א מלחמה צווישען אונז און מעקסיקא.

אבער אונזערע מלחמות מיט מעקסיקא זיינען אפט מאדנע מלחמות. פאר די לעצטע

...ארען יוניאָנס אריינברענגען די־
..., צארטקייט, אידעאַליזם און
...בען אין דער אַמעריקאנער אר־
...אוועגונג, וועלכע איז די לעצטע
...ן צו טרוקען געוואָרען.
מיר האלטען ניט פון איינציגע
מיר גלויבען ניט אין פיהרער
...הרטע, אין העלדען און מאסען,
...ת מיר זעהען, ווי אין דעם אַק־
...טרייק שטעלען זיך די גוט־באַ־
...באריהמטע און אנגעזעהענע אַק־
...ארויס פאר דעם טעאַטער פראַ־
...ט, מאכט עס א שעהנעם איינ־

...סטרייק ווערט טאקע געפיהרט
...פאָלק, פון די טויזענדע שלעכט־
...ע אַקטיאָרען און כאָריסטען. זיי
...שווערע ארבייטען. אבער זיי
...אַר אַן אַנדער מוט, ווען די באַ־
...מערי דרעסלער קומט ארויס און
...ט די קאָריסטקעס שוועסטער־
...ניאַניסטקעס אָדער עטהעל באַ־
...ערט וועגען דער יוניאַן־פאַמיליע
...נעל בארימאָר זאָגט מיט עקעל
...„ווי העסליך עס איז צו זיין א

...האט אַן איינפלוס, און מיר זע־
...די העלדען אין די מאסען, די
...און געפיהרטע, מישען זיך אויס
...גרופע. און וואס איז זעהר כאַ־
...סטיש איז, ווי אזוי די אלע אַק־
...און אַקטריסעס באַטראַכטען זיך
...קאַמפף.

...ביי א מיטינג פון די אַקטיאָרען
...אַר האָטעל האט איינער פון די
...געזאָגט, אַז מיר, די ארבייטער,
... וועלט באַפרייען, און נאָך אַזעל־
...אנע פראַזען, איז דער האַל פאַר־
...געוואָרען פון אַפּלאָדיסמענטען.
...ר א צווייטער רעדנער האט גע־
...אין אַמעריקא איז ניטאָ קיין
...ור באַלשעוויזם, זיינען אַלע גע־
...טיל, און דאס ניט דערפאַר, וואָס
...אָרען און אַקטריסעס, וועלכע האַ־
...ער גאַר וועגען קיין זאך חוץ דער
...ט געטראַכט, זיינען באַלשעוויס־
...אנען. ניין. זיי ווייסען ניט פון
...יזם. זיי האַלטען יעדען קאמפף,
...טרייק פאר א באַלשעוויסטישען
...האלטען אין יעצטיגען מאָמענט
...באַלשעוויקעס. דעריבער איז זיי
...נער'ס זאַץ ניט געפעלען געוואָ־
...נאַר די עהרליכקייט און די איינ־
...ג אינטעליגענץ האט זיי ניט ער־
...יסצודריקען זייער אונצופרידענ־
...ט'ן רעדנער.

...ביז צו א געוויסען גראד זיינען
...בט. פאר זיי איז א גרעסערער
...ארויסצוגעהן אין סטרייק, ווי עס
... א שניידער, א קלאָוקמאַכער
... שוסטער. זיי זיינען אבער גע־
...און דאס מאכט זיי שוין פאר
..., פאר מארטירער און ביז צו א
...גראַד פאַר באַלשעוויקעס.

...סטרייק האט פאראייניגט אין
...אַטער־פראַפעסיע דעם פשוט'ען
... — דעם סטיידזש קאַרפענטער
...נסטלער און דורך דיעזער פאַר־
... איז דער קינסטלער נעהנטער
...קומען מיט'ן ארבייטער און נעה־
...ביים ארבייטער זיין אָרגאַניזאַ־
...אשין, וועט ער דעם ארבייטער
...צוריק געבען זיין קינסטלערישע
...ין צארטקייט און זיין ליעבע צו
...נהייט, און ביידע מאכען דאַ א

...קטיאָרען זיינען אין אַמעריקא די
...פון די גרויסע קינסטלער־גרופען,
...האבען אויסגעשטרעקט זייערע
...די ארבייטער און געבעטען דעם
...ר צו שליסען מיט איהם א בונד.
...יי אייראָפּעאישע לענדער האבען
...אינטעליגענטען, — דאָקטוירים,
... און אַנדערע שוין לאנג געטאָן,
...אונז איז יעצט דער אנהויב גע־
...וואָרען.

...די אַקטיאָרען וועלען נאכפאָלגען
...ער, דראַמאַטורגען, שרייבער,
...ם, אינזשענירען און אלע איבע־
...אַפּעסיאָנעלע מענשען, וועלכע
...אין דער יעצטיגער געזעלשאַפט
...טירט, און מיר צווייפלען ניט,
...עריקען פּעדערייזשאַן אָוו ליבאָר
... מארך און נשמה־ארבייטער
...מען אין איהרע רייהען, פונקט
...ט אריינגענומען די פארשיעדע־
...אַרבייטער.

...קטיאָרען זיינען אין אַמעריקא גע־
...יי פּיאָנירען, די ערשטע אַנקו־
...און ווען זיי וועט געלינגען, ווי
...ן זיכער, אַז זיי וועלען זייער
...עווינען, דאַן וועט די ארבייטער
...פון אַמעריקא ניט האבען גע־
...טליכע טויזענד מיטגלידער, זאָנ־

דערן זי וועט האבען אריינגעקריגען אין איהר מיטע א שעהנע נשמה, א קינסטלער זעעלע און א ליעבענדע הארץ פאר שעהנקייט און צערטליכקייט. און דאס איז פאר דער ארבייטער־באוועגונג זעהר פיעל ווערטה.

יא, ניט די אַקטיאָרען זיינען ארונטער צום טרייד יוניאָניזם, — דער טרייד יוניאָניזם האט זיך א דאנק זיין שטארקייט און זיין מאכט און א דאנק די צייכענס פון דער צייט ארויפגעהויבען צו דער קונסט און צו דער בילדונג, און ביסלעכווייז הויבט די אינטעליגענץ אָן איינצוזעהן, אז אליין איז זי שוואך און פאראייניגט מיט די ארבייטער איז זי א מאכט. און וואס שנעלער עס וועט פארקומען די אלגעמיינע פאראייניגונג פון אלע האנדארבייטער מיט די פּראָלעטאַריער פון גייסט, קאָפּ און הארץ, אלץ שנעלער וועט די אמעריקאנער ארבייטער־באוועגונג פיינער און שעהנער ווערען...

אַפּאַראַוטויילטער

(ערצעהלונג)

פון א. באביטש.

אָווענד. די לופט אין גאס איז פריש און פראָסטיג. עס בלאָזט א קאלטער ווינד. געטריבען פון קעלט איילען די מענשען, וואס זיינען ערשט פון די פעקטאָרים ארויס, אין דער ריכטונג צו דעם נידריגערען טייל פון שטאָדט. די קעלט און דער ווינד שטערען אבער ניט דעם פארקעהר פון קארס, וועגען און אויטאָמאָבילען, און אין גאס הערשט דער געוועהנליכער טעגליכער גרויס־שטאָדטיגער טומעל און הו־הא. אבער די גרויסע מענגע מענשען, וועלכע ציהען זיך יעצט פון די פעקטאָרים, קענען ניט איבערטראָגען די שארפע קעלט. דער פלוצלינגער אומביים פון דער ווארים־פארשטיקטער פעקטאָרי־לופט אויף דער שארפער קאלטער נאסער לופט ווירקט צו שטארק אויף זיי און זיי טוליען זיך אין זייערע לייכטע אויבער־מאנטלען און איילען זיך מיט שנעלע טריט אהיים.

עס איילט זיך נאר ניט מאקס ליפשיץ. מיט געצעהלטע טריט שפאנט ער צווישען דער גרויסער מענגע מענשען, ניט באמערקענדיג קיינעם פון די פארביינגעהענדע און ניט פיהלענדיג קיין שפור פון קעלט. ער געהט מיט געצעהלטע טריט און איז איינגעצען פארטאָן אין זיך אליין. זיין מח איז פארנומען מיט איין געדאנק: וואס וועט די קאָמיטע ארויסברענגען פאר אן אורטייל וועגען איהם? וואס וועט זיין זייער פסק? די לעצטע פאר טעג, זינט די קלאָגע איז אויף איהם אריינגעבראכט געוואָרען אין זיין יוניאָן, זינט ער האט זיך דערוואוסט, אז דאס וואס ער האט געטאָן איז ניט מעהר קיין סוד, געהט ער ארום ווי אין אן עולם התהו, עפעס קען ער זיך אלץ ניט קלאָר מאכען און קען זיך ניט באשליסען וואס צו טאָן. זאָל ער לייקענען? איז די זאך צו אָפען. זאָל ער זיך מודה זיין, הייסט דאָך עס פשוט זיך אליין אנגעשפיגען אין פנים. נאָר מעהר פון אלץ איז זיין געדאנק פארנומען מיט איין זאך: ווי וועט די קאָמיטע האנדלען מיט איהם? וועט זיין ביז יעצטיגע רעפּוטאַציע ווירקען אויף דער קאָמיטע צום גוטען אָדער צום ערגערען? וועלען זיי איהם דן לכף זכות אדר לכף חוב? נאָר ער דערמאָנט זיך מיט וואס פאר א פנים'ער מען האט אויף איהם געקוקט יענעם אָווענד, ווען מען האט איהם פארגערופען וועגען דער קלאָגע. ווען ער דערמאָנט זיך אָן יענעם אָווענד, געהט איהם דורך א קעלט און ער פאנגט אן האסטיג צו לויפען אזוי ווי געיאָגט פון ווילדע חיות. ער שטעלט זיך אָפּ און קוקט זיך ארום, ער כאַפּט זיך, אז ער איז שוין לאנג אריבער זיין וואוינונג. ער קעהרט זיך אום צוריק און געהט לאנגזאם אריין אין האָל פון זיין הויז. פון זיין בריעף־קעסטעל גיט איהם א לייכט ארויס א בריעף. ער גיט אזש א ציטער. מיט ציטערענדע הענד נעהמט ער ארויס דעם בריעף פון קעסטעל. ער דערקענט דעם קאָנווערט. דאס איז דער קאָנווערט, וואס ער האט ביז יעצט פאר יאָהרען לאנג געקראָגען עטליכע מאָל א וואָך, וואו מען האט איהם איינגעלאַדען צו פארשיעדענע מיטינגען און קאָנפערענצען. מיט ציטערענדע הענד עפענט ער דעם קאָנווערט און לעזט שנעל איבער עטליכע געצעהלטע ווערטער:

„ה' מ. ליפשיץ:

מיט פארדרוס קען איך אייך מעלדען, אז אונזער קאָמיטע האט אייך געפונען שולדיג און האט באשלאָסען אייך אויסצושליסען פון אונזער מיטע און אייך ערקלעהרען עפענטליך פאר א פאררעטהער.

אייער,

ס ע ק ר ע ט א ר."

ער איז געבליבען שטעהן צוגעשפּארט צו דער וואנד און האט זיך ניט געקענט ריהרען פון אָרט. ער האט נאָך א מאָל און נאָך א מאָל איבערגעלעזען די עטליכע ווערטער, אזוי ווי ער וואלט געזוכט כאָטש איין וואָרט פון טרייסט פאר זיך. אבער די ווערטער זיינען געווען אזוי הארט און קלאָר. „אויסגעשלאָסען... א פאררעטער...", האט ער אין דער שטיל איבערגעזאָגט די ווערטער פאר זיך. ער איז נאָך לאנג געשטאנען אין האָל מיט דעם בריעף אין דער האנד און עס האט זיך איהם געדאכט, אז ער טראכט עפעס. אבער געטראכט האט ער וועגען גארניט. אלעס איז עפעס אזוי ווי געבליבען הענגען אין דער לופטען. זיין מח האט יעצט ניט געארבייט, און אין קאָפּ איז איהם געווען זעהר שווער. מיט'ן בריעף אין האנד איז ער לאנגזאם ארויף די טרעפּ און איז אריין צו זיך אין הויז.

א שווערער גערוך פון זייף און פארע האט איהם א זעץ געטאָן אין נאָז, ווען ער האט געעפענט די טיר. זיין פרוי, צושויבערט און צוכראסטעט, האט אויפגעהויבען דעם קאָפּ פון וואש־טאָב און ווען זי האט דערזעהן איהם אריינקומען מיט'ן בריעף אין האנד, האט זי באלד נאָך זיין פנים פארשטאנען וואס עס איז געשעהן. פיהלענדיג זיך שולדיג געגען איהם, וויסענדיג אז זי האט געבראכט צו דעם, האט זי שנעל געמאכט אָרדנונג מיט איהר קיך־ארבייט און איז אריין אין דייניגרום איהם טרייסטען, כאָטש זי האט געוואוסט, אז איהר טרייסטען וועט יעצט וועניג העלפען. זי איז אריין אין צווייטען צימער און האט איהם געטראָפען זיצען אין דער פינסטער אנגעשפּארט אָן טיש און רויכערען א סיגארעט.

— וואס צינדסטו ניט אָן די גאז? וואס זיצסטו אין דער פינסטער? זיצסט שבעה נאָך דער „יוניע"? זעה נאָר, קוק איהם נאָר אָן?... — זי האט גענומען א מעטש און אליין אנגעצונדען די גאז. ווען זי האט ביי דער שיין פון דער ליכט דערזעהן זיין בלייכען אויסגעקרימטען ליידענדען פנים, האט זי זיך אזש דערשראָקען און עס האט איהר ארומגענומען אזא מיטלייד צו איהם, אז זי האט זיך שיער צוואויינט. נאָר זי האט עס איהם ניט געוואלט ארויסצייגען און אום איהם צו בארוהיגען, האט זי זיך אויף איהם צושריען:

— משוגע'נער איינער! וואס ערגערסטו זיך אזוי פון דעם? זעה נאָר, מען האט איהם געמאכט אויס קאַפּעליוש־מאַכער אין זיין „יוניע"! אן אונגליק אין בראָד! מען דארף רייסען קריעה. עס וועט איהם נאָר שאַדען צום געזונד, אז ער וועט נ י ט קומען אלע טאָג נאָך האלבע נאכט אהיים. אן אונגליק וועט זיין, אז די קינדער וועלען אויך אמאָל זעהן זייער טאַטען! זעה נאָר, קוק איהם אָן.

איהרע רייד האבען אבער געמאכט א פארקעהרטע ווירקונג. אין איהר יעצטיגען טאָן האט ער דערקענט יענע רייד, מיט וועלכע זי האט איהם איינגערעדט ער זאָל אנגעהמען דעם פארשלאָג פון'ם באס. ער האט יעצט געפיהלט א שנאה צו אלעמען, און ספּעציעל האט זיך יעצט אין איהם ערוועקט א האס צו איהר. איהר גאנצער אָפּגעלאָזענער שטוב־הילך, מיט איהר רעדען, האט אויף איהם געמאכט אַן אָפּשטויסענדען איינדרוק, און פיהלענדיג אז זי איז די הויפּט־שולדיגע אין דער גאנצער געשיכטע, האט זיך זיין כעס אין איהם נאָך מעהר צוברענט, און ניט געפינענדיג קיין ווערטער וואס איהר יעצט צו זאָגען, האט ער מיט איינגעהאלטענעם צאָרן ארויסגעשיפּעט צווישען די צייהן: „געה, געה אוועק פון מיר. רעד ניט צו מיר יעצט. אנים וועט אַן אונגליק געשעהן."

זיין פנים און זיין שטימע האבען זי אויף אַן אמת דערשראָקען. אזוי האט זי איהם נאָך קיינמאָל ניט געזעהן. זי האט זיך הינטערוויילעכטס ארויסגערוקט פון צימער און איז אריין אין קיך. ניט וויסענדיג וואס זי זאָל טאָן, איז איהר איינגעפאלען ארויפצורופען יעצט איהר ברודער, מיט וועלכען זי האט געוואוסט, אז ער איז אין פריינדליכע באציהונגען.

— געה, סערקע רוף ארויף אהער דעם פעטער זעליג, — האט זי זיך געווענדעט צום קינד, און אין א פאר מינוט ארום איז ארויפגעקומען דער פעטער זעליג, א הויכער, דארער איד מיט א הארטען קאַפּעליוש, אין אן אויפגעשטעלטען קאלנער פונ'ם רעקעל, וועלכער האט פארדעקט זיין צושפּיליעטע העמד.

— וואס איז דא? וואס איז דער מעהר? — האט דער פעטער זעליג געפרעגט א פארסאָפּעטער פון די טרעפּ.

— וואס זאָל זיין דער מעהר? — האט איהם די שוועסטער געענטפערט אויפ'ן קול, אום איהר מאן זאָל עס הערען אין צווייטען צימער. מען האט איהם אויסגעשלאָסען, צי שטראפירט, דארט פון זיין „יוניע" פאר דעם גוואלדיגען חטא, וואס ער איז באגאנגען, דערפאר ווייל ער האט געוואלט זיין ווייב און קינדער באַזאָרגען מיט א גרעסער שטיקעל ברויט, — נו, עקט זיך די וועלט. געה נור זעה וואס פאר א פנים ער האט דער משוגע'נער, אזוי ווי טאַטע מאַמע וואלטען איהם פלוצלונג געשטאָרבען.

דער פעטעיר זעליג בטבע א קאלטער מענשעל, האט איהר געלאסען אויסגעהערט, ניט געענטפערט א וואָרט און מיט פערלייגטע הענד אויף הינטען זיך לאנגזאם אריינגעשפּאנט אין צווייטען צימער און ער האט מיט א לייכטען שאָקעל מיט'ן קאָפּ באגריסט, אזוי ווי מען באגריסט אן אבל און זיך אוועקגעזעצט ביים טיש.

— נו? — האט ער לאנזאם ארויסגערעדט — טאקע אויסגעשלאָסען? אזוי ווי דו האסט געזאָגט הא? א שאַד, א שאַד, אביסעל אַן אום'כבוד, נור דאס לעבען זיך נעמען פון דעם לוינט זיך ניט, וועט מען דיר ניט פארקויפען קיין שישי אין דער „יוניע" וועט זיך מיט דיר ראטשילד'ס טאכטער ניט משדך זיין. הא? וואס שווייגסטו?

מאקס איז געלעגען אויף דער הארטער סאָפע מיט'ן פנים צום סופים, און ניט געהערט א וואָרט וואס דער פעטער זעליג רעדט.

אהער דער פעטער זעליג האט זיך ווערנען דעם ניט געקימערט. ער איז געזעסען און האט גערעדט. און צוריק געשמועסט, וואס פאר איין עולה האסטו דא אזוי באַגאנגען? האסט אימיצען באַ'גנב'עט? אָדער באַ'גזל'ט? מענשען אין ביזנעס טוען אָפּ גרעסערע עולות, צוליעב א פאר „טאַלער" און גאָר ניט. אט האט לעצטע וואָך ישראל מעלקין, קענסט דאָך איהם, פארקויפט א דריי־גודס סטאָר צו אונזער לאנדסמאַן, זיסלע, פאר נייך הונדערט דאלער, כע, כע, נו, נו, איז דאס שוין דאס ריכטיגע סטאָר. ער האט עס יעצט פארקויפט אין אקשאַן, פאר צוויי הונדערט און זעכציג דאלער, כע, כע... נו, דעריבער איז וואס? וועט ישראל מעהר קיין ביזנעס ניט טאָן? אָדער ער שעהמט זיך עפעס? נאָר ניט, אזוי פיהרט זיך שוין די היינטיגע וועלט... אָדער נעהם טאקע אונזער פסח'ן, דעם פרעזידענט פון מיין שול, האסט געהערט ווי ער האט אנגעפייפט זיין איינענעם ברודער מיט'ן רעסטאראנט? אי, איך זאָג דיר, דאס איז געווען א דזשאב. אי, א דזשאב, כי, כי,כי.

— אך, איך בעט דיך, לאָז מיך יעצט צורוה מיט דייגע משלים — האט איהם מאקס איבערגעשלאָגען אין מיטען — איך האב צו דיר יעצט קיין געדולד ניט. דו קענסט דאס ניט פארשטעהן, און וועסט עס ניט פארשטעהן. איך קען דאָך יעצט קיין מענשען גלייך אין די אויגען אריין ניט קוקען. עפעס פיהל איך אזוי ווי ביי מיר אויפי'ן שטערען וואלט געווען א צייכען פון דער זינד וואס איך בין באגאנגען. איך! איך זאָל זינקען אזוי נידעריג! און שולדיג זייט איהר אלע, איהר האט מיך אין דעם אריינגעשלעפּט. איהר זייט אלע שווינדלער, גנבים. געה יעצט אוועק פון מיר לאָז מיך צורוה, איך קען אייך אלע ניט אנקוקען.

— אזוי? — האט דער פעטער זעליג אויסגעשריען, — ביסטו דאָך טאקע א בהמה, און טאקע רעכט משוגע אויך. נו, זיי דיך משוגע, געזונטערהייד, און האב מיר א גוטען... — און ער האט זיך א ברוגז'ער ארויסגערוקט פון הויז.

מאקס איז געבליבען אליין. ער האט אויסגעלאָשען די גאז, וועלכע האט איהם יעצט געשניטען אין די אויגען, און זיך ווידער אויסגעצויגען אויפ'ן הארטען דייוואן. אין די שלייפען האט איהם געהאַקט און אין קאָפּ האט איהם געשווינדעלט. עפעס מאָדנע איז איהם יעצט געווען דער קאָפּ. ער איז געלעגען אזוי ווי באוואוסטלאָז. ער האט געהערט אין צווייטען צימער אימיצען רעדען, ארומגעהן, נור עס האט זיך איהם געדאכט אז ער הערט עס ניט

דעבאטען אויף אונזערע מיטינגען און קאנווענשאנס און מיר וואלטען פיעל גע־וואונען סיי אין דער אכטונג פון אנדערע און סיי אין זעלבסט־אכטונג.

נעוויס קען מען ערקלעהרען אט די הערשענדע טאלעראנץ ערשטענס מיט דעם, וואס די דעלעגאטען זיינען איבער־הויפט פרינציפּענלאז, און דאס איינציגע, וועגען וואס זיי טראכטען, איז ווי איבער־צושטופען די צייט פון די זיצונגען, אזוי דאס זיי זיינען גאר צופריעדען, ווען איר־גענד א ראדיקאל האלט א דונערנדע רע־דע געגען דער א. פ. או ל. עס ווערט דאך לעבעדיג אויף דער „טויטער" קאנ־ווענשאן, ווי דזשאהן ריעד רופט איהר אן אין זיין באריכט אין איסטמאן'ס „לי־בערייטאר" (אגב אורחא, וועגען אט דער „קאנווענשאן פון די טויטע" פארשרייבט אונזער געאכטעטער אמעריקאנער באל־שעוויסטישער פובליציסט גאנצע ניין פּיי־דזשעס פון „ליבערייטאר".) וואהרהאפ־טיג, עס איז אביסעל צופיעל גערעדט וועגען א קאנווענשאן פון טויטע — דענקט איהר ניט אזוי? צווייטענס, קען מען זא־גען, אז די א. פ. או ל. פיהלער פיהלען זיך אזוי פעסט אין זאטעל, דאס עס ארט זיי ניט קיין קריטיק; דאס זיי זיינען געווארען צו ציניש, אום צו שענקען די מינדעסטע אויפמערקזאמקייט צו דעם, וואס די וועלט, און איבערהויפט די ראַ־דיקאלע וועלט, רעדט און דענקט וועגען זיי.

מעגליך, אז דאס איז אן אמת וועגען מאנכע דעלעגאטען, וועלכע האבען ווירק־ליך ניט געדארפט זיין קיין פארשטעהער פון ארבייט. זייער פּלאץ וואלט בא־דארפט זיין ניכער אין טעמעני האל, אלס פינאנס־פּאליטישענס, און אפשר אלס באר־טענדערס אין א בוועריי־סאלון. איך האב דא אין אויג איינינע, וועלכע זיינען ווירקליך מיר פארהאסט פון גרונד האר־צען, און וועמען עס וואלט מיר געעקעלט צו דערלאנגען די האנד. אזעלכע אבער זיינען געווען ווירקליך די אויסנאהם. די גרויסע צאהל דעלעגאטען האבען אויף מיר געמאכט דעם איינדרוק פון ערנסטע מענ־שען, וועלכע האבען זייערע איבערצייגונ־גען, און וועלכע מעהר פון אלץ גלויבען, אז די א. פ. או ל. איז די איינציגע אר־בייטער־ארגאניזאציאן אויף דער וועלט, וואס האט געטאן אזוי פיעל פאר ארביי־טער, און דאס קיינער אין דער וועלט קען זיך מיט איהר אין דער הינזיכט ניט פאר־גלייכען. דאס איז ביי די מייסטע כמעט אן אידעע־פיקס, און דערפאר קען מען ניט זאגען, אז די דעלעגאטען האט ניט געארט, יע, האט ניט וועה געטאן נאר מאנכע שארפע קריטיק. איך דערמאן זיך אן דער דעבאטע וועגען דער פארבייטונג פון לייבאר־דעי אויף דעם אינטערנאציא־נאלען ערשטען מאי. איך האב, פון מיין פּלאץ, וועלכען איך האב פארנומען ביים פרעס־טיש, געקענט צימליך גוט באטראכ־טען די פנים'ער פון די דעלעגאטען, און איך האב געזעהן ווי די מייסטע האבען זיך געפיהלט געקרענקט פון דעם אונער־הערטען חוצפה'דיגען פארשלאג, אז ז י י ע ר לייבאר־דעי זאל פארביטען ווע־רען אויף דעם ערשטען מאי, און איך האב אויך בייגעוואוינט א מאמענט פון אוי־סערארדענטליכער באגייסטערונג, ווען גאמפּערס האט גענומען דאס ווארט, אי־בערגעבענדיג די געשיכטע ווי אזוי דער לייבאר־דעי איז געבארען געווארען אין אמעריקא, אז די אידעע געהערט צו א פארשטארבענעם ארבייטער־פיהרער און אז די ערשטע מאי־אידעע איז אייגענט־ליך א נאכאהמונג פון דער אמעריקאנער לייבאר־דעי אידעע. איך האב דאן גע־זעהן בחוש, אז וואס־וואס מען זאל ניט דענקען וועגען אט דער גרויסער מאסע פארשטעהער פון פיער מיליאן ארבייטער, אבער פרינציפּענלאז זיינען זיי ניט.

אויך זיינען זיי ווייט ניט קיין ציני־קער אלע, וועמען עס ארט ניט וואס די וועלט דענקט וועגען זיי. אויף דער קאנ־ווענשאן זיינען פארגעקומען פעלע, אין וועלכע דאס האט זיך גאנץ קלאר ארויס־געזעהן. אט איז, למשל, ערשיענען אין דער „טיימס" אן אטאקע געגען מר. מענ־לי, א מעמבער פון דעם געוועזענעם וואר לייבאר־באָרד. א דעלעגאט האט אויף דעם אויפמערקזאם געמאכט די קאנווענשאן, און די גאנצע קאנווענשאן האט בוכ־שטעבליך געוויעגט זיך פון צארן. ניין, ציניקער, וועלכע שפייען אויף דער גאנ־צער וועלט און איהר מיינונג, די קענען זיך ניט אזוי אויפפיהרען ווי די דעלע־גאטען פון דער א. פ. או ל.

אויך פיהלען זיי זיך גארניט אזוי שטארק אין זאטעל, ווי מאנכע קענען עס דענקען. נאר אפט אין די רעדען פון פארשיעדענע דעלעגאטען האט זיך גע־הערט די פורכט פאר דער נייער צייט, פאר די נייע אידעען, און די קליגערע פון זיי ווייסען, אז אויב זיי וועלען בלייבען איינגעשפארט און זיך ניט רעכענען מיט דאס נייע, מיט דאס אנקומענדע, זיינען זיי ווייט ניט זיכער מיט זייער הער־שאפט. זיי זיינען ניט בלינד. זיי זעה־ען גאנץ גוט, וואס עס איז פארגעקומען אין א סעאטעל, אין א וויניפּעג, זיי ווייס־סען אויך גאנץ גוט וועגען דער אלגע־מיינער אונרוהיגקייט צווישען די ארביי־טער. און כאטש די סטרייקס אין די דערמאנטע פּלעצער זיינען ניט דיסקר־טירט געווארען, אזוי ווי דאס האט בא־דארפט זיין, ווי עס האט זיך געפּאסט אויף אזא קאנווענשאן, דאך זיינען אט די דאזיגע סטרייקס זיי געלעגען גוט אין זינען, און עס האט זיך געמערקט א גע־וויסע מורא. און וואס איז נאך אזוי אינטאלעראנט, ווי מורא, ווי דער צוויי־פעל אין דער אייגענער פּאזיציע? און דאך דער געפיהל פאר „פעירנעס", פאר עהרליכקייט צום געגנער, האט באזיעגט דאס אלעס, און די קאנווענשאן האט זיך אויסגעצייכענט מיט איהר טאלעראנץ.

אודאי האט עס געשיינט פאר מאנ־כע פון די ראדיקאלען, אז מען האט זיי ניט געגעבען די פולסטע מעגליכקייט זיך ארויסצוזאגען אזוי ווי זיי וואלטען גע־וואלט. אבער דאס איז געוויס א פאל־שער איינדרוק. מען דארף געדענקען, אז ווען יעדען וואלט געגעבען געווארען די אונבאשרענקטע צייט פאר דעם אויסדרוק פון זיינע מיינונגען, וואלט די קאנווענ־שאן אפשר נאך איצט זיך ניט געענדיגט, און דער עולם וואלט פון די לאנגע רע־דען א האר ניט קליגער געווארען. איך שטעה פעסט אויף מיין מיינונג, אז אין די גרענעצען פון מעגליכקייט איז יעדער ראדיקאל געקומען צום ווארט אין איר־גענד א פראגע, וואס האט איהם אינטע־רעסירט. קיינער איז ניט פארזעהן גע־ווארען, קיינער איז ניט איגנארירט גע־ווארען, און אין די דעבאטען איז קיינער פון די ראדיקאלען ניט אפּגעלאכט, ניט אפּגע'חוזק'ט געווארען. פארקערט, זייע־רע רעדען זיינען אויפגענומען געווארען גאנץ ערנסט. זייערע געדאנקען און בא־הויפּטונגען זיינען אונטערווארפען געווא־רען א שטרענגער קריטיק. די געגנער פון די ראדיקאלען, די קאנסערוואטיווע, האבען ווירקליך א ר ג ו מ ע נ ט י ר ט מיט זיי, אזוי דאס יעדע פאלגענדע אפּ־שטימונג האט געשיינט צו זיין ניט דער רעזולטאט פון שוין א פאראויס אפּ־געמאכטער מיינונג, נאר טאקע פון א גאנץ שטארקען געדאנקען־אויסטויש.

איך האב געהאלטען פאר נויטיג זיך אפּצושטעלען אויף דעם, ווייל דזשאהן ריעד אין זיין ארטיקעל אין „ליבערייי־טאר" גיט זיך די מיה ארויסצושטעלען די גאנצע מאסע דעלעגאטען אין דעם אונגינסטיגסטען ליכט. איך וויל איהם ניט באשולדיגען אין פשוט'ען ליגען־זא־גען. אפשר האט ער זיי אזוי געזעהן מיט ז י י נ ע אויגען. און דער מענש זעהט דאך נאר אימער דאס, וואס ער וויל זעהן. לאמיר דא איבערגעבען א פאר פאראגראפען פון ריעד'ס ארטיקעל, וואס איז שטארק להיפוך צו דעם, וואס איך האב דא געשריבען. זאלען די לעזער אור־טיילען, ווי מען קען אלעס שווארץ מא־כען, ווען עס איז נאר דא דער בייזער ווילען דערצו.

„אויסערליך — שרייבט דזשאהן ריעד — האט מען געקענט זעהן א קליינעם אונ־טערשייד צווישען דער קאנווענשאן פון דער א. פ. או ל. און דער קאנווענשאן פון דער געשעפטעל אסס'ן פון די קאר־מאנופעקטשו־רערס, וועלכע האבען געהאט זייער פארזאמ־לונג אין דערזעלבער צייט אין אנאנדער האל. כמעט אלע דעלעגאטען האבען געטראגען עמב־לעמען פון פראטערנעל ארדערס — עלקס, מייסאנס, נייטס אוו פּיטיאס, וועלכע, ווי יעד־ער ווייס, זיינען בלויז קאמערץ־קלובס פאר ביזנעסליים. מעהר ווי א דריטעל דעלעגא־טען זיינען אליין באסעס, וואס באשעפטיגען ארבייטער! אפילו די ציטונגען האבען אנגעוויזען אויף די דיימאנד־אויסשטעלונג אויף דער קאנווענשאן. 65 דעלעגאטען הא־בען באהערשט די קאנווענשאן, רעפּרעזענטי־רענדיג ארום 28 טויזענד וואוטס. דיעזע זיינען אלע געווען בעאמטע פון די גרויסע נאציאנאלע און אינטערנאציאנאלע יוניאנס. זיי זיינען געווען זעהר רייך געקליידט, און זייערע פיגורען זיינען געווען גאנץ קיילעכ־דיגע. דאס ניט ארבייטען ביי זייער טרייד שוין פאר א לאנגע צייט האט אנגעפילט די פּוסטקייט פון זייערע באקען, איבערלאזענ־דיג שווערע זעקלעך, און די שטארקע שטרי־בען, וואס זיי האבען געהאט פון אמאליגער שווערער ארבייט, זיינען פארגראבט און אנ־געפילט געווארען מיט פעטס.

„שרעקליכע אנדייטונגען אויף גרעפט, אויף מערדערישע געוואלט, געקויפט און בא־צאהלט, אויף פּאליטישען האנדעל, אויף פאר־ראטענע סטרייקס, אויף בארויבטע יוניאן־קאסען, האבען געשוועבט ארום זיי. דא איז געווען א בעאמטער פון די בילדינגס טריידס, וועלכער האט געקענט געדונגען ווערען פאר א באשטימטען פרייז פון א קאנטראקטאר אין א שווערער לאגע ארויסצורופען א סטרייק. און אט איז א בעאמטער פון מיטעל־וועס־טערן קוילענגרייבערס יוניאן, וועלכער איז צו דערזעלבער צייט אויף דעם פּעי־ראל פון דער קוילען־קאמפּאניע. נאך א בעאמטער, א פּרעזידענט פון אן אינטערנאציאנאלע יוניאן מיט אן איינקונפט פון 4 הונדערט טויזענד דאלאר א יאהר, האט פארפעהלט אפּצוגעבען חשבון פון הונדערט טויזענד דאלאר פון דער יוניאנס געלד. מאנכע לאקאלס האבען זיך פאראייניגט צו אונטערזוכען עס. דער פּרע־זידענט האט זיי סוספּענדירט, און איז גע־קומען צוליעבען קיין אטלאנטיק סיטי, אום צו קריגען די הילף פון דער מאשין. אבער דער רעבעליאנט פיהרער פון די [illegible] לאקאלס האט איהם דערלאנגט א קאורם מאכאנס, אויף דעם באארד־וואק, אין פראנט פון דעם שלעכטסטן האטעל, און דער בעאמטער האט זיך געזידעלט און געשריען, אזש א רויך איז געגאנגען, און געטראשעט. הונדערטע אזעלכע פעטסטערע מערדערישע קליינע דרא־מען פון אינערליכער יוניאן־פּאליטיק, מיט זייער פאראייניגונג, מיט ביקס־מענשען, מיט דעם אויסדרעהען פון ליכט אויף די יוניאן־מיטינגען און מיט שיסעריי".

שרעקליכע באשולדיגונגען. אבער ווי אזוי א מענש מיט אירגענד א געפיהל פון אנשטענדיגקייט און געוויסענהאפטיג־קייט קען זיי מאכען גלאט אין דער וועלט אריין, ניט אנרופענדיג קיין נאמען, ניט געבענדיג די פולע פאקטען, נאר מאכענ־דיג גלאט אינסינואציאנען, דאס קען איך ניט פארשטעהן. נאך ווייניגער קען איך פארשטעהן, ווארום אט דער שרייבער איז אזוי ענטוזיאסטיש, וואס אט דיעזע האלד־שניידער האבען געפאסט א רעזאלוציע בנוגע רוסלאנד וואס געפעלט איהם ניט. מיר דאכט זיך, אז עס וואלט געווען די גרעסטע שאנדע פאר רוסלאנד, ווען אט די דאזיגע גנבים, מערדער און שארלא־טאנעם וואלטען געהאט צו זאגען א גוט ווארט פארן באלשעוויזם!

דער אַקטיאָרען סטרייק

פון ליליפוט

וועלען די טעאטער־קינסטלער זיך „ארפּלאזען" צום טרייד יוניאניזמוס, אדער זיי וועלען ארויפהויבען דעם טרייד־יוניאניזמוס צו דער קונסט און איהם פארפיינערען און פארשעהנערען?

„עס איז אונטער דער ווירדע פון אמת'ע קינסטלער זיך צו פאראייניגען מיט פשוט'ע ארבייטער און זיך אנצו־שליעסען אן אזא קאמענע ארגאניזאציע ווי די אמעריקען פעדעריישאן אוו לייבאר איז". — דאס איז דער הויפט אר־גומענט, וועלכען די טעאטער־מענעדזשערס פון בראדוויי שטעלען ארויס געגען דער עקטארס עקוויטי אסאסיאיישאן. און ניט נאר די מענעדזשערס טענה'ן אזוי. אזוי טענה'ן אויך אייניגע פון די סטאר־אקטיארען, וועלכע האלטען זיך העכער פון דער מאסע, וועלכע קוקען אויף זיך, ווי אויף אויסדערוועהלטע פון גאט און דענקען, אז עס וואלט ווירקליך געווען אן ערנידריגונג פאר זיי, ווען זיי וואלטען באלאנגט צו איין ארגאניזאציאן מיט'ן סטיידזש־קארפּענטער, שניידער, שוסטער און אזוי ווייטער.

צום גליק זיינען נאר געצעהלטע שוי־שפּיעלער צווישען די, וועלכע שעהמען זיך צו געהן האנד אין האנד מיט'ן פאלק. די גרעסטע מאיאריטעט שוישפּיעלער הא־בען זיך אנגעשלאסען אן דער אקטיארען־יוניאן און פיהרען מיט זייער גאנצער ענערגיע אן דעם קאמפף און וועלען די וואפען ניט אוועקלעגען ביז זיי וועלען ניט זיעגען. אויף דער פראגע צו זיי האלטען ניט, אז עס איז אונטער זייער ווירדע צו באלאנגען אין איין ארגאניזא־ציאן מיט פשוט'ע ארבייטער, האבען זיי געענטפערט מיט א שטאלצען: „ניין!" פארקעהרט, זיי האלטען עס פאר זיך נאך פאר א כבוד און זיי זיינען גליקליך, וואס זיי זיינען ארייננענומען געווארען אין דער אמעריקען פעדעריישאן אוו לייבאר.

און ווירקליך, ווען איהר קומט צו זייערען א מיטינג אין האטעל אסטאר, אדער אין לעקסינגטאן טעאטער און הערט די רעדעס, וועלכע ווערען דארטען גע־האלטען, פיהלט איהר זייער שטאלץ, זייער אידעאליזמוס, זייער אחדות, זייער איבערגעבענהייט צום קאמפף.

און לאמיך אייך זאגען, פיעלע פון די אקטיארען און אקטריסעס, וועלכע פיהרען אן דעם קאמפף, האבען א סך איינגעשטעלט אין קאן. זיי האבען גע־נומען א טשאנס מיט זייער גאנצער קאר־יערע, מיט זייער גאנצער צוקונפט. פאר־לירען זיי — דאן פארלירען זיי אלעס, און ווען זיי וועלען אפילו געווינען, ווע־לען די מענעדזשערס זיי קיינמאל ניט פארגעסען און ניט פארגעבען די טרא־בעל און צרות, וואס מען האט זיי אנגע־מאכט.

און ווייטער ווער דארף האבען די אק־טיארען יוניאן? עטהעל בארימאר, וועל־כע איז א מיליאנערקע און שפּיעלט נאר צוליעב דער קונסט? איהרע ברידער ליאנעל און דזשאהן בארימאר, איהרע ברידער, וועלכע זיינען אליין אויך גרויסע סטארס? ווייטער עדווין, עד קאנטאר, דע וואולף האפּער, בארני בערנארד, פרענק פעי, פּוירל ווהייט, מערי דרעס־לער און די הונדערטע אנדערע סטארס און סטאריכעס? ניין, ניט זיי. זיי קע־נען זייער שטערטעל אליין באשטעהן. זיי דארפען ניט קיין שוץ און קיין עקוויטי, וועלכע זאל באשיצען זייערע אינטע־רעסען.

די יוניאן דארפען די 30 ביז 35 דא־לארדיגע קארוס־מיידלעך, די 50 דאלאר־דיגע אקטיארען און אקטריסעס און אזוי ווייטער. קורץ, די פּראלעטאריער פון דעם סטיידזש דארפען די יוניאן, פונקט ווי ניט דער שנעלער גוטער אפּרייטאר, זאנדערן דער שוואכערער ארבייטער דארף די יוניאן און איז דער הויפּט קעמפּפער פאר דער יוניאן.

ביי די אקטיארען איז אבער אנדערש. דארטען קענען דער יונגער אקטיאר און די קארוס־ליים אליין גאר נישט ניט אויפ־טאן, און ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס זיי וועלען זיך ארייננווארפען אין קאמפף קענען זיי געווינען פאר די שוואכערע עלעמענטען בעסערע באדינגונגען, האבען זיי עס נעטאן. זיי זיינען אין קאמפף אריין. וואס האבען זיי צו טאן אין סטרייק? אדער ווי א מענעדזשער האט עד ווינג, דעם בארימטהען קאמיקער פון „זיגפעלד פאליס", געפרעגט: „וואהט אר יו פייטינג פאר?" — פאר וואס קעמ־פסטו? האט עד ווינג געענטפערט: „איך פיים פאר דער פריוואטקיים פון דרעסינג רום. איך וויל ניט, אז מען זאל קומען צו מיר יעדען אווענד מיט קאמפּליינטס אויף די מענעדזשערס". און די זעלבע אורזאכען האבען געטריבען די בארימארס און בארני בארנארדס און דע וואולף האפּערס און פיעלע אנדערע צום סטרייק.

אלזא, איצט קומט די פראגע: וואס וועט זיין דער רעזולטאט פון דיעזער יוניאן? וועלען די אקטיארען פראפיטירען פון דער ארבייטער־באוועגונג אדער וועט די ארבייטער־באוועגונג פראפיטירען פון די אקטיארען?

אויף דיעזער פראגע קענען מיר ענט־פערען, אז ביידע צדדים וועלען פראפי־טירען. די אקטיארען האבען אנגעפאנ־גען אזא שטארקען קאמפיין בלויז דער־פאר, וואס זיי האבען הינטער זיך די גרוי־סע אמעריקאנער ארבייטער־באוועגונג און עס איז קיין פראגע ניט, אז דער מארא־לער פרעסטיזש אליין איז פאר דער אק־טיארען־אסאסיאיישאן זעהר פיעל ווערטה און דער פאקט, וואס די מענעדזשערס ווי־לען די עקויטי אסאסיאיישאן ניט אנער־קענען נאר דערפאר, וואס זי באלאנגט צו דער אמעריקען פעדעריישאן אוו לייבאר, איז שוין א באווייז, אז די אמעריקען פע־דעריישאן אוו לייבאר קען די מענע־דזשערס א סך שאדען טאן און די יוניאן קען זי טאן א סך גוטס.

און מיר האבען רעזולטאטען שוין גע־זעהן. די טעאטערע, וועלכע האבען אי־בער'ן אונטערסקעבען פון אייניגע סטאר־אקטיארען און אקטריסעס ניט געקענט פארמאכט ווערען, זיינען פארמאכט גע־ווארען דורך דער הילפע פון דער א. פ. או ל. יוניאנס פון די סטיידזש־הענד און מוזיקער יוניאנס.

אבער פון דער אנדער זייט וועלען

...נ פון דעם אנטיסעמיטיזם אין
... נאר איהם באטראכטען פאר
...כער ערשיינונג.
...נטיסעמיטיזם איז אייגס פון
..., וואס די קאנטר־רעוואלוציע
...צט אין איהר קאמפף פאר עק־
...אין דעם קאמפף פאר איהר
...נג. די קאנטר־רעוואלוציע
...אומעטום מורא פאר דעם צארן
...אלק, פאר די אויפגערעגטע גע־
...ר דעם פארלאנג ניט צו לאזען
... דריקען, נאר צו ווערען הער
... פון דעם איינענעם לעבען. או־
...כט מען אימיצען, אויף וועמען
...ענען אנווענדען אט דעם צארן
...י אויפגעברויזטע געפיהלען.
...דער שוואכסטער עלעמענט אין
...ר איז דער בעסטער „אימיצער".
...אין לעצטען סך הכל די אורזאך
...אקטיווען פוילישען אנטיסעמי־
... דעם רומענישען, פון דעם איצ־
...נגארישען און אויך פון דעם

...די דייטשע קאנטר־רעוואלוציע,
...ע לאקייען פון געוועזענע סא־
..., די עבערטס, שיידעמאנס און
... האט מורא פאר איהר עקזיס־
...בען די געוועזענע סאציאליס־
...יעל מורא פאר דעם צארן פון
..., ווען אט די מאסען וועלען זיך
... מען האט זיי ווידער פארראטען,
...ארקויפט. זיי זייגען בלוטיג
...רעסירט אין דעם, אז דאס פאלק
... אימיצען אנדערש אויף וועמען
...ען דעם צארן, וועמען צו בא־
...אין זייגע צרות.

...ען אט די חברה־לייט די בייע
...טישע העצע אין דייטשלאנד.
...העלפען ניט דירעקט אין דער
...טישער פראפאגאנדא, דולדען
...ען זיי אויף איהר דורך די פינ־
...ראס איז פונקט אזוי גוט פאר
...אך בעסער, ווי אקטיווע שטיצע.
... — ווייל די רעזולטאטען ווע־
...יזעלבע, און דאך וועט מען ניט
...טלען אויף זיי מיט די פינגער:
...ער עס זייגען די אויפטוער פון
...געלעבטען אנטיסעמיטיזם אין
...ד!"

...מענשען פון דער איצטיגער צייט
...יין אין דער געשיכטע מיט גע־
...ס וועלען שפעטער ארויסרופען
...פלוך. פיעל פארטייען און גרו־
...ען נאך דעם לויף פון עטליכע
...ערמאנט ווערען צו שאנד און
...־קריצעניש. קיינעם'ס רעקארד
...ר ניט זיין שווארצער, קיינעם'ס
...ן ניט זיין שמוציגער און עקעל־
...ווי דער רעקארד און דער שילד
...ס האבען זיך גערופען דייטשע
...ט - סאציאליסטען, פון די
... שיידעמאנס, נאסקעס, און פון
...טיי, וועלכע האט זיי געשטיצט.

צו דער פראגע פון א יוניפארם וויידזש־סקייל אין דער קלאוק־אינדוסטרי

פון מ. סלאווין

זאלען .ארבייטער פון איין אינדוסטריע, איין טרייד און באזונדערס אין איין און דעמזעלבען שאפ, ביי דערזעלבער ארבייט, קריגען איין און דעמזעלבען פרייז פאר א וואך ארבייט, אדער זאלען זיי ארבייטען אויף פארשיידענע וואכען־פרייזען, לויט דעם גראד פון קאמפעטענץ אדער עפישענסי? די לייזונג פון דיעזער פראגע איז אפהענגיג פון וועלכען שטאנדפונקט מען וועט זי באטראכטען.

איך וועל, לויט מיינע מעגליכקייטען, באלייכטען דיעזע פראגע ערשטענס ווי עס פארשטעהט זי דער מאנופעקטשורער, דער ארבייטסגעבער; און, צווייטענס, ווי עס דארף זי פארשטעהן דער באוואוסטזיניגער, קלאסענבאוואוסטער ארבייטער.

צוערשט וועל איך אפלייקענען, אז אונזערע בעלי בתים זייגען אזעלכע מעצענאטען, אז זיי זייגען גרייט צו באצאהלען פאר סתם פעהיגקייט אדער קונסט־ארבייט. עס איז א בעוואוסטער פאקט אז שניידערס, סעמפעל מאכער און ליידיס טיילארס, וועלכע האבען זיך יאהרען געלערנט דעם טרייד אין דער אלטער היים און פיעלע פון זיי זייגען ווירקליך קינסטלער אין זייער פאך, זייגען זיי אבער בשום אופן ניט די בעסט־באצאהלטע אין נידעל טרייד, און אפט זייגען זיי מקנא „קאלאמבוסעס" אפרייטאר.

יעצט וועגען דעם פונקט פון עפישענסי. ווי ווערט עס פארשטאנען פון דעם באס? דער מאנופעקטשורער, דער ארבייטסגעבער, איז אין דערזעלבער צייט א ביזנעסמאן, וועלכער האנדעלט מיט סחורה. יעדע סחורה האט פאר איהם א געוויסע מארקעט־ווערדע, און אלס סחורה מיט דערזעלבער אייגענשאפט, באטראכט דער באס די ארבייטס־קראפט, וועלכע ער קויפט. ער שאצט איהר נאך א געוויסער מאס. ער זאגט: „איך באצאהל יעדען ארבייטער נאך זיין ווערדע. אויסדריקענדיג זיך פשוטער מיינט עס: וויפיעל גארמענטס דו וועסט מיר מאכען, פאר אזוי פיעל וועל איך דיר באצאהלען". און דארום זייגען טאקע די מאנופעקטשורערס געוועזען און זייגען די שטארקסטע אנהענגער פון שטיק ארבייט.

מיר איז אויסגעקומען ניט לאנג צוריק צו פארהאנדלען מיט א אינטעליגענטען מאנופעקטשורער וועגען א פאדערונג צו קריגען פאר די ארבייטער פון שאפ העכער ווי דער עווערידזש אדער מינימום סקייל. איך וועל דא איבערגעבען זייגע מיינונגען און ארגומענטען, וועלכע זייגען טיפיש און כאראקטעריסטיש פאר יעדען זעלבסטבאוואוסטען ארבייטס־געבער. ער האט אזוי גע'טענה'ט: עס זייגען ניטא קיין צוויי גלייכע מענשען אויף דער וועלט. יעדער מענש האט געוויסע באזונדערע פעהיגקייטען. איינער האט שנעלע באוועגליכע פינגער; א צווייטער א שארפערע אויג; א דריטער האט די פעהיגקייט בעסער אריינטראכטען זיך און שנעלער באגרייפען א זאך. איך בין גרייט צו באצאהלען יעדען ארבייטער, וועלכער וועט אויסנוצען זייגע פעהיגקייטען און ארויסברענגען בעסערע אדער מעהר ארבייט, יעדען איינעם לויט דעם גראד פון קאמפעטענץ אדער עפישענסי.

איך האב איהם געענטפערט, אז די קונסט פון מאכען געוועהנליכע קלאוקס איז ניט אזא גוואלדיגע. מען קען עס ניט פארגלייכען מיט מאהלעריי, מוזיק אדער ליטעראטור. און אז א גרופע ארבייטער, וועלכע ארבייטען צוזאמען, ווערען איינגעאיבט אין דער ארבייט אונטער נארמאלע באדינגונגען, ברענגען ארויס, מיט קליינע אויסנאמען, א דורכשניטליך גלייכען טאג ארבייט. קיינער דארף ניט ארבייטען איבער די כחות, און פאלגליך זיינען אלע בארעכטיגט צו א עווערידזש סטענדארד וויידזש צו מאכען א לעבען.

נארישקייטען, — האט ער אויסגעשריען ענטוזיאסטיש: געלט, געלט! איז די קראפט וואס טרייבט די מענשליכע ענערגיע. די אויסזיכט צו מאכען מעהר געלט פאר א צווייטען, וועט באוועגען דעם ארבייטער אנצושטרענגען זיך, ארבייטען אינטענסיוו, און דער צווייטער ארבייטער, נעקסט צו איהם, וועט זיך מתקנא זיין און קריגען דעמזעלבען חשק, און אויף אזא אופן וועט יעדער ארבייטער ווערען עפישיענט, פראדוקטיוו אין זיין ארבייט. ער וועט פארדינען מיט א פאר דאלאר מעהר און איך וועל קריגען מיין ארבייט געמאכט. און זאל דער שנעלערער בעל מלאכה האבען טאקע דעם פארצוג. „סורוויוועל אוו דהי פיטעסט" איז דער געזעץ פון דער נאטור, האט ער געענדיגט מיט א פסוק פון דארווינ'ס תורה.*) דאס הייסט, הערשען זאל דער וועלכען קען זיך בעסער צופאסען צו די אומשטענדען, און מען מוז צוגעבען, אז פון דעם קאפיטאליסטישען שטאנדפונקט איז דיעזע טעאריע אויסגעהאלטען. זי איז צוגעפאסט צו זייער בליק אויפ'ן לעבען, צו זייער באגריף וועגען פרייע קאנקורענץ. דאס איז די עפישענסי, ווי עס פארשטעהען די באסעס. עפישענסי, באזירט אויף אנשטרענגונג, אויף ארויסרופען און צורייצען אין דער מענשליכער נאטור די געפיהלען פון קנאה און געלט־גייציגקייט.

איך וועל יעצט פרואווען אביסעל צוגלידערען און צייגען די פאלגען וואס דיעזע סארט עפישענסי מוז מיט זיך ברענגען.

מען דארף האבען אין זינען, אז ווען עס עקזיסטירען פארשיידענע וואכען־פרייזען, געצאהלט יעדען לויט זיין ווערטה, וועט דער באס האלטען שטענדיג אין וועגען און מעסטען יעדענס ארבייט און וועט זיך שוין פארזיכערען אז ווען ער גיט דעם ארבייטער פינף אדער צעהן דאלאר אריבער דער סקייל, זאל ער ארויסקריגען פון איהם מעהר ארבייט ווי דיעזער רייז באטרעפט. און אזוי ווי דער וואך ארבייטער איז פאראינטערעסירט צו בלייבען ביי זיינע עקסטרא הויכע וויידזשעס, און האפענדיג פיליכט צו קריגען נאך מעהר, וועט ער דעם באס אוועקגעבען זיין פולע מאס קרעפטען. עס קען דא ניט זיין קיין פראגע פון נאטירליכער שנעלקייט. דער, וואס פארמאגט איהר ניט, אדער פיהלט זיך אמאל שוואכער אין געזונט, וועט זי ארויסרופען קינסטליך. מען ערמוטיגט זיך שוין, ווער מיט שמעק־טאבאק, ווער מיט א גלעזעל משקה. וואס טוט מען ניט צו ליעב פרנסה? און גריבען די גיים.

ווי אבער זאלען מיר, באוואוסטזינע ארבייטער, פארשטעהן דיעזע פראגע, און וואס פאר א שטעלונג זאלען מיר נעמען צו ברענגען די ארבייט אין יעדען שאפ צו א נארמאלען ניט היסטערישען צושטאנד.

די קונסט פון מאכען — אפרייטען, געהען אדער פרעסען, — א ביליגען אדער מיטעל־ליין דזשעקעט, סקוירט אדער קאוט, וועלכע באטרעפען נייגציג אדער מעהר פראצענט פון דער גאנצער סומע קלאוקס, וואס ווערט געמאכט, איז אזא געוועהנליכע, אז אין אלגעמיין באשטעהט זי פון א געוויסע צאהל מעכאנישע מוסקול־באוועגונגען. איהר קענט וואגער אויסרעכענען וויפיעל מאל איהר דארפט אויפהויבען און אראפלאזען דעם אייזען, אום אויסצופרעסען א געבייסטען צוויי־סימיגען קאוט. פארהעלטניסמעסיג דאס זעלבע אין אויפשטעכען א פלאש, און אפילו א דזשעקעט וועלכע געהט זיך א שטונדע אדער א שטונדע און א האלב.

איך האב געארבייט אין אייניגע שעפער צווישען א סעט פון דרייסיג—פערציג און מעהר בעל מלאכות ביי איין ארבייט. איך האב זיך צוגעקוקט, געלערנט און געשאפען זיך א באגריף: אז א גרופע נארמאל־געזונטע ארבייטער, איינגעטרייטע ביי איין און דערזעלבער ארבייט, ברענגען ארויס, מיט א קליינעם אונטערשייד, א גלייכע צאהל ארבייט. און טאמער טרעפט איינער, וועלכער איז געבענשט פון דער נאטור מיט אן אויסערגעוועהנליכע שנעלקייט, מיט א גרויסע מאס ענערגיע, איז דאך ניט נעדרונגען אז ער דארף אזוינע פעהיגקייטען איינגאנצען פארשווענדען צו מאכען פראזאאישע קלאוקס. זאל ער דעם איבערפלוס פון זיין ענערגיע אפגעבען צו יוניאן־אקטיוויטעט און אלגעמיין געזעלשאפטליכע ארבייט, צו פארבעסערען די אלגעמיינע לאגע און פאלגליך זיין אייגענע. דאס איז גערעדט פון אן אויסנאהמע. אין אלגעמיין אבער, איז דער גראד פון קאמפעטענץ און פראדוקטיוויטעט פון יעדען ארבייטער כמעט גלייך, און דער עטוואס שנעלערער אדער בעסערער מאכט גוט וואס דער ערגערער אדער שוואכערער פארפעהלט. אויב דער שנעלערער ארבייטער וועט פרעגען: „סטייטש, איך קען דאך א צווייטען איבערשטייגען און פארדינען מעהר, ווארום זאל איך ארבייטען פאר א גלייכען פרייז מיט דעם שוואכערן, איז פאר איהם מיין ענטפער: „ברודער, דער שטאנד פון דיין וויידזש איז א רעזולטאט פון געמיינשאפטליכע קעמפפע און דו קענסט דיין פארדיענסט פארגרעסערען און דערהויבען מיט די איבעריגע ארבייטער אין שאפ, דאן ווען דער שוואכערער זאל דיר ניט זיין ווי א קאנקורענט, נאר א סאלידארישער מיטארבייטער. אלע ארבייטער פון שאפ וועלען זיך דאן באטראכטען אלס פאלקאם גלייכע קאמעראדען פון איין קאלעקטיוו, שטרעבענדיג הארמאניש צו איין ציעל.

„איינער פאר אלע, אלע פאר איינעם" דארף זיין אונזער מאטא. און אונזער ארבייט וועט געראנט ווערטה זיין פאר דער צוקונפט, ווען מיר וועלען אין דעם ארבייטער ניט איינפלאנצען דיעזען הומאניטארען ריין־מענשליכען פרינציפ.

ארבייטען אונטער נארמאלע באדינגונגען א נארמאלען טאג ארבייט מיט א יוניפארם סקייל וויידזשעס פאר בעל מלאכות פון איין טרייד און ספעציעל אין איין און דעמזעלבען שאפ. דאס וועט פארמיידען קאנקורענץ, יאגעניש, צאנקערייען. שטיצענדיג זיך אויף דיעזען שטאנדפונקט, איז נאטירליך אז דער מינימום סקייל דארף געהעכערט ווערען צו א געוויסען עווערידזש.

מ. סלאווין, מעמב. לאק. 35.

*) דארווינ'ס טעאריע וועגען ענטוויקלונג פון פלאנצונגען און חיות איז די, אז דער שטארקערער מוז אימער זיין דער זיגער אין קאמפף פאר עקזיסטענץ. חיות מיט שארפערע צייהן און נעגעל זיגען איבער די שוואכערע, וועלכע ווערען פארניכטעט. דיעזע טעאריע ווילען דאס די בעלי בתים צופאסען צו אונזער סאציאלען קאמפף.

...סטרייקס און „רעכטע און „ליג־
...ר ווייל צו אונז צוריק ברענגען די
...ייגע צייטען פון פאר קאלאמ־
...און — צו וואס זאל איך לייקע־
...עם וואלט מיך אויף א האר ניט
...ווען אונזערע ניט־ציוויליזירטע
...ר וואלטען זיך פלוצים אנגע־
...וכפערען און מעהרען ווי די פיש
...און פארפלייצען אונזער מדינה
...ל ביז בראנזוויל און פון ניאג־
... ביז ניו ארלינס. איך קען אייך
...ען, אז מיר וועלען דורך דעם
... גארניט פארלירען פון אונזער
...ער „קולטשור". וואו מען לעזט
...נג, אז דער פרעזידענט פון דער
...טעט אין סיראקיוז, פאר־
... זיך א העכסט קולטורעלער
...ט אויפגעהויבען זייגע הענט צו
... הוא און איהם מיט טרערען
...ויגען נעדאנקט, פארוואס זיין
...השגחה האט אונז געשאנקען
...ענער ווי די סענאטארען לאדוש,
... בארא, מוז מען זיך פרעגען:
...אס די פרוכט פון צוויי טויזענד
... קולטור און אויפקלערונג?
...ן אן אלטער אינדיאנער־הויפט־
...עם שטאם פון די אזטעקען און
...ן נעהאנדעלט קינדערישער, נארי־
...בערגלויבישער ווי יענער העכסט
...טער אוניווערזיטעט - פרעזי־
...אנשטאט אזא ציוויליזאציע איז
...ר אינדיאנערטום!

* * *

...טיר -וועט אלזא קריגען צוויי
...ירמע און 5 טויזענד דאלאר
...- האט דער קאנגרעס נע'פסקנ'ט,
...ענאט, זאגט מען, וועט אויך צו־

שטימען. ווי זאגט געטע'ס פאוסט? — „די באטשאפט הער איך גוט, אבער מיר פעהלט דער גלויבען". סטייטש? ווי קענען קאנגרעסלייט און סענאטארען, מייסטענס אליין גרויסע געשעפטסלייט און שותפים אין רויבערישע קארפארייששאנס, אננעמען אזא געזעץ געגען פראפיטירער און אזוי צו זאגען, שאפען א קאנטשיק פאר זייער איינענעם הינטערטייל? דא איז עפעס נישט גלאט. סיידען זיי פארלאזען זיך אויף זייערע לאיערשע חריפות. זייענדיג אליין לאיערס און געזעץ־אויסטייטשער, האבען זיי אפשר שוין געפונען א וועג, ווי דעם נייעם געזעץ אויך „אויסצוטייטשען". סיידען!

* * *

די ציוניסטען, לעז איך, פלאנעווען צו פלאנצען גרויסע וועלדער ארום ירושלים. פארשטעה איך ניט: עס פעהלט אויס די ציוניסטען וועלדער? דאכט זיך, זייער גאנצע פאליטיק איז איין געדיכטער אור־וואלד פון סודות און געהיים־דיפלאמאטיע, אין וועלכען די אידישע ארץ ישראל האפנונג בלאנדזשעט ארום און טאפט אין דער פינסטער.

* * *

True translation filed with the Postmaster at New York City on Aug. 29, 1919, as required by the Act of Congress approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

די גאנצע שטאדט ניטרא, אין וועסט ווירדזשיניא, וואס האט געקאסט דער רעגירונג 70 מיליאן דאלאר איהר אויפצובויען, שטעהט איצט פארטיג צום פארקויפט ווערען. די רעגירונג האט דארט אויפגעבוים די גרעסטע פולווער־פאבריק און א גאנצע שטאדט פאר אמוניציע־ארבייטער. איצט איז אויס קריעג — אויס שטאדט. מיר האבען א פלאן: זאל די ראזינע פולווער־שטאדט אפגעקויפט ווערען פון דער ווערסאליער פרידענס־קאנפערענץ. עפעס א קלייניגקייט, ווי פיעל קריעגס־מאטעריאל די שלום־מאכער דארפען היינט האבען, כדי צו פארזיכערען די וועלט פאר דעמאקראסי! קאלטשאק, פאדערעווסקי, דעניקין, פעטלורא, רומעניען, די פינלענדער, די לעטען — לויטער דעמאקראטישע קעמפפער, וועלכע מען מוז העלפען ראטעווען די ציוויליזאציע פון דער וועלט.

אויפ'ן וואהר. זיינע געדאנקען האבען זיך יעצט געדרעהט אזוי ווי אין א ווירבעל ווינד. זיין מוח האט יעצט געארביים מאָדנע שנעל, און עס האבען זיך איהם געמישט פארשידענע זאכען אין קאפ. און עפעס אזוי ווי אוים מאכטלאָזיגקייט איבער זיך אליין האט ער זיינע געדאנקען געלאזט לויפען פריי, און עס קומט איהם נאר פלוצלונג אין געדאנק יענע צייט ווען ער איז געקומען אין אמעריקא, אן אונוויסענדער, קליין־שטעדטעלדיגער אינגעל, אהן פריינד, אהן באקאנטע, יענע ערשטע מיטינגען און לעקטשורס, צו וועלכע זיין לאנדסמאן גרין, האט איהם געפיהרט, ווי ניי און אינטערעסאנט דאס אלעס איז געווען פאר איהם. און דאן זיין טעטיגקייט אין דער פארטיי און אין דער יוניאן. עס האט זיין גאנץ לעבען פארנומען. ער האט אנגעהויבען זעהן און פארשטעהן זאכען וועלכע זיינען איהם פריהער געווען אזוי פרעמד. ער דערמאנט זיך אן אלע זיינע פריינד און באקאנטע, אזוי פיעל ליעבע, און־וואוילע מענשען. און עס שוועבען פאר איהם דורך פנים'ער פון א סך באקאנטע און עס דאכט זיך איהם ווי זיי אלע קוקען אויף איהם יעצט מיט אזעלכע גרויסע, פארוואונדערטע אויגען. ער זעהט ווי אלע קעהרען זיך יעצט פון איהם אפ מיט עקעל. ער דרעהט זיך אין גאנצען צוזאַמען אזוי ווי פון א שרעקליכען וועהטאג. ער פארשטעלט זיך מיט די הענט דעם פנים אבער עס העלפט נים. אזוי ווי צווישען די פינגער שווימט פאר איהם ארוים דער פנים פון זילבערט'ן. אט דער מאוסער נפש, וועלכען ער האט אלע מאל פארפאלגט פאר זיין דעמאגאגיע און אונעהרליכקייט אין דער באוועגונג, און זילבערט'ס פנים נעהמט זיך פאר איהם מאהלען אין פארשידענע גרימאסען. אט זעהט ער אויף זיין פנים צושפרייט אזא ברייטען, עקעלהאפטען שמייכעל, און באלד ווערט זילבערט'ס פנים אזוי בייז און אזוי שלעכט און עס דאכט זיך איהם אזוי ווי ער כאפט איהם אן ביים האלז. און ער דערפיהלט עפעס אזוי ווי ער שטיקט איהם. ער ווארגט איהם, א דערשראָקענער אזוי ווי אום צו פארטיידיגען זיך, שפרינגט ער אויף. ער קוקט זיך ארום פארוואונדערט, נור דער טומעל אין קיך פון די קינדער דערמאהנט איהם וואו ער איז. ער פארוויכערט. און האלטענדיג דעם קאפ אין די הענט אזוי ווי באַשיצענדיג איהם ער זאל נים צושפרונגען ווערען, שפאנט ער אום איבער'ן צימער ארויף און אראפ, אזוי ווי א חיה אין א שטייג. די געדאנקען פאנגען ביי איהם ווידער אן צו ארבייטען. און דער קאפ שווינדעלט. און נים געפינענדיג זיך קיין ארט, ווארפט ער זיך ווידער אויפ'ן סאפע. ער ליגט ווי א שכור'ער, אלץ ארום איהם דרעהט זיך. ער וויל צוזאמענקלייבען זיינע געדאנקען. ער וויל זיך קלאר מאכען וואס ער זאל יעצט אנפאנגען צו טאן, וואו ער זאל געהן, נור זיין מוח דינט איהם נים. אלעס איז ביי איהם אין קאפ אויסגעמישט. ער זעהט פנים'ער, מיטינגען. דעם, יענעם. און אן וואס מעהר מענשען ער דערמאהנט זיך אלץ שרעקליכער, אלץ בולט'ער ווערט פאר איהם זיין יעצטיגע לאגע. און א רחמנות נעהמט איהם ארום צו זיך אליין. און אין זיין געדאנק ארבייט זיך אוים א פארטיידיגונגס רעדע, וועלכע ער וואלט יעצט געהאלטען ווען מען לאזט איהם. ווי אזוי ער וואלט זיי ערקלעהרט וואס עס האט איהם געמאכט דאס צו טאן. און וואס עס מיינט פאר איהם זייער יעצטיגער אורטייל. און די רעדע וואס עס שאפט זיך יעצט ביי איהם אין געדאנק איז אזוי ריהרענד און הארציג און עס צונעהמט איהם אליין. און דער רחמנות געפיהל צו זיך אליין נעהמט איהם ארום אלץ מעהר און מעהר. און באגראבענדיג דעם קאפ אין ביידע הענט צווויינט ער זיך מיט א שטילען, פארשטיקטען געוויין.

ארבייטער פון א ריינקאוט שאפ פרעזענטירען זייער טשערמאן.

מיר, די ארבייטער פון העלער און גאלדבערגס ריינקאוט שאפ, פון 221 סקול סט. ברוקלין, פארזאמעלט ביי א שאפ מיטינג, באשליסען אויסצודריקען אונזער טיפע אנערקענונג פאר דער ערנסטער איבערגעבענער ארבייט פון אונזער שאפ־טשערמאן, בר. היימי גאלדשטיין, וואס ער האט געלייסטעט צום וואהל און בעסטען פון דעם שאפ און מיר פרעזענטירען איהם מיט א גאלדענע וואטש און טשיין.

דייוו קארל, הערי דוש, סאל. בריקמאן, לואי באגדאנאוויטש.

די עבערט־נאָסקע רעגיערונג און די אידען

פון א. גלאנץ.

True translation filed with the Postmaster at New York City on Aug. 29, 1919, as required by the Act of Congress approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

דער אויפשוואונג פון אנטיסעמיטיזם אין דייטשלאנד — דאס איז די נייע סדרה אין די אידישע צרות, וועלכע זיינען אונז געבליבען בירושה פון דער מלחמה. לוים אלע באריכטען געהט איצט אן א אנטיסעמיטישע העצע און פראפאגאנדא איבער גאנץ דייטשלאנד. די דייטשע אידען זיינען אין איין מורא פאר פאגראמען. דייטשע ארגאניזאציעס צו קעמפפען געגען אידען זיינען געגרינדעט געווארען און אט די גרינדונג האט ארויסגערופען נייע אידישע „שוץ־פאראיינען", נייע אידישע געזעלשאפטען מיט'ן צוועק זיך צו פארטיידיגען געגען דעם אויסגעוואקסענעם אנטיסעמיטיזם.

געווים, דער אנטיסעמיטיזם אין דייטשלאנד איז נים קיין נייע זאך. אויב דייטשלאנד, די אמאליגע דייטשלאנד, האט שטאלצירט מיט'ן נאמען „דאס לאנד פון דענקער און דיכטער" איז אט דער נאמען קיינמאל נים געווען פול. כדי צו זיין פול האט זיך געגויטיגט צוצוגעבען: „דאס לאנד א ו י ך פון אנטיסעמיטיזם".

אין דייטשלאנד איז דער אנטיסעמיטיזם נים בלויז געווען קיין געפיהל און שטימונג, נים בלויז אפילו א באוועגונג, נאר א קונסט און א וויסענשאפט. דייטשע פראפעסארען, וועלכע זיינען געווען געטרייע משרתים פון קייזעריזם, פון פרייסישער רעאקציע און פון דעם האהענצאלערן־רעזשים, האבען אנגעשריבען גראבע ביכער, אין וועלכע זיי האבען באוויזען מיט אלע וויסענשאפטליכע באווייזען פון דער וועלט, אז צו האסען אידען איז א מצוה, אז אידען זיינען א נידעריג פאלק, און אז עס איז די הייליגע פליכט פון יעדען עכטען דייטש פיינט צו האבען אידען.

דייטשלאנד איז יאהרצעהנדליגער געווען דאס וויגעלע פון אנטיסעמיטיזם. דייטשלאנד האט געהאט די טרויעריגע אויסצייכענונג צו זיין דאס איינציגע לאנד, וואו עס האט עקזיסטירט א פאליטישע אנטיסעמיטישע פארטיי, וועלכע איז געלאפען אויף א פלאטפארם פון אידען־האס און וועלכע האט ערוועהלט דעפוטאטען צום רייכסטאג!

אבער דאס אלץ איז דאך געווען אין דער אלטער דייטשלאנד! אין דער דייטשלאנד פון גאט און קייזער, אין דער דייטשלאנד פון מיליטאריזם, יונקעריזם און פינסטערער רעאקציע! היינט איז דאך שוין פאראן א נייע דייטשלאנד. א רעפובליק מיט א כמעט סאציאליסטישער רעגירונג. דער פרעזידענט פון דייטשלאנד איז דאך „גענאסע" פרידריך עבערט, דער געוועזענער גענעראל־סעקרעטער פון דער סאציאליסטישער פארטיי. אין דעם איצטיגען דייטשען קאבינעט זיצען דאך א סך סאציאליסטען!

אזוי וועט מען זאגען, אזוי וועט מען פרעגען און מען וועט אפשר זיין גערעכט, ווען מען וועט שטוינען, ביז מען וועט נים איינזעהן די אמת'ע לאגע.

יע, אין דייטשלאנד הערשט איצט א כמעט סאציאליסטישע רעגירונג. יע, דער פרעזידענט פון דער דייטשער רעפובליק איז א סאציאליסט — און דאך האבען מיר אן אויפשוואונג פון אנטיסעמיטיזם.

מיט וואס אבער ערקלערט זיך עס?

מיר שיינט, אז די הויפט־אורזאך פון אונזער שטוינען נעמט זיך דערפון, וואס מיר זיינען געוואוינט צו קוקען און אורטיילען וועגען מענשען לוים זייערע א מ א ל י ג ע איבערצייגונגען, לוים די אמאליגע עטיקעטען, וועלכע זיי האבען געטראגען. וועט מען באפרייט ווערען פון אט דעם טעות, וועט אלץ קלאר און פארשטענדליך ווערען.

עבערט און שיידעמאן און דאס גאנצע געזינדעל מאיאריטעטס־סאציאליסטען, וועלכע זיינען איצט ביים רודער אין דייטשלאנד, זיינען שוין לאנג נ י ט קיין סאציאליסטען. צו זיי זיינען עס אמאל געווען, איז איצט אויך א צווייפעל. אבער זינט דעם אנפאנג פון דער מלחמה, זינט די טעג, ווען זיי האבען געשטיצט דעם קייזער'ס קריעג, געשטימט פאר אלע זיינע קריעגס־הוצאות, האבען זיי א ו י פ ג ע ה ע ר ט צו זיין סאציאלסיטען. זיי האבען אויף זיך גענומען אלע זינד פון דעם קייזער. זיי האבען פארשפינען אלע סאציאליסטישע פרינציפען. זיי זיינען געווען נים מעהר ווי דורכשניטליכע דייטשען. אביסעל רעפארמער, אביסעל ליבעראלען, אבער מעהר ווי אלץ קינדער, געזעצליכע קינדער פון דעם קייזער'ס פאטערלאנד, און נים מעהר.

דאס זיינען זיי געווען אין דער צייט פון דעם קריעג.

ווען די דייטשע רעוואלוציע האט אויסגעבראכען, זיינען אט די פארשוינען ארויף אויף דער אויבערפלאך צוליעב זייערע אמאליגע נעמען, צוליעב זייערע אמאליגע סאציאליסטישע איבערצייגונגען. די דייטשע מאסען, וועמען אט דיזעלבע חברה־לייט האבען געהאלטען אין איין פארפיהרען און פארדומען, האבען זיך נים געקענט פאנאנדערקלייבען אין דעם אמת, אז מען האט שוין פאר זיך אייגענטליך נים קיין סאציאליסטען און נים קיין רעוואלוציאנערען, נאר סאציאליסטישע פאררעטער, געטרייע דינער פון דער אלטער ארדנונג, ווירדיגע יורשים פון דעם קייזעריזם.

זיי זיינען ארויף אויפ'ן בענקעל, אט די שיידעמאנס און עבערטס און נאסקעס און זיי האבען באלד באוויזען זייער פנים. זיי האבען זיך ארויסגעשטעלט אלס די אנפיהרער און פארטיידיגער פון דער קאנטר־רעוואלוציע, פון דעם קאמפף געגען דער א מ ת ' ע ר רעוואלוציע. מיט דער הילף פון אלטע קייזערליכע אפיצירען און גענעראלען האבען זיי אנגעפיהרט א ווילדען טעראר און דערשטיקט אהן רחמנות יעדען אמת'ען רעוואלוציאנערען אויסברוך.

די אלטע יונקערשע מיליטאריסטען האבען אויך באלד דערשמעקט, ווער עס זיינען אייגענטליך די געוועזענע סאציאליסטישע פיהרער, און זיי געשטיצט, געהאלפען זיי אויפצוהאלטען זייער ממשלה.

מען דארף דעריבער זיך אפזאגען פון דעם געדאנק, אז אין עבערט'ען און אין נאסקע'ן האט מען פאר זיך סאציאליסטען. זיי זיינען שוין לאנג נים קיין סאציאליסטען. זיי זיינען קאנטר־רעוואלוציאנערען, אויף דער זעלבער מדרגה און פון דעם זעלבען טייג, וואס די קאלטשאקיסטען אין רוסלאנד, די פוילישע רעגירער, די רומענישע גענעראלען.

ווען מען קוקט זיך צו צו דער קאנסטיטוציע, וואס די דייטשען האבען איצט אנגענומען; ווען מען שטודירט די פונקטען פון אט דער קאנסטיטוציע, וועלכע האבען צו טאן מיט ארבייטער־פראגען; ווען מען לעזט די רעדע, וואס פרעזידענט עבערט האט געהאלטען ביי דער אינסטאלירונג פון זיין אמט, מוז מען איינזעהן אהן שום צווייפעל, אז מען האט פאר זיך נים קיין האלב־סאציאליסטישען רעזשים, נים קיין ארבייטער־רעגירונג, נים אפילו קיין ראדיקאלע רעגירונג, נאר א לעבליך ליבעראלען רעזשים, וועלכער האט בלויז איין אויפגאבע: זיך אליין „אויפצוהאלטען און נים צו דערלאזען קיין סאציאליסטישע ארדנונג.

דער איצטיגער דייטשער רעזשים, דער רעזשים פון עבערט און נאסקע, איז דורכאוים א קאנטר־רעוואלוציאנערער רעזשים און מעהר נים.

און אויב מען פארשטעהט דאס, מוז מען אויפהערען צו שטוינען איבער דעם

נו, א וואך

— פון — דר. ק. לעא

די ענגלישע אקטיארען סטרייקען נאך אלץ. און וואס, מיינט איהר, איז זייער פאדערונג? ארגאניזאציע! מעהר נארניט. און דערפאר מאַקע האב איך מורא, זיי זאלען דעם סטרייק נים פארלירען. ווער עס פאדערט צו וועניג, קריגט געוועהנליך גארנישט. דאס איז נישט מיין ווארט. ס'איז זאנגוויל'ס „דערפאר — האט אמאל זאנגוויל ערקלערט — וואס די ציוניסטען האבען אויפ'ן ווערסאלער פרידענס־קאנפערענץ געפאדערט נים גאנץ ארץ ישראל, נאר בלויז א „קולטור ווינקעל" אין ארץ ישראל, איז זעהר מעגליך אז זיי זאלען גארנישט קריגען". ווי עכט נביאיש דער מענש האט גערעדט!...

די ענגלישע אקטיארען פאדערען צו וועניג. און אויב די ליעבע ביהנען־קינסטלער פאסט נים צו פאדערען א גרעסער שטיקעל ברויט און קירצערע קונסט־שטונדען (כאטש אין דער אמת'ן קען מען, ארבייטענדיג צו לאנג ביי „קונסט", אויך קריגען קאנסאמפשאן) האבען זיי לכל הפחות באדארפט פאדערען פאלגענדע זאכען:

1) די אפשאפונג פון אלע ביהנען־ווורצען, וואס זיינען שוין עלטער פון 1000 יאהר.

2) יעדע כאריסטקע זאל מוזען מיטברענגען א געבורטשיין, וואס זאל באווייזען אז זי איז געבארען געווארען נים פריהער ווי די פראנצויזישע רעוואלוציע.

3) דאס רעכט צו מעגען דער'הרג'ענען אויף טוים די עטליכע באוואוסטע טעאטער־באזוכער, וואס האבען א טבע צו קומען אין טעאטער א האלבע שטונדע צו שפעט און אין, סאמע דראמאטישסטען מאמענט אנמאכען אין טעאטער א טומעל, זוכענדיג זייערע סיטס, און צווינגען א האלב פובליקום זיך אויפצושטעלען און זיי דורכלאזען.

4) 20 יאהר טורמע פאר דעם באקאנטען טעאטער־אידיאט, וואס נים פארשטעהענדיג די „פלעי", שיסט ער ארוים מיט א געלעכטער דארט וואו מען דארף וויינען און פאטשט בראווא דארט וואו מען דארף זיצען שטיל, מיט א פארכאפטען אטעם.

5) עלעקטריק טשער פאר יעדען טעאטער מענעדזשער וואס קומט ארוים נאך דער פארשטעלונג האלטען א רעדע פאר'ן פובליקום און אויסשפרעכען זיין דאנק פאר זייער בייפאל, ווי אלע קרענץ וואלטען געקומען איהם און נים די אקטיארען.

און נאך און נאך אזעלכע פאדערונגען.

אהן די דאזיגע פאדערונגען וועט די טעאטער קונסט סיי ווי סיי הינקען אויף ביידע פים און זיין אויף גרויסע צרות, מיט אדער אהן א יוניאן.

* * *

און די ברוקלינער מילך־פיהרער סטרייקען אויך. זיי פארלאנגען $2,600 א יאהר, צו להכעיס דעם קאלעדזש פראפעסאר, וואס פארדיענט בלויז $1,200 א יאהר. פארוואס נים? די מילך פון קוה איז נאך אלץ נויטיגער ווי די „מילך פון ווייזהייט". „די פעדער איז מעכטיגער פון שווערד", אבער די באטעל מילך איז מעכטיגער פון פעדער. אי, איז די קשיה: אז דער מילך־טראסט נעהמט ארונטער פון די מילך די גאַנצע סמעטענע און די מילך־פיהרער וועלען אוועקנעמען די זויער־מילך, וואס זשע וועט בלייבען פאר'ן פאלק? איז דער תירוץ: וואסער! ריינע וואסער, אנשטאט פארוויסטע! דאס פאלק וועט דאן האבען די סאטיספעקשאן, אז מען נארט איהם ווענינסטענס נים אפ.

* * *

א טשיקאווע נייעס האב איך היינט געלעזען: די אינדיאנער אין אמעריקא האבען אנגעהויבען שטארק פריה־ורביה'ווען און פארמעהרען זיך מיט יעדען טאג. די דאזיגע נייעס רופט ארוים מאָדנע געדאנקען. איז דאס אפשר גאט'ס שטראף? האט מען אפשר דארט אויבען באשטימט, אז דער אלטער אמעריקאנער באלעבאס, וועמען דער אייראפעאישער גאסט האט ארויסגעטריבען פון זיין וואוינונג און איהם פארשאפט אין רעזערוויישאן־טורם, זאל צוריק ווערען דער באלעבאס פון זיין דירה און ארויסווארפען דעם נים־געבעטענעם אורח? עס קען זעהר מעגליך זיין, אז די קלוגע נאטור טוט דא אפ א שפיצעל דעם גאנצען יענקיטום מיט אלע זיינע נאטיוויסטען און דזשינגאאיסטען, וואס דענקען אז ס'איז „זייער אמעריקא". עס קען זעהר מעגליך זיין, אז דער שיקזאל איז שוין מיד געווארען פון אונזער גאנצער ציוויליזאציע מיט איהרע רעפובליקאנער און דעמאקראטען און אפענע דיפלאמאטיע און פערצעהן פונקטען און פראַהיבישאן און רעפארמען און אונטערזור

קורצע שמועסן
צווישען דעם רעדאקטאר און די לעזער.

...יומאן. — מיר גלויבען נים, אז דער ...פארטער האט אייך געטאן אונרעכט. ...זיין, אז איהר האט עס נישט געמיינט ...לעכט, אבער דער פשוט'ער פשט פון ...ווערטער איז געווען, דאס איבער דער ...קלאוקמאכער יוניאן הערשט א קליקע, ...האבען זיך אליין באשטימט אלס די ...אבער און וואס זיי ווילען, דאס טוען ... די גאנצע מעמבערשיפ איז מאכט־ ...ען איהר וואלט כאטש נים אנגעפאנגען ...אטרעפענדען ארטיקעל מיט האלאנדען, ...ך פון דער קלאוקמאכער יוניאן, און ...טירט, ווארום איהרע ביזנעס־אגענטען ...אפאינטעט, און נים ערוועהלט, וואלט ...ן פון אייער ארטיקעל נאך אפשר, גע־ ...ויסגעטיימשט ווערען צו אייער גונ־ ...אבער ווען מען באטראכט דעם ארטי־ ...ם גאנצעס, איז ער נים נור אביסעל ...ביסעל פארלוימדעריש, נור ער איז ...קאנדאליעז. נור א שונא פון דער ...אבער־יוניאן וואלט געקאנט ווארפען ...ן פנים אזא אבאשולדיגונג. מיר ווילען ...ט אייך ערקלערען אלס א שונא פון ...יאן, ווארים, ווי איהר שרייבט אין ...ריעף, איז אייער רעקארד אלס יוניאן־ ...א גלענצענדער, אז מען קען גאר אייער ...ציע אויף דאס מינדעסטע נים קאליע ... אויף וואס מיר ווילען אייך אויפ־ ...ם מאכען, איז, דאס איהר פארשטעהט ...עניג וועגען דעם ענין, וועגען וועלכען ...ריייבט. איהר, למשל, מיינט, אז דער־ ...ויע שליסט אוים די מעגליכקייט און ...וועגדיגקייט פון אפאינטמענטס פאר ... עמטער, און מיר דענקען, אז איהר ... אייער דעמאקראטיע ביז צום אבסורד. ...דער דעמאקראטיע זייכען דא געוויסע ... פאר וועלכע עס איז נישא און קען ...ן קיין וואהלען; און די נויטיגע מענ־ ...רען אפאינטעט פון די וועלכע ווערען ...וועהלט. די אפאינטעטע זייכען פאר־ ...טליך צו דעם, וואס איז אויסגעוועהלט ...ן פון גאנצען פאלק, און דער אוים־ ...טער איז פאראנטווארטליך צום פאלק ... וועמען ער אפאינטעט. נאר אביסעלע ... קען נועט אייך פיהרען צום שלום, אז ... אנדערש נים זיין. אין אונזער מלוכה, ... דארף מען אויספיהרען פארשיעדענע ...ען אמאל פון רעגענען, פון מעסטען, ... בזשעגירונג, און אז. וו. קענט איהר ...שטעלען, אז אט די אלע מענשען, וועל־בע טוען די סטאטיסטישע ארביים פון לאנד, קענען אויסערוועהלט ווערען פון פאלק? ווי קען דאס פאלק ענטשיידען צווישען אייבעם און א צווייטען סטאטיסטיקער, צווישען דעם און יענעם איבזשעניער, סטענאגראפער און אז. וו.? דאס מאכט נים נויטווענדיגקיים פון אפאינטמענטס אין דער בעסטער דעמאקראטיע. דאסזעלבע איז אויך מיט ביזנעס־אידזשענטס אין א יוניאן. לוים אייער מיינונג דארפען די לעצטע ערוועהלט ווערען פון דער יוניאן. און מיר מיינען, אז אזא מין וועהלעריי קען אפט פיהרען צו גאנץ טרויעריגע רעזולטאטען. עס קענען אפט אויסגעוועהלט ווערען מענשען, וועלכע האבען נים די מינדעסטע פעהיגקיים דערצו. די יוניאן מעג זיך באַשטעהן פון גאנץ אינטעליגענטע מענשען, אבער דאך נים וויסען, וועלכע פון זיי וועלען קענען טאן מיט דעם בעסטען ערפאלג די נויטיגע ארביים פון א ביזנעס־אידזשענט. דערפאר זעהען מיר נים די מינדעסטע פאראיבונג פון דעמאקראטיע, ווען דער דזש. ב., וועלכער באשטעהט פון אויסערוועהלטע דעלעגאטען פון יעדען לאקאל, און וועלכע זייכען פאראנטווארטליך צו זייערע באטרעפענדע לאקאלס, אז זיי, אויף זייערע אחריות, אפאינטען די נויטיגע ביזנעס־אידזשענטס. דער דזש. ב. אונטערוואַרפען די אידזשענטס צו א געוויסען עקזאמען. אלס נים אויסערוועהלטע נור אפאינטעטע קענען זיי לייכט אפגעזאגט ווערען, ווען זיי ווייזען זיך ארוים אלס אונפעהיג פאר זייער ארביים. געוויס קען עס פאַסירען, אז דער דזשאינט באארד אדער א קאָמיטע פון איהם זאל מיסברויכען מיט איהר מאכט, און אפאינטען אן אונפעהיגען צוליעב נים שעהנע מאטיוון. דאס קאן פאסירען. אבער ווען די מעמבערשיפ פון דער יוניאן איז נור א לעבעדיגע, קען אזא מיסברויך פון דער מאכט נים לאנג אנהאלטען. איהר שרייבט אין אייער בריעף, אז די דעלעגאטען צו דער קאנווענשאן פון דער א. פ. אוו ל. זייכען נים אויסערוועהלט געווארען. דאס איז ווידער נים אמת. איהר ווייסט דאך געוויס, אז זיי ווערען אויסערוועהלט אויף דער קאנווענשאן פון דער גאנצער אינטערנעשאנאל, און זיי זיינען געוויס פאראנטווארטליך צו דער גאנצער אינטערנעשאנאל. אויב, ווי איהר מיינט, זיי האבען געהאנדעלט נים ריכטיג אין באצוג צו דער און דער רעזאלוציע, ברענגט עס פאר פאר אייער יוניאן, וועלכע געוויס שיקט דאך איהר פארטרעטער צו דער קאנווענשאן, און זאל ער דארט, אויף דער קאנווענשאן, פאדערען דין וחשבון פון דער געשיקטער דעלעגאציע צו דער א. פ. אוו ל. ביין, אונזער סטעף־רעפארטער, האבענדיג פאר זיך אייער ארטיקעל, האט ווירקליך נים געקאנט קומען צו קיין אנדער שלום, ווי דעם, דאס איהר האט געהאט בדעה צו פארשווארצען אייער יוניאן, אוועקצושטעלען איהר אין א זעהר נים קיין גוטע ליכט פאר דעם עולם. מיר מיינען, אז איהר האט אזוי שלעכט נים געמיינט, נור פשוט איהר באגריפט נים גוט די גאנצע פראַגע פון דעמאקראטיע. און במילא קומט ביי אייך ארוים אלעס משונה'ריג איבערטריבען. אזעלכער איז, למשל, דער לעצטער זאץ פון אייער בריעף צו אונז, וועלכער לוינעט, ווי פאלגט: „נור זאל זיין שא! ס'איז א מורא זיך איינצורייסען מיט אונזערע בעאמטע. עס געהט דאך א סדרה אפאינטמענטס, און מאמער וועל איך וועלען א שטיקעל דזשאב, וועט מען זיך מיט מיר רעכענען". וועלל, אט אזא מין באהויפטונג פון אייער זיים מאכט עס גאנץ קלאר, אז אונזער סטעף־רעפארטער האט נים געקאנט קיין אנדערש נים אייך און נים דער ציימונג, וועלכע האט געדרוקט אייער ארטיקעל. א ציימונג מים עטוואס מעהר פאראנטווארטליכקיים, וועלכע זוכט נים בלאט סקאנדאלכעלער, וואלט נים פארעפענטליכט אייער ארטיקעל, אין וועלכען איהר שטעלט אוועק א דזשים האלאנד אויף איין ברעטעל מים די צו וועמען איהר ערקלערט זיך אין ליעבע אין אייער בריעף צו אונז.

ש. ע. געוויס קענט איהר אונז שרייבען, זאגען מיר, א בריעף יעדען מאנאט, און, ווען נויטיג זאגאר צוויי מאל א מאָנאט. אויך וועט קיין מניעה נים זיין וועגען דעם לעצטען פונקט, וואס איהר דערמאנט אין אייער בריעף. די איינציגע זאך, וואס מיר פארלאנגען, און וואס מיר ערווארטען, וועט אויך זיין, איז, דאס די בריעף זאלען זיין אזוי שטרענג ווי מעגליך זאכליכע. זאלען בעסער די פאקטען אליין רעדען פאר זיך. דעם פירוש אויף זיי לאזט איבער צו די לעזער. פארשטעהט זיך, אז דערמים ווערט נים געמיינט, אז איהר זאלט חלילה מוזען אונטערדריקען אין די בריעף אייערע מיינונגען. וואס מיר מיינען, איז, צוערשט די פאקטען, און אזוי ראַיעל, ווי מעגליך. נאכדעם קען קומען, אויב איהר ווילט, די באליכטונג. מיר באנוצען זיך מים דעם פלאץ און נים מים א פערזענליכען בריעף, ווייל מיר קענען אייך צו גוט, און צוליעב אלטער פריינדשאפט, זייכען מיר זיכער, וועט איהר עס נים נעמען פאר אומגוט.

מ. ע. פיטזשעראלד. מיר באגריסען אייך ווירקליך מים אייער געלונגענער רעדע אויף דעם מיטינג פון דער סענטראל פעדערייטעד יוניאן פאר אן אלגעמיינע אמנעסטיע פאר אלע פאליטישע געפאנגענע, און מים א באזונדערען פארגעניגען האבען מיר געלייענט אין דעם רעפארט פון דער סי. על. יו., אז אלע אייערע פאדערונגען האט די גרויסע ארבייטער קערפערשאפט אנגענומען, נעמליך, אייער רעזאלוציע, וואס מיר ווילען דא איבערגעבען, דאן א קאפיטעל פון זיגע, וואס זאל צוזאמען מים אייך טאן די וויכטיגע ארביים, און דערמעגט, אז א בריעף זאל געשיקט ווערען צו אלע יוניאנס, אז זיי זאָלען אונטערשטיצען די פאדערונג פאר אן אלגעמיינע אמנעסטיע פון אלע פאליטישע. די רעזאלוציעס, עטוואס פארקירצט, לייענען זיך ווי פאלגט: אזוי ווי אין אמעריקאַנער פריזאנס און אונטער בייל געפינען זיך איבער א טויזענד מענער און פרויען, וועמעס פארברעכען איז אין תוך גענומען פון א פאליטישען כאראקטער, און נים מעהר; אזוי ווי דיעזע מענער און פרויען זייכען פארפאלגט געווארען הויפטזעכליך, וויל, פארטיידיגענדיג זייערע איבערצייגונגען, האבען זיי געהאנדעלט געגען די צייטליכע געזעצע, איז עס דארום באשלאסען, אז עס איז דער געפיהל פון די דעלגאטען פון דער סי. על. יו., פארזאמעלט אויף זייער רעגעלען מיטינג, אז דאס ווייטערע האלטען אין געפענגניס פון אט דער מאסע מענשען איז געגען דעם דעמאקראטישען אידעאליזם, וועלכער האט באגייסטערט די ארביימער צו קעמפען אין די פלאנדער־פעלדער און איז א פארגוואלטיגונג פון די טראדיציעס פון פרייהיים, צו וועלכער אונזער רעגירונג איז געווידמעט. און זוי עס ווייטער באשלאסען, דאס דארום דרינגען מיר אויף דעם פרעזידענט פון די יונייטעד סטייטס און פון אטארני דזשענעראל און פון קריעגס־סעקרעטער מים דער גאנצער ערנסטקיים, וואס מיר האבען, די נויטווענדיגקיים פון צו באַווילינען א באלדיגע אמנעסטיע צו אלע פאָליטישע און ארביימער ארעסטירטע, וועמעס רעליגיעזע, פאליטישע אדער עקאנאמישע גלויבענס בילדען דעם גרונד פאר זייער פארפאלגונג". עס איז זעלבסטפארשטענדליך, דאס באגריסענדיג אייך, אלס דעם איניציאַטאר, פיהלען מיר אויך צו געבען אונזער גרויסען שבת צו דער סי. על. יו., וועלכע האט זיך ארויסגעוויזען צו שטעהן אויף דער געהעריגער הויך, אננעמענדיג די „רעזאלוציאן און צושטימענדיג צו אלע אנדערע נויטיגע טעטיגקייטען אין דער ריכטונג.

ל. בלעק. איה ר האט געטראפען.

וו. בירענבוים. — פון לעצטען נומער „גערעכטיגקייט" וועט איהר האבען געזעהען, אז די לאגע האט זיך פאלשטענדיג געענדערט. דערפאר איז אייער בריעף איצט נים אם פלאַץ. מיר אבער, פון אונזער זיים, גלויבען, אז די ענדערונג האט נים באדארפט צוגעלאזען ווערען. עס האט באדארפט בלייבען לוים דעם ערשטען באשלוס. אבער וועגען דעם איז איצט נים נויטיג צו ריידען, און הלוואי זאל זיך עס אויסלאזען צום גוטען.

נ. ש. — אייער פארלאנג ערפילט. זעהט לעצטען נומער „גערעכטיגקייט".

קלאוק אפערייטארס יוניאן לאק. 1, א. ל. ג. וו. י.

פראגראם פאר אונזער קאנצערט

מאנטאג (לייבאר דעי) דעם 1טען סעפטעמבער, אין קופער יוניאן.

מיס פלארענס קלעמענט, סאפראנא.
מר. נאום קאסטער, טענאר.
סאלאאיסט פון רוסישען סימפאני ארקעסטער אין קארנעגיע האל.

מר. פ. פיראזשניקאוו, קאנצערטינא.
מר. מארים שווארץ,
דירעקטאר פון אירווינג פליים טעאטער.
מר. וום. דזשוליקען, אויפ'ן פיאנא.

ערשטער טייל:

1. א) לאלא ביי — — דזשאו סעלין
ב) וואן פיין דעי (מאדאם באַטערפליי) — — — פוטשיני
מיסס קלעמענט.
2. א) פאגליאטשי — לעאנקאוואַלא.
ב) אריע, אונא פערטיווע ליגרימא.
ג) מאי קא משמא לן — א. רייזען.
ד) א בריוועלע.
3. ציגיינערווייזע.
מר. פיראזשניקאוו.
4. רעזיטיישאנס,
מר. מארים שווארץ.
5. א פעסט רעדנער.
שטיינוויי פיאנא ווערט גענוצט.

צווייטער טייל.

6. א) אריע פון שמשון און דלילה, סיינט סיינס.
ב) אלי אלי.
ג) אויפ'ן פריפעטשאק, מ. ווארשאווסקי.
מיסס קלעמענס.
7. א) פיקאוואיא דאמא, מ. טשייקאווסקי.
ב) פוירל פישערס, ביזעט.
ג) די אלטע קשיה.
ד) די מיזינקע אויסגעגעבען.
מר. קאסטער.
8. א) דועט, קאוואלערי רוסטיקאנא — מאסענעט.
ב) דועט, מאדאם באטערפליי, פוטשיני.
9. רעזיטיישאן,
מר. מארים שווארץ.
10. א) אידישע פאלקס מאטיוון.
ב) ארענטאלישע פאלקס מאטיוון.
מר. פיראזשניקאוו.

דער קאנצערט פאנגט זיך אן אום 1 אוהר ביימאג שארפ.

טיקעטס צו באקומען פריי אין אונזער אפיס, 236 4טע עוו.

די עקזעקוטיווע פון לאקאל 1

פ. קאטלער, מענעדזשער. מ. וואלבערג, טשערמאן. ס. דזש. רינגער, סעקרעטער.

די פרויען וועלט

פון ראזע בעדריק (בלינדער).

True translation filed with the Postmaster at New York City on Aug. 29, 1919, as required by the Act of Congress approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

אייראפעאישע און אמעריקאנער פרויען אין אן אפענער ארגאניזירטער אפאזיציע צום פאריזער פרידענס-אפמאך און צו די פעלקער-ליגע.

כמעט איינציימיג האבען אויף ביידע זייטען פון'ם אקעאן באקאנטע איינפלוס-רייכע פרויען, פון גאנץ פארשידענע קלאסען און ריכטונגען, אפען ארויסגעטראטען געגען דעם פאריזער פרידענס-אפמאך, וועלכען זיי באצייכענען אלס ברוטאל, אימפעריאליסטיש, אונדעמאקראטיש און, זאגאר, אוממענשליך; און אויך געגען דער געפלאנטער פעלקער-ליגע, וועלכע מוז, לויט זייער מיינונג, פיהרען צו ווייטערע בלוטיגע מלחמות און מאסען-אויסשלאכטונגען.

אין אייראפא איז אט די הויך-פראטעסטירענדע פרויען-שטימע אויפגעהויבען געווארען פון דער „פרויען'ס סאציאליסטישע אינטערנאציאנאלע". די דאזיגע פרויען ארגאניזאציע האט אין אן אפיציעלען מאניפעסט, איבער'ן אונטערשריפט פון דער באריהמטער סאציאליסטישער שרייבערין און לעהרערין, קלארא צעטקין, זיך געווענדעט מיט אן אויפרוף צו די פרויען פון אלע פעלקער, וואס זיינען געווען פארטראטען אויפ'ן פאריזער קאנפערענץ, און זיי אויפגעפאדערט אין נאמען פון גערעכטיגקייט און מענשליכקייט, אויסצונוצען זייער גאנצע מאכט און איינפלוס צו ווירקען, אז דער פאריזער פרידענס-אפמאך זאל פאלשטענדיג און גרינדליך רעווידירט ווערען, אדער, אויב נויטיג, אין גאנצען אומגעענדערט ווערען.

„עס איז די עהרע און פליכט פון אונז, פרויען" — זאגט דער מאניפעסט, — „צו זיין דער אוואנגארד, דער פארקעמפער, אין'ם פעלקער'ס קאמף פאר א באשטענדיגען אלוועלטליכען פרידען, וועלכער וועט מעגליך זיין נאר דאן, ווען די גאנצע איצטיגע סיסטעם פון בלוט, גאלד און שווערד, פון ליגען, רויב און מארד, וועט אומגעשטירצט ווערען; און אן אנדער סיסטעם, א נייע ארדנונג וועט אויפגעשטעלט ווערען, אן ארדנונג וואס וועט זיין געשטיצט אויף גלייכהייט און גערעכטיגקייט צווישען פאלק און פאלק און צווישען מענש און מענש!"

א צווייטער מאניפעסט, ארויסגעלאזט פון די פראנצויזישע סאפראדזשיסטקעס און אונטערגעשריבען פון אייניגע רייכע, אריסטאקראטישע כלל-טוערינס, לעזט זיך כמעט ווי אן אולטימאטום צו דער פראנצויזישער רעגירונג. דער מאניפעסט שטעלט דער רעגירונג די פראגע:

מוזען מיר איצט האבען א רעוואלוציע? האבען מיר ווירקליך דערגרייכט אן עפאכע, ווען רעוואלוציע איז דער איינציגער מעגליכער מיטעל צו קריגען גערעכטיגקייט און פארזיכערען פארטשריט? ביז היינט האבען מיר זיך פון'ם דאזיגען מיטעל אפגעזאגט; מיר האבען קאנצענטרירט אלע אונזערע קרעפטען אויף דער טעטיגקייט פון סאציאלע רעפארמען און פילאנטראפישע ארבייטען. זאלען מיר איצט זיין געצוואונגען צו פארווארפען אונזערע ביז-איצטיגע פרידליכע מעטאדען, און זיך נעהמען צו אן אנדער זארט אגיטאציע, וועלכע איז נאך אלץ נים נאך אונזער געשמאק און געגען אונזער ווילען?

אזוי פרעגט דער מאניפעסט, און ער לאזט וויסען דער רעגירונג, אז איהרע ווייטערע האנדלונגען בנוגע צום פראנצויזישען פאלק בכלל און צו די פראנצויזישע פרויען בפרט וועלען געבען דעם ענטשיידענדען ענטפער אויף דער אויבען-געשטעלטער פראגע...

* * *

צו דער זעלבער צייט האבען אויך די אמעריקאנער פרויען אפען און חויף ארויסגעזאגט זייער מיינונג וועגען דער געפלאנטער פעלקער-ליגע.

א גרופע פראגרעסיווע אמעריקאנער פרויען האבען זיך ארגאניזירט אין אן אקטיווער אפאזיציע צו דער נייער פעלקער-ליגע. אין דיזער ארגאניזאציע, וועלכע טראגט דעם נאמען „אמעריקאנער פרויען געגנערינס צו דער פעלקער-ליגע" (אמעריקאן ווימען אפאזד טו דהי ליגע אוו נייישאנס"), זיינען פארטראטען בעהדערע טרייד-יוניאנס, סאפראדזשיסטישע ארגאניזאציעס און אנדערע פראגרעסיווע פרויען פאראיינען.

אין די לעצטע פאר וואכען האט די דאזיגע נייע פרויען-ארגאניזאציע אפגעהאלטען אייניגע עפענטליכע פארזאמלונגען, אויף וועלכע די ארגאניזאציע האט קלאר געמאכט די אורזאכען פון איהר אפענער שטעלונג געגען דער פעלקער ליגע, און אנגעוויזען ווארום יעדער פראגרעסיווער מענש, מאן אדער פרוי, מוז זיין געגען אט דער פעלקער-ליגע.

„ענדלאזע מלחמות וואלטען ארויפגעזאטעלט געווארען אויפ'ן רוקען פון'ם אמעריקאנער פאלק אויב די פעלקער-ליגע זאל פארווירקליכט ווערען אזוי ווי זי איז איצט געפלאנט! דאס וואלט באטייט געצוואונגענע מיליטער-דיענסט פאר אונזערע יונגע מענער, וועלכע וואלטען געטריבען געווארען צו קעמפען אויף די שלאכטפעלדער אין מלחמות פאר אימפעריאליסטישע צוועקען פון אימפעריאליסטישע דיפלאמאטען!"

די דאזיגע ערקלערונג איז געמאכט געווארען אויף דער לעצטער פארזאמלונג פון דער ארגאניזאציע, וואס איז אפגעהאלטען געווארען אין דעם פארזאמלונג-זאאל פון „האלאנד האוז", מיטוואך, דעם 13טען אויגוסט. די רעדנער אויף יענער פארזאמלונג זיינען געווען: דר. נארמאן טהאמאס, רעדאקטאר פון'ם פראגרעסיווען זשורנאל „דהי ווארלד טומארראו"; מרס. אליוו סטאט גאבריעלס און דזשיימס מעקנארין, ביידע — באקאנטע פיגורען אין דער אמעריקאנער פאליטישער וועלט.

איבער פינף הונדערט פרויען זיינען געווען פארזאמעלט אויף יענעם מיטינג, וועמעס לאזונג איז געווען: קאנסטרוקטיווע אפאזיציע צו דער געפלאנטער פעלקער-ליגע, דורך פאראייניגטער פאליטישער מאכט פון אמעריקאנער פרויען, אפגעוויזען פון אלערליי פארטיי-גרעניצען און פארטיי-פארשיידענהייטען.

די ספעציעלע גרונדען פאר דער געגנערשאפט פון פרויען צו דער געפלאנטער פעלקער-ליגע ווערען פון דער ארגאניזאציע אנגעגעבען און גענוי ערקלערט אין איהר אפיציעלען אויפרוף צו די אמעריקאנער פרויען. דער אויפרוף פון אט דער נייער פרויען-ארגאניזאציע, וועלכער איז דא ניט לאנג פארעפענטליכט געווארען, לעזט זיך אזוי:

„פרויען פון אמעריקא!

„ווילט איהר אז אייערע זיהן, ברידער, מאנען, חתנים און געליעבטע זאלען געשיקט ווערען אין מלחמות ניט צו קעמפען פאר פרייהייט, נאר צו שטיצען טיראני? ווילט איהר אז זיי זאלען געשיקט ווערען צו ליידען און שטארבען אין די וויסטעניסען פון אפריקא, אין די ווילדערנישען פון אזיע, אויף די אייז-פעלדער פון רוסלאנד, ניט פאר דער טובה און דעם נוצען פון אמעריקא, נאר פאר די אינטערעסען פון ענגלאנד, יאפאן און פון דער אינטערנאציאנאלער געלד-מאכט?

„אט דאס וועט געשעהן, אויב אמעריקא זאל אריינטרעטען אין דער פעלקער-ליגע! אט נעמט למשל דעם ארטיקעל צעהן פון דער פארפאסטער קאנסטיטוציע פאר דער געפלאנטער פעלקער-ליגע. דער ארטיקעל זאגט:

„די מיטגליעדער פון דער ליגע נעהמען אויף זיך צו אכטען און אויפצוהאלטען געגען אויסערדיגע אגרעסיעס די טעריטאריעלע גאנצקייט און די עקזיסטירענדע פאליטישע אומאפהענגיגקייט פון אלע מיטגליעדער פון דער ליגע. אין פאל פון אזעלכע אגרעסיעס, אדער אין פאל פון א וועלכער עס איז באדראהונג אדער געפאהר פון אזא אגרעסיע, זאל דער קאונסיל אנווייזען די מיטלען, דורך וועלכע די דאזיגע פארפליכטונג זאל אויסגעפאלגט ווערען."

„דער דאזיגער ארטיקעל באדייט, אז אמעריקא וואלט זיין פארפליכטעט צו העלפען דער בריטישער און יאפאנעזישער אימפעריען אנצוהאלטען זייער בלוטיגען צוואנג אויף די פעלקער, וואס זיי האבען פארשקלאפט. און אויב די פארשקלאפטע פעלקער, ווי קארעא, אינדיא, אירלאנד, עגיפטען אדער זיד-אפריקא, זאלען ווען עס איז זיך אויפהויבען און פאדערען זייער באפרייאונג, וואלטען עכטע און אמת'ע אמעריקאנער זיי געוואלט העלפען. אבער אנשטאט דעם, אויב א וועלכע עס איז נאציאן זאל בלויז אויסדריקען איהר סימפאטיע מיט דעם אדער יענעם פרייהייט-זוכענדען פאלק, קען דאס פון דער ליגע אויסגעטייטשט ווערען אלס א סטראשונאק פון אגרעסיע, און די ליגע קען באפוילען אמעריקא צו שיקען סאלדאטען, טאקע אייערע אייגענע זיהן, ברידער, מאנען און חתנים, צו שיסען און טויטען די מענער פון אירלאנד, אינדיא, קארעא, עגיפטען אדער זיד-אפריקא, און אליין געטויטעט צו ווערען אין אט די ווייטע, פרעמדע לענדער.

„אז מיר וועלען דאס מוזען טאן, — אין דעם איז קיין ספק ניט. מיר וועלען עס מוזען טאן ווען דער קאונסיל פון דער ליגע וועט אונז באפוילען דאס צו טאן. מיר וועלען דאך מיט אונזער אריינטרעטען אין דער ליגע האבען גענומען אויף זיך די דאזיגע פארפליכטונג.

„אבער דער ארטיקעל צעהן איז בלויז איינער פון 26 ארטיקלען אין דער קאנסטיטוציע פון דער ליגע. יעדער איינער פון די ארטיקלען קען אריינשלעפען אמעריקא אין יעדע מלחמה וואס וועט אויסברעכען וואו עס ניט איז אויף דער וועלט, אויב דאס זאל נאר זיין דער ווילען פון דער ליגע'ס קאונסיל.

„און אט דער קאונסיל, וואס וועט האלטען זיינע זיצונגען אין זשענעווא, אין דער שווייץ, וועט באשטעהן פון ניין מענשען: זעקס אייראפעער — אלע, אויסער איינעם, באשטימט פון קעניגע; איין יאפאנעזער, באשטימט פון'ם מיקאדא; איין בראזיליאנער; און בלויז איין אמעריקאנער. און יעדען פון אונז איז שוין גוט באקאנט ווי גיך אמעריקאנער דיפלאמאטען, ארומגערינגעלט פון „לארדען" און „אדעלינגע", פארלירען זייער אמעריקאניזם. אויב דער קאונסיל פון דער ליגע קען זיך אין א געוויסער פראגע ניט אייניגען, געהט די פראגע אריבער צו דער ליגע'ס אסעמבלי, וואו די בריטישע אימפעריע האט 6 שטימען, און די פאראייניגטע שטאאטען, ניט האבענדיג קיינע קאלאניעס און קיין קאלאניאלע פארטרעטער, האט בלויז איין שטימע.

„די דאזיגע ליגע באטייט דאריבער פאר אונז אן ענדלאזע מלחמה, וועמענס הוצאות וועלען טרייבען אונזערע לעבענסקאסטען העכער און העכער, און אין דער זעלבער צייט וועט די באשטענדיגע געצוואונגענע מיליטער-דיענסט צוברעכען אייערע היימען און פארשיקען אייערע קינדער צו שטארבען און פארפוילט צו ווערען אין פרעמדע לענדער.

„עס ווערט פארשפרייט דער ליגען, אז אמעריקאנער פרויען שטיצען די דאזיגע „פעלקער-ליגע". אייניגע פרויען-ארגאניזאציעס האבען די ליגע גוט געהייסען איידער זיי האבען געלעזענט איהר קאנסטיטוציע, אבער דאס איז געווען דערפאר, וואס זיי האבען נאך ניט געהאט דורכשטודירט די אלע פונקטען פון דער ליגע'ס קאנסטיטוציע, און זיך איבערצייגט, אז די ליגע, ווי זי איז געפלאנט, איז א זאך, וואס וועט און מוז פיהרען צו מעהר מלחמות, מעהר אומגליק און פארוויסטונג.

„מיר פאדערען דאריבער אויף, אייך, פרויען, אז איהר, וואס האט די מאכט פון שטימרעכט אין אייערע הענד, זאלט זעהן צו טויטען אט דעם מאנסטער, וואס הייסט „פעלקער ליגע"!

„טוט עס איצט, טוט עס שוין! לעגט ניט אפ אויף שפעטער! ארגאניזירט זיך, שרייבט צו אייערע סענאטארען אין וואשינגטאן, און לאזט זיי וויסען, אז איהר פאדערט פון זיי נידערצושטימען דעם פלאן פון אט דער אונאמעריקאנישער ליגע פון קריעג!"

אמעריקאנער טרייד יוניאניסטקעס רופען אן אינטערנאציאנאלען קאנגרעס פון ארבייטער פרויען.

דעם 18טען אויגוסט האבען די אמעריקאנער טרייד-יוניאניסטקעס ארויסגעשיקט א רוף צו אלע ארבייטער פרויען איבער דער גאנצער וועלט, און זיי איינגעלאדען צו אן אינטערנאציאנאלען ארבייטער פרויען קאנגרעס, וועלכער זאל זיך צוזאמענקומען אין וואשינגטאן ארום 23טען אקטאבער.

דאס וועט זיין דער ערשטער אינטערנאציאנאלער פרויען ארבייטער קאנגרעס אין דער וועלט-געשיכטע. 34 לענדער, פון אלע עקען פון דער וועלט, זיינען געלאדען געווארען צו שיקען דעלעגאטען פון זייערע ארבייטער-פרויען ארגאניזאציעס צו דיסקוטירען די נייע-ענטשטאנענע ארבייטער-פראבלעמען בכלל און די ספעציעלע פרויען-ארבייטער פראבלעמען בפרט.

דער הויפט צוועק פון'ם דאזיגען פרויען קאנגרעס, און פון זיין גערופען ווערען זיך צונויפצוקומען אין וואשינגטאן ניט שפעטער ווי פרום דעם 28טען אקטאבער, איז דאס, וואס אזוי ווי דעם 29טען אקטאבער וועט אין'ם זעלבען וואשינגטאן זיך צונויפקומען דער אינטערנאציאנאלער ארבייטער קאנגרעס, וואס ווערט גערופען אויף דער איניציאטיווע פון פרעזידענט ווילסאן, און אזוי ווי אין'ם דאזיגען קאנגרעס וועלען זיין זעהר ווייניג, אדער כמעט גאר קיין פרויען-דעלעגאטען, און אזוי ווי אהן א גענוגענדער פרויען-פארטרעטערשאפט קענען די אינטערנאציאנאלע פרויען-ארבייטער ניט ערווארטען, אז זייערע ספעציעלע אינטערעסען זאלען קריגען גענוג אויפמערקזאמקייט און ערנסטע באטראכטונג, האט דאריבער די אמעריקאנער „נעשאנאל ווימענס טרייד יוניאן ליגע" אויף זיך גענומען די איניציאטיווע און ארויסגעשיקט צו אלע פרויען-ארבייטער אין אלע עקען וועלט אן ערנסטען און דרינגענדען רוף זיך צונויפצוקומען אין וואשינגטאן אויף א ספעציעלען און אויסשליסליכען פרויען-ארבייטער-קאנגרעס, מיט א וואך פאר דער ערעפנונג פון'ם דערמאנטען אלגעמיינעם אינטערנאציאנאלען ארבייטער קאנגרעס.

די פארנאנדערגעשיקטע איינלאדונגען צום פרויען-ארבייטער קאנגרעס זיינען אונטערגעשריבען פון מיס מערי ענדערסאן, סעקרעטערין פון דער „נעשאנאל ווימענס טרייד יוניאן ליגע". מיס ענדערסאן איז איצט אויך דירעקטארין פון דעם פרויען ביורא פון'ם „יונייטעד סטייטס לייבאר דעפארטמענט".

איינלאדונגען זיינען געשיקט געווארען צו ארבייטער-ארגאניזאציעס אין פאלגענדע לענדער: גרויס בריטאניען, פראנקרייך, האלאנד, דענעמארק, נארוועגיען, שוועדען, די שווייץ, שפאניען, איטאליען, פארטוגאל, רומעניען, סערביע, בעלגיום, פוילען, טשעכא-סלאוואקיע, קאנאדא, אלע צענטער-אמעריקאנער און זיד-אמעריקאנער רעפובליקען, ניי-זעעלאנד, זיד-אפריקא און יאפאן.

מאקס לעווין ווערט א פאלים מעדזשיסטרייט

עקס-אלדערמאן מאקס לעווין, פון דער דעמאקראטישער פארטיי, איז לעצטע וואך פון מעיאר היילאן באשטימט געווארען אלס פאלים מעדזשיסטרייט אויף צעהן יאהר צייט. עס ווערט ערווארטעט, אז דער נייער ריכטער וועט זיצען די ערשטע פאר מאנאטען אין עסעקס מארקעט קאורט אויף צווייטע סטרים און סעקאנד עוועניו.

מאקס לעווין איז איינער פון די לאיערס פון דער קלאוקמאכער יוניאן און פון אנדערע אידישע יוניאנס.

מאקס לעווין האט אויך פיעל געהאלפען דער קלאוקמאכער יוניאן אין דער צייט פון דעם סולקעס מארד-פראצעס, ווען זיגמאן, מעץ, וואולף און נאך פיער אנדערע קלאוקמאכער זיינען אנגעקלאגט געווען אין „מארד ערשטען גראד". די קייס איז דעמאלט געפיהרט געווארען פון איבערהעם ליווי, מאריס הילקוויט און מאקס לעווין. מאקס לעווין האט זיך אין דער קייס פיעל אויסגעצייכענט מיט זיין ארבייט, און ער איז דורכדעם גאנץ באליעבט געווארען צווישען די קלאוקמאכער, ניט אכטענדיג אויף דעם וואס ער איז פארבליבען א דעמאקראט, ווי געוועזען.

מאקס לעווין איז גום באקאנט מיט די אידישע יוניאנס בכלל. לאמיר האפען, דאס אלס דזשאדזש וועט ער פונקט אזוי פריינדליך זיין צו די אידישע ארבייטער, ווי ער איז דאס געווען אלס לאיער.

א פעהלער אויסבעסערונג

דורך א מיספארשטענדניס איז אין לעצטען נומער „גערעכטיגקייט" געדרוקט געווארען אין דעם באריכט פון דעם עקזעקוטיוו באארד-מיטינג פון לאקאל 25 וועגען א העכערונג אין די פרייזען און וועגען נאך אנדערע זאכען, וועלכע זיינען נאך ניט באשלאסען געווארען.

די גאנצע פראגע איז יעצט אין די הענד פון א ספעציעלער קאמיטע, וועלכע האלט אין אויסארבייטען א באשטימטען פלאן אין דער אנגעלעגענהייט. ווען מיר וועלען קומען צו באשטימטע באשלוסע, וועלען מיר דאס פארעפענטליכען, און די מיטגליעדער וועלען דאן קענען אויסדריקען זייער מיינונג.

אכטונגספאל,

עקזעקוטיוו באארד לאקאל 25.

דער

ארבייטער רינג

איז דער מעכטיגסטער און גרעסטער אידישער ארבייטער ארדען אויף דער וועלט.

דער ארבייטער רינג איז דער איינציגער אידישער ארדען, וואס האט אן אייגענעם סאניטאריום פאר זיינע קאנסאמפטיוו מעמבערס.

דער ארבייטער רינג איז ניט בלויז אן ארדען, נאר אויך א געזעלשאפטליכער צענטער אין דער ארבייטער באוועגונג.

די יוניאן שטיצט אייך אין אייער עקאנאמישען קאמפף. — דער ארבייטער רינג איז א פריינד צו זיינע מעמבערס אין נויט און אין פרייד.

מעמבערס ווערען אריינגענומען אין דער עלטער פון 18 ביז 45 יאהר.

די ארבייטער באוועגונג איז דער פעלז אויף וועלכען דער טעמפעל פון דער צוקונפט וועט געבויט ווערען.

דער ארבייטער רינג איז איינער פון די פעלזען.

אויב איהר זייט נאך ניט קיין מעמבער, שליסט זיך גלייך אן!

נאך אויסקינפטע זיך ווענדען:

THE WORKMEN'S CIRCLE, 175 E. B'WAY, N. Y.

קאפ שמערצען

קומט פון א שלעכטען מאגען

עקס־לאקס

קורירט ביידע קראנקהייטען צוזאמען

10, 25 און 50 סענט א באקס, אין אלע דראג סטארס

זומער יוניטי הויז פון לאקאל 25 וועט זיך שליסען דעם 15טען סעפטעמבער

צוליעב מאנגעל אין פלאץ וועלען

פאר לייבאר דעי

אויפגענומען ווערען

בלויז מיטגליעדער פון לאקאל 25

אין דער יוניטי הויז ווערען אויפגענומען בלויז די מיטגליעדער וואס האבען רעדזשיסטריישאן קארדס. די וואס מען אהן אזעלכע קארדס וועלען זיכער צוריקגעשיקט ווערען.

רעדזשיסטרירט אייך גלייך אין אפיס פון דער יוניאן 16 וועסט 21טע סטריט

די יוניטי קאמיטע.

4 וואכען מוזט איהר האבען אום הנאה צו האבען פון אייער וואקיישאן

גוטע, געזונטע לופט, שעהנע געגענד, גוטע, פרישע און געשמאקע עסענס, באקאנטע און אנגענעהמע געזעלשאפט.

דאס אלעס זיינט איהר זיכער צו האבען ווען איהר פאהרט אויף אייער וואקיישאן צו אייער באקאנטען

A. ELLNER & M. WANGEL'S FLEISCHER HOUSE

דער פלאץ געפינט זיך אין שעהנסטע און העכסטע מאונטיין געגענד. די הויז און קאטעדזשעס זיינען איינגעפיקסט מיט אלע מאדערנע אימפרואוומענטס, געפינט זיך בלויז 10 מינוטען גאנג פון סטיישאן, אייגענע קיה טשיקענס און גארטען וואס סופלייט אין גאנצען דאס מילכיגע, פלייש, אייער און וועדזשעטייבעלס. די עסענס ווערען געקאכט פון אן עקספערט שעף. פיעלע־אמיוזמענטס, בייטהינג און פישינג, דענס האל, פול און ביליארד קאסינא, מיוזיק ביי די מאהלציימען, טענים קאורט, לייבערערי, א. ז. וו.

פאר פאלשטענדיגע צופריעדענהייט גאראנטירט דער מענעדזשינג פראפרייעטאר, א. עללנער. פאר מעהר איינצעלהייטען אדרעסירט צו

A. ELLNER, FERNDALE, SULLIVAN COUNTY, BOX B.

די יוניאן־קאאפעראטיוו סאסייעטי

לאקאל 35 א. ל. ג. וו. יוניאן

פערקויפט אויסשליסליך

וזייט לילי טהעע

קאלאמביא טהעע

צוועטאטשני טשאי

טעלעפאן גרעמערסי 2441

די לענארד פרעס

42 איסט 23טע סטריט, נ.

י. קראוז

בעדזשעס און בענערס

פאר יוניאנס, סאסייעטיס און ס. פ. בר.

סטריקטלי יוניאן ארבייט.

134 קלינטאן סטריט. ניו יארק

טשאטהאם פרינטינג קא.

2 איסט בראדוויי

קריגט אונזער עסטימייט.

A. DELBON

פיקסט און שארפט שערס.

90־484 6טע עוועניו,

ניו יארק.

צווישען 29טע און 30טע סטריט.

צו אלע סעקרעטערע פון אונזערע לאקאלס

אלע ענדערונגען אין די אדרעסען ווי אויך אלע אדרעסען פון נייע מעמבערס זאלען צוגעשיקט ווערען צום רעקארד־דעפארטמענט אויף די ספעציעלע סליפס, וועלכע ווערען צוגעשיקט צו אייך.

ענדערענדיג א מעמבער'ס אדרעס מוזט איהר אבער אנגעבען זיין געוועזענעם אלטען אדרעס. דאס איז נויטיג כדי צו פארמיידען אומזיסטע ארבייט פאר אייך און פאר אונז און אויך כדי־צו האבען א בעסערען קאנטראל איבער אונזער מיילינג־ליסט. עליאס ליבערמאן, מענעדזשער.

קלאוק און סקוירט פרעסערס יוניאן לאקאל 35 אויפמערקזאם!

אלע פרעסערס זיינען אויפגעפאדערט מעהר ניט צו געהן סיי אין פארק און סיי אין 5טע עוועניו. אלע די וועלכע זוכען דזשאבס זאלען זיך קומען רעדזשיסטרירען אין דער יוניאן.

די מעמבערס, וואס וועלען זיך ניט רעדזשיסטרירען, וועלען ניט קריגען קיין קארדס צו געהן צו דער ארבייט.

עקזעקוטיוו באארד אף לאקאל 35

דזש. ברעסלאוו, מענעדזשער.

לעזער פון „גערעכטיגקייט", פאטראניזט אונזערע אדווערטייזער!

קאנגרעס באפרייט דיס־טשארדזשטע סאלדאטען פון צאהלען פאר סיטיזען פייפערס.

דער אמעריקאנער קאנגרעס האט אנ־גענומען א נייעם געזעץ וועגען נאטורא־ליזיישאן, וועלכער איז אונטערגעשריבען געווארען פון דעם פרעזידענט דעם 19טען דזשולאי און וועלכער איז שוין אריין אין קראפט.

דיעזער געזעץ באציהט זיך וועגען נא־טוראליזיישאן פון דיסטשארדזשעטע סאל־דאטען, וועלכע האבען געדיענט אין דער אמעריקאנער ארמיי און נייווי, דורך דער צייט פון דער לעצטער אייראפעאישער קריעג. לויט דעם נייעם געזעץ, וועלען די יעניגע, וועלכע האבען געדיענט אין דער אמעריקאנער ארמיי און נייווי און וועלכע זיינען עהרענהאפט באפרייט געווארען פון דיענסט קענען ווערען בירגער פון די פאר־איינינגטע שטאאטען פון אמעריקא, ניט האבענדיג קיין 1טע פייפערס און ניט זייענדיג געצוואונגען צו צאהלען די גע־וועהנליכע 4 דאלאר.

אויסער דעם וועלען די דיסטשארדזש־טע סאלדאטען ניט דארפען צושטעלען קיין באווייזע וועגען זייער אנקומען אין אמעריקא, ווי מען פלעגט עס פארלאנגען ביז יעצט.

אלעס וואס א דיסטשארדזשטער סאל־דאט דארף טאן צו ווערען א בירגער, איז אויסצופילען אן אפליקיישאן אין דעם אפיס פון דער נעטשוראליזיישאן אייד ליעג, וועלכער געפינט זיך אין „פאר־ווערטס" בילדינג, 175 איסט בראדוויי, און וועלכער ווערט געהאלטען אפען יעדען טאג, אויסער זונטאג, פון 1 בייטאג ביז 9 אוהר אין אבענד, מיטנעהמען צוויי וויטנעס, וועלכע קענען דעם באטרעפענ־דען, און זיינע דיסטשארדזש פייפערס און אין דעם זעלבען טאג וועלען ארויסגעגע־בען ווערען די סיטיזען פייפערס.

דיעזער נייער געזעץ יועט זיין אין קראפט אין פארלויף פון איין יאהר צייט, פון דעם טאג, ווען אלע אמעריקאנער סאלדאטען וועלען זיין צוריק פון אייראפא.

זאלען אלע אידישע סאלדאטען און סיילארס, וועלכע זיינען עהרענהאפט בא־פרייט געווארען, באנוצען זיך מיט דעם נייעם געזעץ און ווערען בירגער פון דיזען לאנד.

דער אפיס פון דער נעטשוראליזיישאן אייד ליעג וועט באהילפיג זיין די יעניגע, וועלכע וועלען זיך ווענדען אין דעם אפיס פון דער ליעג.

קלאוק פינישערס יוניאן, לאקאל 9

ספעציעלע סעקשאן מיטינגען

וועלען ווערען אפגעהאלטען

זונטאג מיטוואך, דעם 3טען סעפטעמבער

דאון טאון — פלארענס בילדינג, 2טע עוועניו און 1טע סט.
הארלעם — ארבייטער רינג בילדינג, 143 איסט 103 טע סט.
בראנקס — לאנדאן קאסינא, 3875 3טע עוועניו.

דער לײדיעס ברענטש וועט מיטען דאנערשטאג אבענד, דעם 4טען סעפטעמבער, אין אונזער אפיס בילדינג, 228 2טע עוועניו.

דער בראנזווילער סעקשאן, שבת, דעם 6טען רעפ־טעמבער, אין לייבאר לייסעאום.

ביי די בראנקסער און לײדיעס ברענטש וועט פאר־האנדעלט ווערען די פראגע פון העכערען די דיוס. עס איז די פליכט פון אלע מעמבערס צו קומען און מאכען דעם מיטינג סוקסעספול.

עקזעקוטיוו באארד לאקאל 9

דזש. האלפערן, מענעדזשער.

לײדיס טײלארס און אלטערײשאן ארבײטער

זייט גרייט צו דעם

מאנסטער מאסס-מיטינג

(בעפאר דעם דזשענעראל סטרייק)

מאנטאג, 8טען סעפטעמבער, 6 אוהר אבענד אין מענערקאר האל, 203־7 איסט 56טע סט.

קארנער 3טע עוועניו.

וואו דער ענטפער פון די בעלי בתים וועגען אייערע פאדע־רונגען, ווי א 44 שטונדען ארבייטס וואך און א 50 דאלאר מי־נימום סקייל, וועט רעפארטעט ווערען.

די פאלגענדע פראמינענטע רעדנער וועלען אדרעסירען:
אב. בעראף, סעק. טרעזשורער א. ל. ג. וו. י.
האן. דזשאדזש דזשייקאב פענקין.
מאקס פיין, סעקרעטער פון די געווערקשאפטען.
עלמאר ראזענבערג, וויס פרעזידענט א. ל. ג. וו. י.
ש. יאנאווסקי, רעדאקטאר פון די „גערעכטיגקייט".
ארטורא דזשיאוואניטי, סעקרעטער איטאליען טשעמבער און לייבאר.
סעמועל לעפקאוויטץ, אינטערנעשיאנעל וויס פרעזידענט, וועלכער איז אי־מער אונזער הויפט אנפיהרער פון אונזערע קאמפיינס, וועט זיין פאר־זיצענדער פון היסטארישען מיטינג.

עקזעקוטיוו באארד לאקאל 80

ה. הילפמאן, סעקרעטער.

שאפ-טשערליטע און קלאוקמאכער

אויפמערקזאם!

ברידער! ערלויבט קיינעם ניט ארויפקו־מען ארבייטען אין די שעפער אהן א ווארקינג קארד פון דער יוניאן.

יעדער איינער וועלכער קומט ארויף צו דער ארבייט מוז האבען א ווארקינג קארד פון זיין לאקאל, אנצייגענדיג דעם נאמען פון דער פיר־מא וואו ער נעהמט ארבייטען.

מיר פאדערען אויף די שאפ טשערלייטע אויפצופאסען אויף דיעזען באשלוס, ווייל די דזשאינט באארד וועט פאזי־טיוו אייך האלטען פאראנטווארטליך פאר איבערטרעטען דיעזען געזעץ.

מיר מאכען אייך אויפמערקזאם אונזערע מעמבערס, דאס נאך דעם 15טען אויגוסט וועט אין קיין שאפ ניט ער־לויבט ווערען צו ארבייטען מעהר ווי 8 שטונדען א טאג. די ארבייטער פון די שעפער וועלען דארפען ארבייטען 5 טעג א וואך צו 8 שטונדען, דעם זעקסטען טאג ניט מעהר ווי 4 שטונדען.

ארבייטער וועלכע ארבייטען ניט שבת, וועלען קא־נען ארבייטען די 4 שטונדען אום זונטאג.

וועגען אווערטיים איז פאלגענדעס באשלאסען געווא־רען:

איין (1) שטונדע א נאכט אווערטיים איז ניט ערלויבט צו ארבייטען

אווערטיים מוז באשטעהן פון 2 שטונדען אדער 2 און א האלב שטונדען א נאכט.

און מעהר פון 10 שטונדען אווערטיים דורך דער וואך טאר ניט געארבייט ווערען

שאפ טשערלייטע און קלאוק מאכער! דיעזע באשלי־סע מוזען אומבאדינגט אויסגעפיהרט ווערען. מיר פאדערען אייך נאך אמאל אויף צו פארלאנגען ווארקינג קארדס ביי יעדען איינעם וואס קומט ארויף צו דער ארבייט.

היט אפ דעם געווינס פון דעם 8 שטונדיגען אר־בייטס טאג!

דזשאינט באארד קלאוק סקירט און ריפער מאכער יוניאן.

ל. לאנגער, סעק.



בארנעט ל. בעקער

אפטאמעטריסט און אפטישען

215 East Broadway
1709 Pitkin Ave., Brooklyn
100 Lenox Avenue
895 Prospect Ave., Bronx

GERECHTIGKEIT — (JUSTICE)

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפנה (איוב, כ"ז, 6).
אָן מיין גערעכטיגקייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט אפ־לאזען.

„מיר ווילען, מיר מוזען זיין גערעכט אפילו צו די, צו וועמען עס גלוסט זיך אונז צו זיין אונגערעכט".
וואודראו ווילסאן.

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל ליידיעס גארמענט וואירקערס יוניאן

Vol. I. No. 34. | New York, Friday, Sept. 5, 1919. | פרייטאג, דער 5טער סעפט. | PRICE 3 CENTS

סטרייק פון די נויארקער ליידיס טיילארס דערנעהנטערט זיך

מאנטאג אווענד וועט זיין א מאנסטער מאס־מיטינג אין מענער כאר האל, 203 איסט 56טע סט. — אויף דעם מיטינג וועט ענטשיידען ווערען וועגען א גענעראל־סטרייק אין דער אינדוסטריע.

מאנטאג, דעם 1טען סעפטעמבער, האט זיך געענדיגט דער אגרימענט צווישען די ניו יארקער ליידיעס טיילארס און אלטעריישאן שניידער יוניאן לאקאל 80 און זייערע בעלי בתים, און צו דער געלעגענהייט פון דער באנייאונג פון דעם אגרימענט, האט די יוניאן ארויסגעשטעלט נייע פאדערונגען. די הויפט־פאדערונגען זיינען, ווי מיר האבען שוין געמעלדעט לעצטע וואך, וואך־ארבייט, א 44 שטונדיגע ארבייטס־וואך און א מינימום וויידזש סקייל פון 50 דאלאר א וואך.

די ליידיעס טיילאר באסעס האבען איצט ניט קיין אסאסיאיישאן, מיט וועלכער די יוניאן זאל קענען האנדלען קאלעקטיוו, און דער אגרימענט, באזירט אויף די נייע פאדערונגען, איז דעריבער צוגעשיקט געווארען צו יעדער ליידיעס טיילאר פירמע פון גרויס ניו יארק און פון יעדער פירמע ווערט באזונדער ערווארט אן ענטפער.

דעם מאנטאג אווענד, דעם 8טען סעפטעמבער, וועט די יוניאן אפהאלטען א גרויסען מאס־מיטינג אין מענער כאר האל, 203 איסט 56טע סט. דער מיטינג וועט זיך אנפאנגען פונקט 6 אזייגער פארנאכט און עס וועט דארט אפגעגעבען ווערען א באריכט וועגען דעם ענטפער פון די בעלי בתים אין באצוג צום אגרימענט און די נייע פאדערונגען. און קיים וועט דער ענטפער פון די בעלי־בתים ניט זיין קיין גינסטיגער, וועלען די אנוועזענדע מיטגליעדער זיכער באשליסען צו רופען א גענעראל־סטרייק צו צווינגען די ליידיעס טיילאר באסעס די פאדערונגען פון די ארבייטער נאכצוגעבען.

אויף דעם מאס־מיטינג וועלען, נאטירליך, אויך געהאלטען ווערען רעדען און די פאלגענדע באוואוסטע רעדנער וועלען דעם מיטינג אדרעסירען: ש. יאנאווסקי, רעדאקטאר פון דער „גערעכטיגקייט"; סעקרעטער אב. באראף; דזשאדזש דזשייקאב פענקין; מאקס פיין, סעקרעטער פון די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען; וויים פרעזידענט עלמאר ראזענבערג און דער באוואוסטער איטאליענישער אגיטאטאר, ארטורא דזשיאוואניטי. דער טשערמאן פון דעם מיטינג וועט זיין וויים־פרעזידענט סעמועל לעפקאוויטש, דער הויפט־פיהרער פון דעם גאנצען קעמפיין.

די ליידיעס טיילארס יוניאן מאכט איצט א באזונדער אנשטרענגונג צו ארגאניזירען די אלטעריישאן־שניידער פון די דעפארטמענט סטארס און די ליידיעס טיילארס וואס ארבייטען אין די ברוקלינער שעפער. די ליידיעס טיילארס יוניאן איז איצט פעסט ענטשלאסען צו העלפען די אלטעריישאן שניידער פון די דעפארטמענט סטארס ארויסצוגעהן פון דער שקלאפעריי, אין וועלכער זיי געפינען זיך! דיעזע ארבייטער, כאטש זיי זיינען טיילווייז די זעלבע קינסטלער ווי די ליידיעס טיילארס, ארבייטען אבער אונטער א סך ערגערע באדינגונגען. די ליידיעס טיילארס יוניאן איז איצט פעסט ענטשלאסען, דאס אין דעם גאנצען פאך זאל זיין איין סטאנדארד, די זעלבע ארבייטס־באדינגונגען פאר אלעמען, פאר אלע ארבייטער, וואס זיינען באשעפטיגט אין דער אינדוסטריע, צו זיי ארבייטען אין א שאפ אדער אין א דעפארטמענט סטאר, אין ניו יארק אדער אין ברוקלין. און עס איז צו האפען, דאס די אלטעריישאן שניידער וועלען זיך באנוצען מיט דער געלעגענהייט, וואס די יוניאן גיט זיי איצט זיך צו פארבעסערען די לאגע.

די זעלביגע געלעגענהייט האבען איצט אויך די ליידיעס טיילארס און אלטעריישאן שניידער, וועלכע ארבייטען אין ברוקלין. זאלען זיי איצט אלע אריינקומען אין דער יוניאן און צוזאמען, מיט פאראייניגטע קרעפטען, זיך פארבעסערען די לאגע.

וועלען זיי דאס טאן? מיר האפען אז יא.

אינטערנעשאנאל ארגאניזאציאנס ארבייט אין ניו יארק

א חוץ די ארגאניזירטע טריידס אין דער ליידיס גארמענט אינדוסטרי פון ניו יארק, זיינען נאך דא פאראנען מאנכע ברענטשעס וואס זיינען נאך ניט ארגאניזירט. פיעלע טויזענדע ארבייטער, מענער און פרויען, זיינען אין יענע ברענטשעס באשעפטיגט.

עס איז אמת, אז דורך דעם וואס אין די ארגאניזירטע טריידס ווערט געהעכערט דער סטאנדארד פון שכירות, דורך די קעמפע פון די ארבייטער אין דיזע טריידס, האט דאס אינדירעקט א ווירקונג אויף אויף יענע טריידס וואס זיינען ניט ארגאניזירט און אויך דארט ווערט דער סטאנדארד פון פרייזען אייניגער מאסען געהעכערט. דאך אבער, די ארבייטער פון די ניט־ארגאניזירטע טריידס בלייבען אלץ הינטערשטעליג. זייערע פארדינסטען בלייבען אלץ קלענער, און זייערע ארבייטס־שטונדען לענגער, ווי אין די ארגאניזירטע טריידס. און עס פרעגט זיך: ווארום זאלען אויך דיזע ארבייטער ניט זיין ארגאניזירט און האבען די זעלבע ארבייטס־באדינגונגען ווי די ארבייטער פון די אנדערע צווייגען אין דער ליידיס גארמענט אינדוסטריע וואס זיינען ארגאניזירט?

דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד פון אונזער אינטערנעשיאנאל האט געענטפערט אויף דער פראגע גאנץ פראקטיש. נעמליך, אנצושטעלען געניג ארגאנייזער צו העלפען די ארבייטער פון די צוריקגעשטאנענע צווייגען אין דער אינדוסטריע זיך ארגאניזירען. דאס ווערט איצט געטאן ניט בלויז אין ניו יארק, נור איבער'ן גאנצען לאנד אומעדום וואו עס זיינען באשעפטיגט ארבייטער אין דער ליידיס אינדוסטריע און זיי זיינען ניט ארגאניזירט.

וואס אנבעלאנגט אין ניו יארק גופא, האבען מיר שוין לעצטע וואך געמעלדעט, דאס ברודער מאיר וויינשטיין, דער גע־

טאראנטא'ער קלאוק מאכער סטרייק

סעקרעטער אב. באראף איז לעצטע וואך געווען אויף א באזוך אין טאראנטא, קענעדע, און האט דארט אדרעסירט די סטרייקענדע קלאוקמאכער. ווי ברודער באראף גיט אונז איבער, זיינען די סטרייקער דארטען פונקט אזוי מוטיג און קאמפפס־לוסטיג, ווי דער סטרייק וואלט ערשט נעכטען אויסגעבראכען! די סטרייקער — זאגט ער — זיינען פול מיט מוט; קיין סקעבס זיינען ניטא אפילו אויף א רפואה, און די סטרייקער זיינען פעסט ענטשלאסען צו קעמפפען אזוי לאנג ביז די איינגעשפארטקייט פון די בעלי בתים וועט דארט ענדליך געבראכען ווערען.

ווי די לאגע פון דעם סטרייק איז דארט יעצט, האט זיך דער גאנצער קאמף קאנצענטרירט כמעט ארום איין פונקט: וועגען דער אנערקענונג פון דער יוניאן. די אומפארשעהמטע באסעס טענה'ן העכסט היפאקריטיש, אז נעגען יוניאנס האבען זיי אייגענטליך גארניט אויסצוזעצען. מעהר ניט מיט דער קלאוקמאכער יוניאן ווילען זיי ניט האנדלען.

זייער אונפארשעהמטקייט געהט נאך ווייטער; זיי זאגען גאנץ אפען, דאס זיי זיינען צופרידען צו פארהאנדלען מיט א קאמיטע פון יעדען שאפ באזונדער. זיי זעהען ניט איין, טענה'ן זיי היפאקריטיש, צו וואס די קלאוקמאכער אין טאראנטא דארפען האבען א י י ן גרויסע יוניאן. זאלען זיך, שלאגען זיי פאר, די ארבייטער פון די שעפער מאכען באזונדערע יוניאנדלאך און מיט דיזע שאפ־יוניאנס וועלען זיי האנדלען.

אין אנדערע ווערטער הייסט עס, דאס די דארטיגע באסעס ווילען ליבערשט האנדלען מיט שאפ־קאונסילס, איידער האבען צו טאן מיט איין קלאוקמאכער־יוניאן! פאר שאפ־יוניאנס האבען זיי קיין מורא ניט, אבער איין קלאוקמאכער יוניאן שטעקט זיי ווי א ביין אין האלז, ניט אויסצושפייען און ניט ארונטערצושלינגען!

די דארטיגע סטרייקער פארשטעהען אבער אויסגעצייכענט די היפאקריטישע רייד פון די בעלי בתים. זיי ווייסען גוט וואס די באסעס מיינען, ווען זיי זאגען, אז זיי זיינען „צופרידען צו פארהאנדלען מיט באזונדערע שאפ־קאמיטעס" און זיי זיינען פעסט ענטשלאסען צו סטרייקען ביז דיעזע באסעס וועלען מוזען פארהאנדלען מיט די ווירקליכע פארשטעהער פון די ארבייטער, מיט די בעאמטע פון דער קלאוקמאכער יוניאן.

עס איז כדאי צו באמערקען, דאס סעקרעטער באראף האט אין טאראנטא באקומען א זעהר שעהנע און ווארימע אויפנאהמע ניט נאר פון די סטרייקער, זאנדערן אויך פון דער פרעסע אין יענער שטאדט. די צייטונגען דארטען האבען וועגען זיין באזוך געהאט ארטיקלען מיט גרויסע קעפ און דאס האט דעם סטרייק געמאכט נאך פאפולערער און לעבעדיגער ווי ער איז עס געווען ביז איצט.

אינהאלט־פארצייכניס

נומער 34 „גערעכטיגקייט".

זייט 2. דער קומענדער מעמבער מיטינג פון לאקאל 1 — פ. קאטלער.
זייט 3. וויכטיגע פאסירונגען אין דער ריפער מאכער יוניאן, לאקאל 17 — דזש. העללער. באסטאנער נאטיצען — דזש. ווייט און ב. קורלאנד.
זייט 4. ארגאניזאציאנס ארבייט אין קאנעקטיקוט סטייט — סאול זיידמאן. דריי עקזעקוטיוו באארד מיטינגען פון לאקאל 25 — י. שעהנהאלץ.
זייט 5. טרייד און ארגאניזאציאנס פראגען— א. באביטש און יעקב בליימאן. דער מיטינג פון דזשאינט באארד פון דער קלאוקמאכער יוניאן — ל. לאנגער.
זייט 6. דער לעצטער קאמף — דזשוליעס ס. פוינטץ.
זייט 7. די ליידיס טיילארס יוניאן אמאל און היינט — ל. סאלאוויאף. ברוועלאך פון פילאדעלפיא — א. קראפעוועץ.
זייט 8. דער קוש (ערצעהלונג) — טאמאס קראג. אידיש — זישא לאנדוי.
זייט 9. וואס הערט זיך אין דער טשילדרענס דרעסמייקערס יוניאן. — ה. גרינבערג.
זייט 10. פון רעדאקטארס נאטיץ ביכעל.
זייט 11. די אמעריקאן פעדעריישאן או לייבאר — ש. יאנאווסקי.
זייט 12. דער פלאמב פלאן פאר די ריילראודס — נ. בוכוואלד. אין דער לופטען (פעליעטאן) — א. וואהלינער.
זייט 13. קאנגרעסליים מיט יוניאן ביכלאך אין קעשענע — ב. מיימאן.
זייט 14. א ווערטער־בוך פאר קבצנים (געדיכט) — א. ל. וואלפסאן. נו, א וואך! — דר. ק. לעא.
זייט 15. בעני — אברהם ליב שווארצבורג.
זייט 16. א בריעף פון ארגענטינא — מאקס הילער. קורצע שמועסען.
זייטען 17, 18 און 19 — אדווערטייזמענטס.
זייט 20. די פרויען־וועלט — ראזע בעדריק־בלינדער. צו אלע קלאוקמאכער און ווייסטמאכער!

אונזער אינטערנעשאנאל אין קאנעטיקוט סטייט

די ליידיעס טיילארס פון ניו הייווען און הארטפארד שטעלען ארויס נייע פאדערונגען. — זיי פארלאנגען א 44־שטונדיגע ארבייטס־וואך און א 50 פראצענטיגע העכערונג אין שכירות. — עס ווערען דארט אפגעהאלטען גרויסע מאס־מיטינגען.

קאנעטיקוט סטייט, הויפטזעכליך די שטעדט ניו הייווען, הארטפארד, ברידזשפארט און דענבורי, איז לעצטענס געווארען א לעבעדיגער צענטער פאר אונזער אינטערנעשאנאל, וואו עס ווערט אנגעפיהרט א גאנץ לעבעדיגער ארגאניזאציאנס קאמפיין צווישען אלע ארבייטער אין דער ליידיס גארמענט אינדוסטריע, ווי ווייסט און דרעסמאכער, קארסעטמאכער, ליידיס טיילארס און אלטעריישאן שניידער.

ווי אונזערע לעזער ווייסען שוין פון פריהער, ארבייט איצט אויף דער טעריטאריע בר. סאול זיידמאן, אונזער וויים־פרעזידענט און אינטערנעשאנעל ארגאניזער. ברודער זיידמאן איז לעצטע וואך געווען אין ניו יארק און האט געבראכט גוטע נייעס פון דער ארגאניזאציאנס ארבייט אין די דערמאנטע שטעדט פון קאנעקטיקוט סטייט.

אויף א צווייטען פלאץ אין דעם היינטיגען נומער וועלען די לעזער געפינען א ספעציעלע קארעספאנדענץ פון ברודער זיידמאן גופא, וואו ער גיט אן מעהר איינצעלהייטען וועגען דעם ארגאניזאציאנס־קעמפיין אין יענעם שטאאט.

אין דער שטאדט ניו הייווען זיינען שוין ארגאניזירט ארום 3,000 קארסעטמאכער, און עס איז דארטען, אזוי גוט ווי אין הארטפארד און ברידזשפארט, אויך גאנץ לעבעדיג צווישען די ליידיס טיילארס און אלטעריישאן שניידער.

די ליידיעס טיילארס און אלטעריישאן

(שלוס אויף זייט 17)

ענינים פון אונזער אינטערנעשאָנאַל אין דער פּרעסע

פון א סטעף רעפּאָרטער.

פּרעזידענט שלעזינגער א „פאַרדעכטיגער" מענש.

אין ראַדיקאַלע קרייזען האָט מען שוין לאַנג צוריק געוואוסט, אַז די רעגירונג האַלט אַן „אָפען אויג" אויף אַלע ראַדיקאַלע מענשען אין לאַנד און עס ווערט נאָכגעקוקט וואָס זיי טוען. מען האָט אָבער ניט געוואוסט גענוי ווי ווייט די זאַך געהט.

דער „ניו יאָרק קאָל", די ענגלישע, טעגליכע, סאָציאַליסטישע צייטונג קומט קרעדיט פאַר אויפדעקען דיזע אַנגעלעגענהייט. דער „קאָל" איז נעמליך געלונגען ערגעץ צו באַקומען די ליסטע פון פּערזאָנען וואָס די דעטעקטיווס האָבען צוגעשטעלט דער רעגירונג אַלס „פאַרדעכטיגע" מענשען און די „קאָל" האָט אָנגעפאַנגען מיט א וואָך צוריק פאַרעפענטליכען דעם גאַנצען ליסט.

ווי עס איז צו זעהן פון די פאַרעפענטליכטע פּערזאָנען וואָס איז שוין געדרוקט געוואָרען אין דער „קאָל", האָבען די „געשייטע" פּאָליציי־שפּיאָנען אין דער ליסט אריינגעשטעלט די סאַמע געאַכטעסטע בירגער פון איבער'ן גאַנצען לאַנד. אין דער ליסט ווערען פאַררעכענט אַלס „פאַרדעכטיגע" מענשען ניט נאָר אַלע אָנגעזעהענע, באַוואוסטע סאָציאַליסטען און אויסגעשפּראָכענע ראַדיקאַלען. דאָרט געפינען זיך אויך פּריסטער פון גרויסע קירכען, רעדאַקטערע פון ענגלישע צייטונגען — א חוץ די פון דער „קאָל" זעלבסט, — און צווישען אַלע דיזע „פאַרדעכטיגע" מענשען געפינט זיך אויך דער נאָמען פון אונזער פּרעזידענט, בענדזשאַמין שלעזינגער.

שלעזינגער'ס נאָמען מיט זיין בילד, איז געווען פאַרעפענטליכט אין דער „קאָל" לעצטען פרייטאַג, דעם 22טען אויגוסט. צוזאַמען מיט איהם זיינען יענעם טאָג פאַרעפענטליכט געוואָרען נאָך אַנדערע „פאַרדעכטיגע" מענשען, וועלכע אונזערע לעזער קאָנען געוויס.

אַט זיינען אייניגע פון זיי:

מאָריס הילקוויט. א. שיפּליאַקאָף, דער עדיטאָריעל שרייבער פון די „קאָל", דזשיימס א'ניעל, ראָבערט מיינאָר, א באַוואוסטער קאַרטוניסט מיט ראַדיקאַלע אידעען, וואָס מאַכט קאַרטונס פאַר די גרעסטע זשורנאַלען אין אַמעריקא. מרס. ראָוז פּאַסטאָר סטאָוקס און נאָך אַזעלכע „פאַרדעכטיגע מענשען".

ווי איהר זעהט, אַלזאָ, געפינט זיך אונזער פּרעזידענט שלעזינגער אין א גאַנץ גוטער קאָמפּאַניע. עס איז ווירקליך א גרויסער כבוד צו ווערען פאַררעכענט אַלס א „פאַרדעכטיגער" מענש, צוזאַמען מיט נאָך אַזעלכע „פאַרדעכטיגע" וואָס געפינען זיך אויף יענער ליסט.

קאָמענטירענדיג וועגען דעם ווי אַזוי עס קומט, וואָס פּרעזידענט שלעזינגער געפינט זיך אויף יענער ליסט, שרייבט די „קאָל" פון 22טען אויגוסט:

„בענדזשאַמין שלעזינגער, דער פּרעזידענט פון דער גרויסער אינטערנעשאָנאַל ליידיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן, געפינט זיך אויף דער ליסט מסתמא דערפאַר, ווייל די יוניאָן וואָס ער האָט דאָס פּריווילעגיום צו פיהרען איז באַוואוסט אַלס א ראַדיקאַלע אָרגאַניזאַציאָן. א פּונקט אין דער קאָנסטיטושאָן פון דער אָרגאַניזאַציאָן לויטעט, דאָס דער ארבייטער איז בארעכטיגט צו די פולע פּראָכט פון זיין ארבייט, און דאָס איז געוויס א טייפעלשער פאַרברעכען אין די אויגען פון יענע וואָס לעבען באַרויבענדיג די ארבייטער.

שלעזינגער איז אויך א סאָציאַליסט און עס איז קיין וואונדער וואָס ער באַקומט דעם כבוד דאָרטען דערמאָנט צו ווערען".

* * *

די שטאָט שיקאַגאָ איז צו די מיטגליעדער פון אונזער אינטערנעשאָנאַל גוט באַקאַנט דורך די קאָורט־„אינדזשאַנקשאָנס", מיט וועלכע עס האָט דאָרט, מיט א פּאָר יאָהר צוריק, איינפאַך גערעגענט געגען אונזער יוניאָן. און ווי עס שיינט, איז נאָך דאָרט די „אינדזשאַנקשאָן" מגפה ווייט ניט פאַראיבער.

מיר האָבען שוין אייניגע מאָל אָנגעמערקט, אַז לאָקאַל 100 פון שיקאַגאָ באַגנוגענט זיך ניט מיט דעם זיעג וואָס דער לאָקאַל האָט דאָרט געהאַט, דורך דעם קאָלעקטיוו סעטעלמענט מיט די צוויי אַסאָסיאיישאַנס פון די סקוירט און דרעס שעפּער. דער לאָקאַל נעהט ווייטער אָן מיט זיין אָרגאַניזאַציאָנס־ארבייט און סטרייקס ווערען גערופען געגען איינצעלנע פירמעס, וועמעס שעפּער זיינען נאָך ניט יוניאַניזירט געוואָרען. און ווי מיר זעהען, פון'ם שיקאַגאָ'ער „פאָרווערטס" האָט זיך שוין דאָרט ווידער אָנגעפאַנגען די „אינדזשאַנקשאָן"־מגפה.

מיטוואָך, דעם 20טען אויגוסט, דרוקט דער שיקאַגאָ'ער „פאָרווערטס" מיט א גרויסער קאָפּ אויף דער ערשטער פּיידזש, ווי פאָלגט:

„נעכטען האָט דזשאַדזש דייוויד, פון סופּיריאָר קאָורט, ארויסגעגעבען אַן אינדזשאַנקשאָן אין דעם נאָמען פון דער פירמע פיליפּ קלאַפּסטער פון 134 סויט מאַרקעט סטריט, געגען אָרגאַנייזער דזשוליוס האָכמאַן, געגען דעם פּרעזידענט פון לאָקאַל 100 און געגען אַלע מיטגלידער פון דער דרעס און ווייסט מייקערס יוניאָן.

„דיזער אינדזשאַנקשאָן ווערט פאַררעכענט צו זיין איינער פון די שרעקליכסטע, וועלכע זיינען ווען עס איז ארויסגעגעבען געוואָרען געגען סטרייקענדע ארבייטער אפילו אין שיקאַגאָ.

„דזשאַדזש דייוויד וועלכער איז א פּראָמינענטע פּערזאָן אויף דער אידישער גאַס און וועלכער איז באַקאַנט אין ציוניסטישע קרייזען, האָט דיזען אינדזשאַנקשאָן ארויסגעגעבען.

„ביי דער פאַרהאַנדלונג, איידער דער אינדזשאַנקשאָן איז ארויסגעגעבען געוואָרען, איז ערשינען דזשוליוס האָכמאַן און האָט געבעטען דעם דזשאַדזש ער זאָל אָבלעגען זיין אורטייל אויף א טאָג אָדער צוויי, ביז ער וועט האָבען א געלעגענהייט צו קריגען א לאָיער, וועלכער זאָל רעפּרעזענטירען לאָקאַל 100. אַלס אורזאַכע האָט האָכמאַן אָנגעגעבען, אַז דער לאָיער פון דער יוניאָן איז איצט אין קאַליפאָרניא און קען ניט זיין ביים טריעל. אין אַזעלכע פעלע זיינען דזשאַדזשעס ליבעראַל און נאָכגעבענד, דאָך האָט דיזער דזשאַדזש זיך ענטזאָגט נאָכצוגעבען דעם פאַרלאַנג פון דעם פאַרטרעטער פון דער יוניאָן.

„די גאַנצע הערינג האָט ניט געדויערט מעהר ווי א 30 מינוט, און וועלכער צייט האָכמאַן האָט געקראָגען וועניג געלעגענהייט צו פאַרטיידיגען די יוניאָן און דער דזשאַדזש האָט באַוויליגט דעם פאַרלאַנג פון די באָסעס.

„נאָכדעם ווי דער דזשאַדזש האָט צופרידענגעשטעלט די בעלי־בתים, האָט ער זיך געווענדעט צו דזשוליוס האָכמאַן און האָט איהם געזאָגט:

"אַלס פאַרטרעטער פון דער יוניאָן וויל איך אייך וואָרענען דאָס אויב דער אָרדער פון קאָורט וועט נישט נעפאָלגט ווערען נאָכדעם ווי דער אינדזשאַנקשאָן וועט ארויסגעגעבען ווערען, וועט ניט זיין קיין געלד־שטראָף, איך וועל געבען אירגענד וועלכע פּערזאָן וואָס וועט איבערטרעטען דעם אינדזשאַנקשאָן די העכסטע שטראָף".

האָכמאַן האָט אויף דעם געענטפערט, אַז די פּיקעטס זיינען פרידליך, און פרידליך פּיקעטען מעג מען.

„זיי טאָרען דאָרטען אין גאַנצען ניט אַרומגעהן", האָט דזשאַדזש דייוויד געענטפערט. „אויב דיזע רעגירונג זאָל אָנהאַלטען".

צו א פאַרטרעטער פון „פאָרווערטס" האָט געזאָגט דזשוליוס האָכמאַן, ערקלערט אַז די יוניאָן האָט אָנגעשטעלט דעם באַקאַנטען לאָיער מר. מאַקס שולמאַן צו באַקעמפען דעם אינדזשאַנקשאָן פון דזשאַדזש דייוויד אין די העכערע קאָורטס, און אויב נויטיג וועט מען די פראַגע ברענגען צו דער סופּרים קאָרט."

מיט צוויי טעג שפּעטער, אין דעם „פאָרווערטס" פון פרייטאָג דעם 22טען, לעזען מיר, אַז פאַר דעם זעלבען אידישען דזשאַדזש איז פאָרגעקומען א צווייטע „הירינג" וועגען דעם „אינדזשאַנקשאָן", און לאָיער שולמאַן האָט גאַנץ פעהיג פאַרטיידיגט די יוניאָן. דער „אינדזשאַנקשאָן" געגען לאָקאַל איז געמאַכט געוואָרען אַבּסאָל מילדער, אָבער... פּיקעטען קלאָפּמערס שאָפּ ערלויבט נאָך אַלץ ניט דער אידישער דזשאַדזש. אַלס איד שטעהט אָפּנים, דער דזשאַדזש דייוויד פאַר „פרידען", ער קען אוודאי ניט פאַרליידען דעם קריעג וואָס געהט אָן צווישען קאַפּיטאַל און ארבייט און ער וויל מסתמא, עס זאָל זיין שלום... טאַקע אין דער אמת'ען, צו וואָס דאַרפען זיך ארבייטער דרעהען א קאָפּ מיט סטרייקען, מיט פּיקעטען און נאָך אַזעלכע רעוואָלוציאָנערע שמאַכטעס זאָלען זיי בעסער זיצען רוהיג און ארבייטען. און ווי באַלד, רעכענט ער, — ער וועט ניט ערלויבען צו פּיקעטען, וועלען זיך גלייך ענדיגען אַלע סטרייקס.

אין דעם „אינדזשאַנקשאָן" פון דזשאַדזש דייוויד איז דאָ א פּונקט אַז די מיטגלידער פון לאָקאַל 100 טאָרען ניט נעהען אויף דער זעלבער גאַס וואו עס נעהען צו דער ארבייט די סקעבס פון קלאָפּסטערס שאָפּ. אָבער אַזוי ווי די סקעבס מוזען דאָך געהען צו דער ארבייט דורך וועלכער גאַס זיי ווילען, קומט אויס, דאָס די מיטגלידער פון לאָק. 100 טאָרען ניט געהען אויף קיין גאַס פון שיקאַגאָ.

די מיטגלידער פון לאָק. 100 אין שיקאַגאָ האָבען אַלזאָ, צוויי ברירה'ס, ענטוועדער אין גאַנצען ארויסמופען פון שיקאַגאָ, אָדער זיך קויפען לופט־שיפען און פליהען איבער די שיקאַגאָ'ער גאַסען. ווייל נאָר דאַן וועלען זיי זיך קאָנען אויסהיטען ניט ווידערצושפּעניגען דעם שטרענגען אינדזשאַנקשאָן פון זייער שלום זוכענדען דזשאַדזש דייוויד.

זעהר כאַראַקטעריסטיש איז אויך וואָס ביים צווייטען „הירינג" האָט זיך דער דזשאַדזש אויסגעדריקט, אַז לויט דער קאָנסטיטושאָן פון די פאַראייניגטע שטאַאַטען מעג מען יאָ אין אַמעריקא סטרייקען, כאָטש מאַנכע דזשאַדזשעס דיינקען, אַז סטרייקס בכלל זיינען אומגעזעצליך... ער דענקט, אַלזאָ, אַז סטרייקען מעג מען יאָ, נאָר דער סטרייק טאָר ניט געפיהרט ווערען „צו שעדיגען די ביזנעס פון דעם באָס, געגען וועלכען מען סטרייקט."

אָבער ווי איז אַזאַ זאַך מעגליך? ווען מען שטעלט נאָר אָפּ דעם באָס שאָפּ שעדיגט עס שוין זיינע ביזנעס! יעדען טאָג פון סטרייק פאַרלירט דער באָס געלד און דאָס שעדיגט זיינע ביזנעס. ווי עס שיינט, האָט דער דזשאַדזש געמיינט האָבען אין זינען אַזעלכע „סטרייקס" ווי מיר האָבען דאָ געהאַט לעצטענס אין ניו יאָרק געגען דער „אינטערבאָראָ קאָמפּאַניע"... וואו די ארבייטער פון דער קאָמפּאַניעס „יוניאָן" זיינען ארויסגעגאַנגען „סטרייקען",—צו פאַרבעסערען דער קאָמפּאַניעס געשעפטען. לויט דער מיינונג פון דזשאַדזש דייוויד, מעג מען, אַלזאָ, רופען בלויז אַזעלכע סטרייקס, ווייל נאָר אַזעלכע פייק־סטרייקס ווערען גערופען ניט צו שעדיגען דעם באָס ביזנעס. דער דזשאַדזש האָט געמעגט וויסען, דאָס ווי באַלד סטרייקס וואָלטען ניט שעדיגען די ביזנעס פון די מאַנופעקטשורער, וואָלט קיין סטרייק קיין מאָל ניט געוואונען געוואָרען. דאַן וואָלטען די באָסעס לאָזען זייערע ארבייטער סטרייקען אפילו אייביג און וואָלטען קיין מאָל מיט קיין יוניאָן ניט געמאַכט אירגענד וועלכען סעטעלמענט. אַזעלכע זאַכען האָט אפילו א דזשאַדזש אויך געמעגט וויסען.

* * *

ווי אונזערע לעזער ווייסען פון לעצטען נומער „גערעכטיגקייט" איז אין ניו יאָרק אָפּגעהאַלטען געוואָרען א לייבאָר יוניאָן קאָנפערענץ, און עס איז געשאַפען געוואָרען א לייבאָר יוניאָן קאָנפערענץ קאָמיטע פון וועלכער אונזער סעקרעטער אַב. באַראָף איז ערוועהלט געוואָרען טרעזשורער. די קאָמיטע האָט זיך פאַרגענומען צו שאַפען אין דער טרייד יוניאָן־וועלט, 100 טויזענד דאָלער פאַר א פאָנד צו העלפען דער רענד סקול און די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, זיך צו פאַרטיידיגען געגען דער פינסטערער רעאַקציע וואָס האָט אויסגעשטרעקט איהרע נענגעל געגען דער פרייהייטליכער באַוועגונג אין ניו יאָרק און אַנדערע שטעט. אַן אויפרוף פאַר דעם פאָנד האָט די לייבאָר יוניאָן קאָמיטע לעצטע וואָך פאַרעפענטליכט אין די „גערעכטיגקייט".

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער טעטיגקייט שרייבט די „ניו יאָרק קאָל" פון לעצטען שבת, ווי פאָלגט:

„די ליידיס ווייסט מייקערס יוניאָן לאָקאַל 25, איינע פון די שטאַרקסטע ארבייטער אָרגאַניזאַציאָנען אין דער נידעל אינדוסטרי פון ניו יאָרק, האָט שוין אָנגעפאַנגען אַן אַקטיווען „דרייוו" צו העלפען דער לייבאָר יוניאָן קאָנפערענץ קאָמיטע אין דעם קאַמפּיין צו שאַפען דעם 100 טויזענד דאָלער פאָנד צו פייטען די רעאַקציע".

און די „קאָל" דערצעהלט אַזוי איהרע לעזער, ווי אונזער ווייסט און דרעס מאַכער יוניאָן לאָק. 25, איז געווען די ערשטע יוניאָן אין ניו יאָרק, אָרויסצושיקען איבער די שעפּער סובסקריפּשאָן ליסטען צו זאַמלען תּיכף געלד פאַר דעם פאָנד.

די „קאָל" לויבט מיט די העכסטע ווערטער די שנעלע האַנדלונג פון לאָקאַל 25 אין פאַרענדיגט, דאָס זי האָפט אַז אַלע אַנדערע ארבייטער אָרגאַניזאַציאָנען וועלען טאָן דאָס זעלבע.

לאָמיר האָפען אַז עס וועט טאַקע זיין אַזוי, דאָס אַלע אַנדערע יוניאָנס וועלען טאַקע ווירקליך טאָן דאָס זעלבע און העלפען וואָס גיכער שאַפען דעם פאָנד, וועלכער איז ווירקליך פיעל נויטיגער פון אַלע אַנדערע פאָנדס וואָס ווערען געקליבען. די רעאַקציע דאַרף באַקעמפט ווערען פריהער פון אַלץ.

* * *

אויף דער טאָגעס אָרדנונג פון אונזער אינטערנעשיאָנאַל שטעהן איצט די ליידיס טיילאָרס יוניאָנס אין פילע שטעט. וועגען דער איצטיגער טעטיגקייט פון אונזער ניו יאָרקער ליידיס טיילאָרס יוניאָן, לאָקאַל 80, וועלען די לעזער געפינען אויף דער ערשטער זייט פון דעם נומער. דאָ ווילען מיר איבערגעבען וואָס ברודער היימאַן שנייד, דער אָרגאַנייזער פון די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען אין שיקאַגאָ, שרייבט וועגען אונזער ליידיס טיילאָרס יוניאָן, לאָקאַל 104 פון יענער שטאָדט.

אונטער דער קעפּעל: „טעטיגקייטען אין דער שיקאַגאָ'ער טרייד יוניאָן באַוועגונג", שרייבט ברודער שנייד אין שיקאַגאָ'ער „פאָרווערטס" פון'ם 23טען אויגוסט:

„די סדרה 44 שטונדען און 44 דאָלער א וואָך געהט איצט ביי די ליידיס טיילאָרס יוניאָן אין שיקאַגאָ.

„די ליידיס טיילאָרס יוניאָן וועלכע אין א טייל פון דער ליידיס גאַרמענט וואָרקערס אינטערנעשאָנאַל, האָט שוין די 44 שטונדיגע וואָך איינגעפיהרט מיט עטליכע מאָנאַטען צוריק, אָבער זייערע שוועסטער לאָקאַלען, די קלאָוק מאַכערס, האָבען זיי דערפאַר אריבערגעיאָגט, און האָבען ניט נאָר איינגעפיהרט 44 שטונדען א וואָך ארבייט, נאָר זיי האָבען אויך אוועקגעשטעלט 44 דאָלער אַלס א מינימום ווידזש סקייל און דאָס האָבען שוין די ליידיס טיילאָרס ניט געקענט פאַרטראָגען. סטייטש! זיי זיינען די „קינסטלער", דאָס אויבערשטע פון שטייפעל, און די קלאָוק מאַכער זאָלען זיי אריבעריאָגען! און דער „צאָרן" האָט זיך ביי זיי צוברענט. איצט ארבייטען זיי אויס ווי אַזוי די נייע פאָדערונגען פאָרצולעגען, און מיט גאָטעס הילף וועלען זיי מן הסתם קריגען וואָס זיי ווילען.

„דער לאָקאַל פון די ליידיס טיילאָרס איז איצט אין בעסטען צושטאַנד. זיי האָבען אריבער פינף הונדערט מיטגלידער, און א ליידיס טיילאָר ביי היינטיגען טאָג איז ווערט פאַר א באָס א „רענדעל" א קוק צו טאָן אויף איהם. נו, איז נאָך א פראַגע אַז זיי מוזען געווינען?"

אינטערנעשאָנאַל לאָקאַלס אין באָסטאָן אין א גלענצענדען צושטאַנד

(שלום פון זייטע 1.)

מענט איז ראַטיפיצירט געוואָרען אויף א באַנייסטערטען מיטינג פון די סטרייקער.

די גאַנצע ריינקאָוט־אינדוסטריע פון באָסטאָן און אומגעגענד איז פאָלשטענדיג יוניאָניזירט געוואָרען און דער לאָקאַל געפינט זיך אין א גוטען פינאַנציעלען צושטאַנד, כאָטש ער האָט נאָרוואָס דורכגעמאַכט א גענעראַל סטרייק. דער לאָקאַל געפינט זיך, אַלזאָ, אויף א הויכען שטאַנד מאָראַליש און פינאַנציעל.

גאַנץ לעבעדיג איז דאָרט אויך צווישען די מיטגלידער פון דער ווייסט־מאַכער יוניאָן לאָקאַל 49 און ביי די ליידיעס טיילאָרס פון לאָקאַל 36. די ווייסט־מאַכער האָבען באַקומען א באַדייטענדע העכערונג אין שכירות, פון 6 ביז 7 דאָלאַר א וואָך. און די ליידיעס טיילאָרס אין באָסטאָן, ווי אונזערע ליידיעס טיילאָרס יוניאָנס אומעדום, גרייטען זיך צו באַקומען נייע פאַרבעסערונגען.

ווי איהר זעהט, אַלזאָ, איז עס ווי מיר האָבען געזאָגט גלייך ביים אָנפאַנג, — אַלע אינטערנעשאָנאַל לאָקאַלס אין באָסטאָן געפינען זיך אין א גלענצענדען צושטאַנד!